STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06413

TRIT AF SAN-MARTINISHER ERD

Tzalel Blitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צאַלעל בליץ

טריט אף סאָן־מאַרטינישער ערד

צאַלעל בליץ

טריט אַף
סאַן־מאַרטינישער ערד

אַרויסגעגעבן אין פאַרבינדונג מיטן 150סטן יאָרטאָג
פון דער מײַ־רעוואָלוציע

פאַרלאַג איקוף
בוענאָס איירעס

1961

TZALEL BLITZ

Trit af Sanmartinischer Erd

(Pasos sobre Tierra Sanmartiniana)

Editado con motivo del Sesquicentenario de la Revolución de Mayo

Copyright by ICUF, Bs. Aires.
Queda hecho el depósito que marca la Ley

Editorial "ICUF"
Buenos Aires, 1961

דער זין פון די טריט

(אַרײַנפֿיר־וואָרט)

טריט... 15 לײַכטע טריט אויף דער יונגער ערד פון אַרגענטינישן פֿאָלק ווערן געשטעלט אין דאָזיקן בוך. 15 טריט לעקאָוועד דעם 150טן יאָרטאָג פֿון יענעם היסטאָרישן באַגינען, פֿון יענעם פֿאָלקישן מאָרגנרויט, ווען די אַרגענטינער געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן מיטן וואָרט פֿרײַהײַט.

ניט לײַכט איז צו שטעלן טריט אין אַ שווערער צײַט, און ניט אַלע טריט, וואָס מען וויל שטעלן, קענען געשטעלט ווערן . . .

די איצטיקע 15 טריט זײַנען געמאַכט געוואָרן אין לויף פֿון די לעצטע 10 יאָר, אויף די וועגן פֿון דער אַרגענטינער קאַמפֿס־געשיכטע, פֿון די לאַנדשאַפֿטלעכע שיינקייטן פֿון לאַנד און פֿון ייִדיש־קאָלאָניסטישן ערד־לעבן. מיר האָבן זיך באַמיט, אַז די טריט זאָלן האַרמאָניזירן צווישן זיך און אַז ס'זאָל זיך באַקומען אַ פּאַנאָראַמיש בילד, אין היסטאָרישן, געאָגראַפֿישן און ייִדיש־פּויערישן זינען.

די טריט זײַנען ניט קיין פֿרעמדע און ניט קיין גלײַכגילטיקע. מער גלעטנדיקס ווי טרעטנדיקס איז פֿאַראַן אין זיי. זיי הילכן אָפּ מיטן פֿרענעטישן, איקופֿישן „יאָ" צו אַרגענטינע און מיט יענעם סאָציאַל־דורכגעלויטערטן פּאַטריאָטיזם, מיט וועלכן מיר זײַנען דורכגעדרונגען דורך און דורך. פֿאַראַן אין זיי שפּורן פֿון יענער באַגײַסטערונג, וואָס דער ריזן־דיכטער פֿון לאַטײַן־אַמעריקע, רובען דאַריאָ, האָט ארויסגעשטורעמט פֿון זיך, מיט 50 יאָר צוריק, אין זײַן „אָדע צו דער אַרגענטינער רעפּובליק":

„רום און ליבע צו דיר!
רום צו די אָפּגלאַנצן פֿון דײַן נעשאָמע
און צום אײַזן פֿון דײַנע פֿרײַהייט־קעמפֿער!
ליבע צו דיר, נאַציע פֿון די נאַציעס פֿון אַמעריקע!

ליבע צו דיר, ווײַל אין דיר שלאָגט
דער הײליקער לעבנס־ווילן אונדזערער!
ווײַל אין דײַן האַרצקלאַפּן, אָ, האַרץ פון אַמעריקע,
הער איך די מוזיק פון קומענדיקן אוניווערס!"

נאָך מער זײַנען מיר מסכּים מיט דאַריאָ, ווען ער זאָגט:

„די סטאַטוע פון פרײַהייט הייבט זיך אויף אַנטקעגן דער ריזיקער, ציקלאָפּישער ניו־יאָרק, אָבער דער סימבאָל פון צוקונפטיקן לעבן פון לאַטײַן־אַמעריקע דאַרף זיך אויפהייבן אַנטקעגן דער טריומפירנדיקער בוענאָס־אײַרעס!".

און צום שטאַרקסטן זײַנען מיר מסכּים מיטן דיכטער, ווען ער רופט אויס צו אַרגענטינע:

„דײַן אײַזן און דײַן בלוט, און דאָס טײַערסטע פון אַלע דײַנע רײַכטימער איז די פרײַהייט!".

פרײַהייט איז אָבער אַ דעליקאַטע זאַך, און מאַריאַנאָ מאָרענאָ — די נשמה און דער יוגנטלעכער גײַסט פון דער מײַ־רעוואָלוציע, האָט געזאָגט: „יעדער טיראַן קען צווינגען זײַנע שקלאַפן צו זינגען הימנען צו דער פרײַהייט...".

אָט קעגן דער דאָזיקער קלוימערשטער, טיראַנישער „פרײַהייט" דאַרף מען קעמפן, שטרײַטן און ראַנגלען זיך אָן אויפהער. „פרײַהייט" דאַרף ווערן אויס רעטאָרישער, אויס טעאָרעטישער, און אויס געפעלשטער באַגריף אַף אונדזער סאַן־מאַרטינישער ערד.

צו אַזאַ באַפרײַטער פרײַהייט — אַזאַ ווי עס האָבן זי פאַרשטאַנען מאָרענאָ, סאַן־מאַרטין און דאַריאָ, זײַנען געווענדט אונדזערע טריט — די 15 טריט פון דאָזיקן בוך און די מיליאָנען טריט פון דער נאָענטסטער צוקונפט.

אונדזער לאַנד

(יוגנט־הימן)

בלוי און ראָז איז דער באַגינען,
בלוי און ראָז די גאַנצע וועלט,
פלייצט די זון אף אלע וועגן,
גיסט זיך גינגאָלד אַפן פעלד.

שווימען טײַכן אונדז אנטקעגן,
פליט א דערפל, שוועבט א שטאָט,
ס׳וויקלט זיך דאָס לאַנד דאָס גאַנצע
אונטער אונדזער יונגן טראָט.

רױשן ווייצן סאַנטאַ־פעער,
ענטרע־ריאָס גריסט מיט ליאָן,
בערג פון קאָרדאָבאַ צעשטראַלטע
טאַנצן אויך אַרײַן אין קאָן.

און מענדאָסאַ בלענדט פון ווײַטן,
פינקלט ווי א בעכער ווײַן;
אַך, ווי אונדזער לאַנד איז ליכטיק,
אַך, ווי ס׳ווילט זיך יונג דאָ זײַן!

פונעם איגואַזו צעשפריצטן
ביזן ווײַטן פײַערלאַנד
פלאַטערט אונדזער פרייד די יונגע
ווי א זילבערדיקער באַנד.

בלוי און ראָז איז דער באַגינען,
בלוי און ראָז די גאַנצע וועלט,
אונדזער אימפעט וועט צעשפּאַרן
אַלץ וואָס צוימט אונדז און פאַרשטעלט!

מיט שווערד און וואָרט

סאַן מאַרטין און

זײַנע צוויי טראָפּייען

.1

אין מאַרץ 1812 האָט זיך אַ שלאַנקער שפּאַנישער מיליטערמאַן צוגעשיפֿט צו די ברעגעס פֿון דער יונגיטשקער אַרגענטינע, וואָס איז נאָך דאַן ניט אַלט געווען קיין 2 יאָר און וואָס האָט ערשט מיט איבער 4 יאָר שפּעטער פּראָקלאַמירט איר אומאָפּהענגיקייט.

דער מיליטערמאַן, וואָס האָט אויף זײַנע יונגע אַקסלען געטראָגן דעם ראַנג פֿון קאָראָנעל, האָט אַרײַנגעוואָרפֿן אין יאַם צוויי פֿון די ווערטפֿולסטע זאַכן פֿון זײַן מיליטערישן לעבן: זײַן פֿאַרגאַנגענהייט און זײַן צוקונפֿט. הינטער אים, אויפֿן פּעדעסטאַל פֿון זײַן קאָראָנעל־ראַנג, איז געבליבן פֿאַרזילט זײַן 20יאָריקער מילכאָמע־מאַרשרוט, זײַנע שפּאַנישע שלאַכטן מיט מורינען, פּאָרטוגעזן, פֿראַנצויזן און ענגלענדער, זײַן קאַוואַלעריסטישער רום אויף די נאַפּאָלעאָנישע שלאַכטפֿעלדער. די דאָזיקע פֿאַרגאַנגענהייט האָט געהאַלטן פֿאַר אים אויפֿן אַלע טויערן פֿון דער צוקונפֿט, אָבער ער האָט מיט איין שטויס פֿאַרהאַקט די דאָזיקע אַלע טויערן, ווײַל אַזוי האָט אים דיקטירט דער אוממיליטערישסטער אָרגאַן פֿון אַ מיליטערמאַן — דאָס האַרץ.

געווען איז עס דאָס סאַן־מאַרטינישע האַרץ. ווי אַ שטורעם האָט זיך אין דאָזיקן האַרצן אויפֿגעהויבן אַן אידעאַל: באַפֿרײַען דאָרעם־אַמעריקע פֿון דער ברוטאַלער מאַכט, פֿון יענער ברוטאַלער מאַכט צו וועלכער עס האָט געהערט זײַן פֿאַרגאַנגענהייט און וועלכע האָט געזאָלט אויסשניצן זײַן צוקונפֿט. אַ טיף־נעשאָמעדיקער געבאָט, וואָס איז שטאַרקער פֿון ניכטערע איבערעכענונגען, האָט אים אַוועקגעטראָגן צו

זײַן אַרגענטינישן געבורטלאַנד, וואָס ער האָט געהאַט פאַרלאָזן אין עלטער פון 7 יאָר און וווּ ער איז געקומען אַף דער וועלט מיט איבער 33 יאָר צוריק אין צאַפּנדיק-מיסיאָנערישן שטעטל זשאַפּוזשו.

לויט דער שפּאַנישער מיליטערישער טערמינאָלאָגיע איז ער געווען אַ דעזערטיר, אָבער לויט דער טערמינאָלאָגיע פון זײַן אייגענעם געוויסן און פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז ער געווען דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זײַן: אַ באַגײַס־טערטער העראָלד פון דער פרײַהייט.

ער האָט, אַגעוו, ניט בויגעד געווען אין שפּאַניע, נאָר מוירעד געווען אין דער שפּאַנישער מעטורעפער מאָנאַרכיע, אין דעגענערירטן פערנאַנדאָ דעם 7טן, אָדער ווי סאַן מאַרטין האָט אים גערופן „פערנאַנדיטאָ", אונטער וועמענס נעבעכ־דיקער אויבערהערשאַפט עס האָט ווײַטער געזאָלט כווישעבן דאָרעם־אַמעריקע.

אַזוי ווי נאַפּאָלעאָן האָט מיט אַ צײַט צוריק קאָנפיסקירט דעם דאָזיקן פערנאַנדל, האָבן די פעלקער פון די דאָרעם־אַמע־ריקאַנער וויצע־קעניגטומס דערפילט מיטאַמאָל זייער אײַ־גענע זעלבשטענדיקע ווערדע, און שפּעטער האָבן זיי זיך אָרומ־געזען אַז זיי קענען זיך אײַנגאַנצן באַגיין אָן פערנאַנדלען. דער קאָנטינענט האָט זיך אַ ריר געטאָן און האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט אײַנשטילן. דער יונגער קאָראָנעל, וואָס איז אָראָפּגעשטיגן אין בוענאָס אײַרעס, האָט בלויז געדאַרפט אָנ־נעמען דעם קאָנטינענט פאַר זײַן דאָרעמדיקן עק, און באָ־ליוואַר, אין קאַראַקאַס, פאַרן צאָפנדיקן, און צוזאַמען געבן דעם דעפיניטיוון טרייסל. 10 יאָר האָבן זיי געטרייסלט, ביז זיי האָבן דעם גאַנצן שפּאַניש־מאָנאַרכיסטישן היישעריק אויסגעטרייסלט מיליטעריש אין יאַם.

די נאַציאָנאַל־באַפרײַערישע רייניקונג איז פאָרגעקומען לענגאויס דער ווײַסער באַרגקייט פון די אַנדן. צווישן די 2 העכסטע באַרגשפּיצן אירע: טשימבאָראַסאָ אין צאָפן און אַקאָנקאַגוואָ אין דאָרעם. צופוסנס פון די דאָזיקע שפּיצן האָבן סאַן מאַרטין און באָליוואַר אָפּגעטאָן דאָס שייאיר־לאַאָזאָל־דיקע שטיקל אַרבעט זייערס. דערפאַר שימערירן זייערע גע־שטאַלטן אין פייזאַזש פון דער דאָרעם־אַמעריקאַנער געשיכ־טע מיט דער זעלבער מאַיעסטעטישקייט ווי די 2 שפּיצן פון דער קאָרדיליערע. עס איז בלויז אַ פראַגע, וואָס איז שענער אין דאָרעם־אַמעריקע: דער פייזאַזש פון איר געאָגראַפיע צי דער פייזאַזש פון איר געשיכטע?...

2

מען קען ניט באשרײַבן די סאַן־מאַרטינישע עפּאָפּע אַף
זיבעציקער ווי 500 זײַטן. אַף אַ ענג־סאַכהאַקלדיקן, סור־
פּערסינטעטישן און טרוקן־כראָנאָלאָגישן אויפן לאָזט זיך
קוים זאָגן אַט־וואָס:

די רעגירונג (טריומווירא̇ט) פון בוענאָס־אײַרעס האָט זיך
פון אָנהייב באַצויגן מיט כשאַד צום דאָזיקן העכסט־אומנאָר־
מאַלן פאַל פון אַ יונגן שפּאַנישן אומבאַקאַנטן קאָראַנעל, וואָס
ברענגט אַ קאָרבן זײַן פאַרזיכערטע שפּאַנישע צוקונפט קעדיי
אַרײַנצוּוואַרפן זיך אין אַן אומזיכערער, ראָמאַנטישער, אַנ־
טישפּאַנישער אַוואַנטורע. דער קאָרבן האָט אויסגעזען צו
גרויסמוטיק און מען האָט אַפילע גערעכנט אַז דאָס איז דער
אַלטער טריק פון טראָיאַנער פערד, אָבער נאָכדעם ווי דער
אײַנפלוסרײַכער קאַרלאָס אַלוועאַר האָט גאַראַנטירט פאַר אים,
האָט מען סאַן מאַרטינען געגעבן פרײַע הענט, און מיט די
דאָזיקע פרײַע אָבער פוסטע הענט האָט ער גענומען מאָנטירן
דעם מעכאַניזם פון דער באַפרײַערישער אַרמיי.

ער האָט אויפגעשטעלט פון גאָרניט דעם רעגימענט פון
רײַטער־גרענאַדירן און שוין אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט ער
צעשטויבט אַ שפּאַנישן כאַיל אין סאַן־לאָרענסאָ. די הויפּט־
פּראָבלעם פון לאַנד איז באַשטאַנען אין דער פּערמאַנענטער
אומזיכערקייט אַף דער צאָפנדיקער גרענעץ. אַזוי ווי דער
שפּאַנישער סוינע איז דאָרט געווען זייער שטאַרק און די
געאָגראַפיש־סטראַטעגישע באַדינגונגען זײַנען געווען אַזוינע,
אַז מען האָט ניט געקענט דערגרייכן קיין דעצידירנדיקן זיג,
איז סאַן מאַרטין געפאַלן אַף אַן אײַנפאַל פון האַניבאַלישן
פאַרנעם, אַפן קרוין־אײַנפאַל פון זײַן לעבן: אויסרײַסן דעם
סוינע מיטן וואָרצל הינטן אַרום, דורכן וועג פון פּאַציפישן
יאַם־ברעג, און טויטן אים אין זײַן הויפּט־נאָרע פון לימאַ,
אין וויצע־קעניגטום פון פּערו, אין דער הויפּטשטאָט פון דער
דאָרעם־אַמעריקאַנער אינקוויזיציע... דער וועג איז געווען אַ
ריזיקאַלישערער און אַ לענגערער, אָבער סאָף־קאָל־סאָף אַ
לײַכטערער, ביפראַט אַז אַפן דאָזיקן גוירלדיקן שליאַך איז
געלעגן ניט נאָר די אויסלייזונג פון אַרגענטינע נאָר אויך די
באַפרײַונג פון טשילע און פּערו... וואָס שײַך דער צאָפנדי־
קער גרענעץ, וועט זי דערווײַל, ביז וואָס־ווען, איבערבלײַבן
אַפן שיצערישן באַראָט פון דער פּאַרטיזאַנישער קאַוואַלע־
ריע פון גועמעסן.

די דאָזיקע ברייטע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו האָט ביז
איבער די ברעגעס אָנגעפילט מיט וויזיאָנערישער ליכטיקייט
סאַן מאַרטינס נעמוט. זײַן ליבע צו זײַן אַרגענטינישן היימ־

לאַנד האָט מיטאַמאָל באַקומען די ערד־קאַטעגאָריע פֿון אַל־אַמעריקאַנישקייט.

די קלײנקעפּלדיקע רעגירער, וואָס האָבן קיין שום פֿאַרשטעלונג־קראַפֿט ניט געהאַט, האָבן געציטערט פֿאַרן ברייטפֿליגלדיקן פֿאַרנעם פֿון סאַן מאַרטינס פּלענער, און אייניקע פֿון זיי האָבן ווידעראַמאָל געמיינט אַז ער וויל אַרײַנפֿירן אַרגענטינע אין אַ שפּאַנישער באָד אַרײַן... סאַן מאַרטינס פֿעסטקייט האָט זיך אָבער ניט געגעבן קיין וואַקל. ער האָט געפֿועלט אַז מען זאָל אים באַשטימען פֿאַר גובערנאַטאָר פֿון קוזשאָ, און דאָרט, אין מענדאָסאַ, צופֿוסנס פֿון די אַנדן, אויפֿן ראַנד פֿון זײַן צוקונפֿטיקן מאַרשרוט, שמידט ער אויס אין 3 יאָר אַ נײַע פֿאָלקס־אַרמיי, אייגענע קליי־זאַין און אַ פֿרענעטישע קריגס־שטימונג קעגן די „גאָדן", ווי ער רופֿט ביטלדיק די שפּאַניער. אָנהייב 1817 שנײַדט ער דורך אין 18 טעג, דורך באַרג־שפּאַלטן און סטעזשקעס, די קאָרדיליערע, צוזאַמען מיטן טשילענער גענעראַל אָ'היגינס און מיט אַן אַרמיי פֿון 5.200 זעלנער. ער צעטרײַבערט איין שפּאַנישע אַרמיי אין טשאַקאַבוקאָ און, נאָך אַ טיילווײַזער מאַפּאַלע אין קאַנטשאַ ראַזשאַדאַ, צעשלאָגט ער די צווייטע שפּאַנישע הויפּטאַרמיי אין מײַפּו.

טשילע איז באַפֿרײַט און דער ערשטער עטאַפּ פֿון דער וויזיע איז דערגרייכט. מען וויל איבערגעבן סאַן מאַרטינען די גאַנצע מאַכט און גרויסע געלט־קאָמפּענסאַציעס. פֿאַרן געלט הייסט ער גרינדן אַ נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, און וואָס שײַך דער מאַכט, דערקלערט ער אַז זי געהערט אינגאַנצן צום פֿאָלק פֿון טשילע. אין זײַן האַרצן פּלאַטערט דער צווייטער עטאַפּ און די גרויסע מעטע: באַפֿרײַען פּערו און אַרײַנגיין אין לימאַ. דער צווייטער עטאַפּ איז ניט קיין באַרגיקער נאָר אַ יאַמיקער. עס האַנדלט זיך אין אַ גיכער אינוואַזיע דורכן יאַם. ס'ווערט צונויפֿגעקלאַפּט אַ פֿלאָט און אַ נײַע אַרגענטיניש־טשילענישע אַרמיי, און די יאַם־עקספּעדיציע פֿון די באַרג־וועטעראַנען איז פֿאַרטיק.

די בוענאָס אײַרעסער רעגירונג רופֿט אים צוריק ווײַל אין דער לופֿטן הענגט אַ בירגער־קריג און ווײַל ס'דראָט אַ שפּאַנישע אינוואַזיע. סאַן מאַרטין פֿאָלגט אָבער ניט, ווײַל ער וויל ניט פֿאַראומווירדיקן זײַן שווערד דורך פֿאַרגיסן ברודער־בלוט און ווײַל פֿון לימאַ רופֿט אים דער היסטאָרישער הויפּטציל פֿון זײַן לעבן, פֿון זײַן פֿאָטערלאַנד און פֿון גאַנץ אַמעריקע. ער הייבט אָן די קאַמפּאַניע פֿון פּערו און נאָך אַ געדולדיק־שאַרפֿזיניקער באַלאַגערונג־פּאָליטיק נעמט ער אײַן לימאַ און קאַוזשאַאָ אָן איין שאָס. די שפּאַניער ציען זיך צוריק אין די בערג און סאַן מאַרטין פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט פֿון פּערו.

פון צאַפן דערנענטערט זיך דערווייַל באָליוואַרס באַפרייַאונגס-כוואַליע. צאַפן און דאָרעם טרעפן זיך פונקט אַפן עקוואַטאָר... טשימבאָראַסאָ און אַקאָנקאַגוואַ קומען זיך צונויף אין גוואַזשאַקיל... סאַן מאַרטין לייגט פאָר באָליוואַרן פאַראייניקן ביידע אַרמייען און צוזאַמען פאַרענדיקן מיטן סוינע וואָס איז פאַרקראָכן אין די באַרג-לעכער. באָליוואַר האָט אָבער געהאַט אַ מאַניע פון גרויסקייט, ער האָט געבלאָזן פון זיך און איז געווען באַהערשט פון אַ גייַסט פון צעזאַריזם. אַלע זייַנע קאָמפּאַניעס האָבן זיך געענדיקט מיט אַנעקסיעס און אומעטום האָט ער אייַנגעשטעלט זייַן פּערזענלעכע מאַכט, אין דער צייַט ווען סאַן מאַרטין האָט געטראָגן פולע הויפנס פרייַהייט פאַר די אויסגעלייזטע טעריטאָריעס און ברייטע רעכט פון דעמאָקראַטישער זעלבסטבאַשטימונג פאַר די באַפרייַטע פעלקער.

באָליוואַר האָט ניט געוואָלט קיין שוטפעם מיט סאַן מאַרטינען, און דער באַפרייַער פון דאָרעם האָט זיך, אין זייַן באַשיידנקייט, געבויגן פאַרן דעראָבערער פון צאַפן. סאַן מאַרטין האָט אַבדיקירט, איבערגעגעבן די מאַכט דער פּערואַנער גרינדונג-פאַרזאַמלונג, פאַרלאָזן פּערו, אָבער ניט צוריקגעצויגן זייַן אַרמיי, ביכדיי זי זאָל קענען צונויף קומען באָליוואַרן אין זייַנע ווייַטערדיקע קאַמפן... צוליב באָליוואַרס גייווע איז די מילכאָמע אין פּערו פאַרצויגן געוואָרן אַף נאָך עטלעכע יאָר.

דורך טשילע האָט זיך סאַן מאַרטין אומגעקערט אין מענדאָסאַ. סייַ אין טשילע און סייַ אין אַרגענטינע האָט די ניט-פאַרגינערישקייט גענומען מורמלען אַף אים און די בייזוויליקייט — פאַרשפּרייטן רעכילעס. פאַרשיידענע קאָודיזשאָס האָבן אים געוואָלט סעקוועסטירן און נויקעם זייַן זיך פאַר זייַן ניט-געהאָרכזאַמקייט. האַלטנדיק זייַן מיסיע סייַ-ווי-סייַ פאַר געענדיקט, באַשליסט סאַן מאַרטין צו פאַרלאָזן דעם קאָנטינענט, וווּ ער האָט אין 10 יאָר אַוועקגעשטעלט אַף די אייגענע פיס דרייַ פרייַע, נייַוועלטיקע רעפּובליקן. ער קען בלויז מיטנעמען אַ העלפט פון זייַן פאַמיליע-פאַרמעגן — זייַן קליין טעכטערל, ווייַל זייַן יונג ווייַב איז געשטאָרבן נאָכדעם ווי ער האָט זיך 4 יאָר ניט געקענט זען מיט איר.

פינף יאָר שפּעטער טרייַבט אים די בענקשאַפט צוריק פון אייראָפּע קיין אַרגענטינע, אָבער אין בוענאָס איירעסער פּאָרט גייט ער אַפילע ניט אַראָפּ פון דער שיף, ווייַל אַ נייַע שפּינוועבס-נעץ פון רעכילעס און ליגנס ווערט אַרומגעשפּינט אַרום זייַן צוריקקומען. ער פאַרלאָזט דעפיניטיוו זייַן קאָנטינענט און נאָכן אָפּלעבן נאָך 20 יאָר, אַ האַלב-פאַרגעסענער אין פראַנקרייַך, שטאַרבט ער אין אויגוסט 1850 אין בולאָן-סיר-מער.

3

גלײַך װי סאַן מאַרטין האָט אַרױסגעיאָגט די שפּאַניער פון לימאַ, האָט ער דערקלערט פאַר אומלעגאַל די אינקװיזיציע. שפּעטער, װען דאָס באַפרײַטע פאָלק פון פּערו האָט אים געװאָלט באַלױנען פאַר דער באַפרײַונג, האָט ער אָפּגעקערט פון זיך אַלע קיבודים, באַערונגען און מאַטאַנעס; װי אַן אײנציקן לױן האָט ער געבעטן צװײ אומבאַדײַטנדיקע, װערטלאָזע זאַכן, װאָס קײנעם איז גאָרניט אײַנגעפאַלן פאַרצוליגן אים: די פאָן פון קאָנקיסטאַדאָר פּיסאַראָ, — דעם סימבאָל פון דער שפּאַנישער אימפּעריאַליסטישער אונטערדריקונג, און דעם טינטער פון דער אינקװיזיציע — דעם סימבאָל פון פאַנאַטיש־קאַטױלישן טעראָר.

די דאָזיקע צװײ סימבאָלן פון פיזישער און גײַסטיקער אונטערדריקונג זײַנען געװען די אײנציקע צװײ טראָפּײען װאָס סאַן מאַרטין האָט אװעקגעפירט פון פּערו. אין דאָזיקן קלײנעם עפּיזאָד איז סינטעטיזירט די גאַנצע סאַנמאַרטינישע גרױסקײט. דער דאָזיקער פראַט דערצײלט פאַר װאָס סאַן מאַרטין האָט געקעמפט און פון װעמען ער האָט באַפרײַט דעם קאָנטינענט. דער גרױליקער שװאַרצער טינטער, װאָס האָט געשפּרודלט מיט אַזױפיל טױט־אורטײלן אױף הערעטיקער, אױף מאַראַנען און אױף ייִדן, איז אַרײַנגעפאַלן אין סאַן מאַרטינס הענט, און דער באַפרײַער האָט דעם דאָזיקן טינטער, אַן אײַנגעװיקלטן אין דער פאָן פון פאַרשקלאַפונג, צוגענומען פאַר זיך, װי אַ באַװײַז פון זײַן ענדגילטיקן זיג!

אין שײַכעס מיט היסטאָרישע פאָרשונגען װאָס באַװײַזן אַז צװישן די עלטסטע אַנוסים־מישפּאָכעס זײַנען אױך געװען אַזױנע װאָס האָבן געטראָגן דעם נאָמען סאַן מאַרטין, קען עפּשער סאַן מאַרטינס אינטערעס פאַרן שװאַרצן טינטער פון לימאַ האָבן אַ װעלכע ניט איז ספּעציעלע באַדײַטונג.

מיר װילן מיט דעם אױף אַ האָר אַפילע ניט אָנדײַטן אַז סאַן מאַרטין זאָל האָבן געקענט זײַן פאַרבונדן דורך אַ בלוטשײַכעס מיט אַנוסים־מישפּאָכעס. אין העסקעם מיט זײַנע ליבעראַלע אָנשױונגען האָט אָבער געמוזט אין אים לעבן אַן אױסדריקלעכער געפיל פון סאָלידאַריטעט מיט דער „נידעריקער קאַסטע" נײַ־קריסטן, ביפראַט אַז ער האָט זיכער געװוּסט, אַז אײניקע אַזױנע מישפּאָכעס טראָגן אַפילע דעם זעלבן פאַמיליע־נאָמען װאָס ער. אין גײַסט פון די אידעען פון דער לאָזשע „לאָטאַראָ", װאָס סאַן מאַרטין איז געװען אײנער פון אירע מיטשעפער, האָט זײַן סינע צו דער אינקװיזיציע און צום אַגרעסיװן קאַטױליציזם געהאָרפט זײַן ניט שװאַכער װי זײַן האַס צו דער מאָנאַרכיע פון די „גאָדן".

אין ראם פון די דאזיקע באטראכטונגען איז קעדאי צו דערמאנען די וויטערדיקע קלייניקייטן:

1) אינעם בריוו, וואס דער קאטוילישרעליגיעזער מאגנאט בעלגראנא האט געשריבן דעם 6טן אפריל 1814 צו סאן־מארטינען, נאכן איבערגעבן אים די אנפירערשאפט מיט דער צאפן־ארמיי. זאגט ער צווישן אנדערן: „געדענקט אז איר זייט א קריסטלעכער, רוימיש־אפאסטאלישער גענעראל; היט אפ מען זאל אפילע אין די סאמע טריוויאלסטע געשפרעכן ניט ארויסווייזן דעם מינדסטן אומרעספעקט צו דעם אלץ וואס עס זאגט אונדזער הייליקע רעליגיע; האט אין זינען ניט נאר די גענעראלן פון פאלק ישראל נאר אויך פון די פרעמדגלויביקע („כענטילעס") און דעם גרויסן יוליוס צעזאר, וואס האט קיינמאל ניט פארפעלט צו פאררופן זיך אף די אומשטערבלעכע געטער".

2) אין די 11 געבאטן וואס סאן מארטין האט אויסגע־ארבעט פאר דער דערציונג פון זיין איינציקער טאכטער, איז דער זיבעטער געבאט אז ארויסרוף צו דער שטרענגער, עקסקלוזיוויסטישער קאטוילישקייט פון יענע צייטן. סאן־מארטינס זיבעטער געבאט פאר זיין קאטוילישער טאכטער זאגט טעקסטועל: „אינספירירן אין איר א געפיל פון רעספעקט צו אלע רעליגיעס".

3) די ענגלישע שרייבערין מערי גראהאם דערציילט אין אירע זכרוינעס אז סאן מארטין האט געהאלטן, אז די רעליגיע איז א מעלוכע־מאשין און איז גוט פארן גאלעד און פראסטאק, אבער אומנייטיק פארן געבלידעטן. ער און זיינע נאנטע פריינט זאלן זיך אויך האבן אויסגעדריקט אז „די אבערגלויבנס פון דער רוימישער קירך זעען זיך אז אין דארעם־אמעריקע נאקעט, אז די טייערע ארנאמענטן פון דער איטאליענישער קונסט".

4) פון לימא האט סאן מארטין פארטריבן אז שום צע־רעמאניעס דעם גאנצן קאטויליש־רעאליסטישן קלער, בעראש מיטן ערצבישאף און אלע בישאפן. די קירך־פאטערלעך פון טשילע און פערו האבן אים געהאלטן פאר א קויפער־בעאיקער און האבן אויסגעשאטן אף אים זייערע ביטערסטע קלאלעס.

5) ער איז געשטארבן אז א גאלעד צוקאפנס און האט ניט באקומען די הייליקע אויבאריסטיע פאר יעציאס־נע־שאמע. ער האט אנגעזאגט אז מען זאל אים באערדיקן אן שום רעליגיעזן ריטואל און ניט פירן, פאר דער קווורע, זיין קערפער אין קלויסטער. זיין איינגארטיקע צוואע איז רע־

דאַגירט ניט אפֿן טראַדיציאָנעלן עקלעזיאַסטיש־קירכלעכן אופֿן פֿון יענע צײַטן, נאָר הייבט זיך פּאַשעט אָן: „אין נאָמען פֿון אַלמעכטיקן גאָט".

6) דער אינטימסטער פֿרײַנט פֿון זײַן שפּאַנישער יוגנט און פֿון זײַן פֿראַנצויזישער עלטער איז געווען אַלעכאַנדראַ אַגואַדאַ, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון פּאָרטוגעזישע ייִדן. די דאָזיקע פֿרײַנטשאַפֿט איז געווען אינטימער פֿון ליבלעכער ברודערשאַפֿט.

די דאָזיקע אַלע קלייניקייטן קענען עפּשער העלפֿן דערקלערן אַ סך גרעסערע זאַכן. ווען מען זאָל קוקן אַף פֿאַרשיידענע דעמאָלסטדיקע געשעענישן דורכן טינטער פֿון דער אינקוויזיציע, וואָלטן עפּשער געקענט קלערער ווערן אייניקע אַזוי גערופֿענע „געהיימענישן און רעטענישן" פֿון סאַנמאַרטינישן כאַראַקטער, וואָס היסטאָריקער און פּסיכאָלאָגן האָבן נאָך ניט פֿאַרענטפֿערט אינגאַנצן.

עס וואָלט עפּשער געקענט קלערער ווערן די פּסיכאָלאָגישע רעטעניש פֿון סאַן מאַרטינס אַנטשיידענעם אַנטישפּאַנישן פֿוראַר, נאָך אַ גלענצנדיקער 20־יאָריקער קאַריערע אין שפּאַנישן מיליטער; עס וואָלט עפּשער געקענט קלערער ווערן זײַן שיר ניט מיסטישער דראַנג צו דערגרייכן די אינקוויזיטאָרישראַצבישע לימאַ, קעגן אויסדריקלעכן באַפֿעל פֿון דער בוענאָסאײַרעסער רעגירונג, קעגן דער קאַלטקייט פֿון טשילע און באַנעם־על־פּאָנעם מיט דער טיטאַנישער אָנשטרענגונג פֿון דאַרפֿן אויפֿשטעלן אַ גאַנצן קריגס־פּלאַט פֿאַר דער אינוואַזיע. עס וואָלט עפּשער געקענט קלערער ווערן זײַן דערקלערונג, אַז נאָכן דעראָבערן לימאַ האָט ער מער קיין שום אַמביציעס ניט. ווען ער האָט די דערקלערונג געמאַכט, האָט ער נאָך בעשום אופֿן ניט געקענט פּאָרויסזען, אַפֿילו לעפֿיערעכדיק, אַז ער וועט זיך טרעפֿן מיט באָליוואַרן אינמיטן פֿון דער פּערואַנער קאַמפּאַניע. זײַן דערקלערונג האָט, בעכיין, ניט געקענט טראָגן קיין מיליטעריש־סטראַטעגישן, נאָר אַן אינטים־עמאָציאָנעלן כאַראַקטער. אַ מין אינערלעכער געבאָט האָט אים געצויגן קיין לימאַ, אין העסקעם מיט זײַן באַרימטן דעוויז: „איך דאַרף נאָכגיין דעם גורל וואָס רופֿט מיך"...

עס וואָלט געקענט קלערער ווערן זײַן כאַראַקטער גופֿע, וואָס איז געווען אַבסאָלוט פֿאַרשיידן פֿונעם כאַראַקטער פֿון די שפּאַניש־מאָנאַרכיסטישע גענעראַלן און פֿון די לאַטייןאַמעריקאַנער „קאַודיזשאָס". ער איז געווען אַ מענטש אָן אַ ברעקל אָנשטעל, אָן שום פּערזענלעכע אַמביציעס, אָן שום פּוסטן עקסהיביציאָניזם, אָן קאָוועד־זוכערײַ, אָן מאַכט־גיריקייט, אָן קאָמבינאַטאָרישער פּאָליטיקערײַ, אָן אוזורפּאַטאָרישע נייגונגען. ער איז געווען ווי אַ בײַלאַגע צו זײַן מיסיע.

און זײַן מיסיע איז אים העלזעעריש געלעגן אַפּן פּנים און אַף זײַן גאַנצן יעש.

ער האָט קײנמאָל ניט געװאָלט געניסן די פּרוכטן פֿון די מיסיעס װאָס ער אַלײן האָט רײַף געמאַכט. זײַן סיסטעם איז שטענדיק באַשטאַנען פֿון 3 עטאַפּן: דורכפֿירן די מיסיע, איבערלאָזן אירע דערגרײכונגען פֿאַר אַנדערע, צוריקציען זיך אַן באַלױנונגען און אָן פֿאַרגיטיקונגען.

זײַן גײַסטיקע און פֿיזישע גװורע זײַנען געװען װי 2 װאָג־שאָלן אין גלײַכגעװיכט און זײַן יעיצער־הארע האָט ביכלאַל קײן װאָג ניט געהאַט...

ער האָט געהאַט די נעװױאַישע פּריװילעגיע צו האָבן אַ װיזיע; דורכטראַגן די דאָזיקע װיזיע דורך באַרגקײטן, דורך אָקעאַנען און דורך אַ לאַנגיאָריקן מילכאָמע־פֿײַער; פֿאַרפֿלאַנצן זי מיט די אײגענע אָנשטרענגונגען אין אַ האַלבן קאָנטינענט; זען זי אַ פֿאַרװירקלעכטע; און צוריקציען זיך װי דער פֿאָטער פֿון 3 נאַציאָנאַלע פֿרײַהײטן.

אַן אָרעמער און אַ קראַנקער איז ער אַרױף אַף דער שיף װאָס האָט אים געדאַרפֿט אַװעקפֿירן אין אײראָפּעיִשן גאָלעס: אַפּן האַנט — זײַן אײנציק קינד, און אין מאָגערן באַגאַזש — זײַנע צװײ טראָפֿײען: די פֿאָן פֿון פּיסאַראָ און דער טינטער פֿון דער אינקװיזיציע...

עסטעבאַן עטשעוועריאַ — אַ מוסטער פון אַרגענטינישן אידעאַליזם

.1

פון די 150 יאָר וואָס אַרגענטינע איז אַלט, האָבן זיך די ערשטע 70 געהאַלטן אין ראַנגלען מיט גרויסע געשיכטלעכע נסיונות.

די ראַזיקע מעלוכישע יוגנט־יאָרן האָבן פּאָליטיש געפּאַקט און מיליטעריש געמאַזלט, און דורכגעטראָגן זייער יונגע אַרגענטינישקייט דורך רעוואָלוציעס, מילכאָמעס, אַנאַרכיעס, קאָנטררעוואָלוציעס, טיראַניעס, אינטערווענצן, בירגערקריגן, ביז זיי האָבן באַוויזן צו דערטראָגן דעם גורל פון לאַנד צו די הענט פון די גרויסע פּרעזידענטן־אינטעלעקטואַלן: מיטרע, סאַרמיענטאָ און אַוועזשאַנעדאַ, וואָס האָבן אָרגאַניזאַציאָנעל איינגעקילט דעם קאָכיקן פאָרמירונגס־פּראָצעס פון דער יונגער מעדינע.

די צוויי גרעסטע נסיונות זיינען געווען פאַרבונדן מיט הויך־אידעאַליסטישן קאַמף: רעוואָלוציאָנערער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט און שפּעטערדיקער ניט־וויניקער רעוואָלוציאָנערער קאַמף קעגן דער איינערלעכער טיראַנישער קאָנטררעוואָלוציע. דער ערשטער קאַמף, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער מיי־רעוואָלוציע און ענדיקט זיך מיט דער סאַן־מאַרטינישער עפּאָפּעע, איז געווען בעאיקער אַ מיליטערישער, און דער סוינע איז געווען די אַלט־אימפּעריאַליסטישע שפּאַנישע מאָנאַרכיע. אין צווייטן קאַמף, וואָס איז געווען מער אַן אידעאָלאָגיש־אינטעלעקטועלער ווי אַ מיליטערישער, איז דער דאָס־סוינע געווען די אַלט־פּאַשיסטישע טיראַניע פון ראָסאַסן, וואָס האָט אַרום צוואָנציק יאָר געהאַלטן צונעדריקט צו דער ערד און געצאַפּט בלוט פון דער יונגער אַרגענטינע.

בעראַש פון בײדע קאַמפן האָט זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק די יוגנט. די אַרגענטינישע יוגנט פון אָנהייב 19טן יאָר־הונדערט איז געווען אײן עלטער מיט איר פאָטערלאַנד. זי איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט אַרגענטינע. אַרגענטינע איז געווען איר פאָטערלאַנד און איר שוועסטער... פון דאָר־נען די גרויסע איבערגעגעבנקייט און ליבע, וואָס האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט אין דער אַטמאָספער פון קאַמף און אין די באַדינגונגען פון דאַרפן אָנהייבן אַלץ פונדאָסניי.

גײַסטיק האָט די דאָזיקע יוגנט ניט געהאַט וואָס צו יאָר־שענען פון שפּאַנישן סוינע. די פרישע סאָציאַלע טראַדיציעס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און דער אידעאַל פון אַמעריקאַנער באַפרײַונג זײַנען געווען אַן ערעד שטאַרקער פון שפּאַנישן ראַסע־סענטימענט. דער קאַמף פאַר עמאַנצי־פּאַציע האָט דעריבער געטראָגן ניט נאָר אַ פּאָליטיש־מיליטערישן כאַראַקטער נאָר אויך אַ גײַסטיק־אינטעלעקטועלן. צוזאַמען מיטן אַרגענטינישן וואַפן איז אַרויס זיגעריש דער נײַער אַרגענטינישער גײַסט, וואָס האָט זיך אײַנגעגלידערט אין די פּראָגרעסיווע אידעען פון יענער צײַט.

אין דער פלעיאַדע באַגײַסטערטע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געוואָרפן קעגן דער טיראַניע, האָט זיך אויסגעטיילט איינער מיט אַ שטאַרק צעפלאַקערטער נשאַמע — עסטעבאַן עטשעווערריאַ, וואָס זײַן האַשפּאָע אויף אַרגענטינישן סאָציאַלן געדאַנק, קולטור און ליטעראַטור איז איין־לעשאָער.

.2

עטשעווערריאַ איז געווען עלטער פאַר זײַן פאָטערלאַנד מיט קנאַפּע 5 יאָר; ער איז געבוירן געוואָרן אין בוענאָס אײַרעס, אין יאָר 1805.

אַ שילער פון דער „שול פאַר מאָראַלישע וויסנשאַפטן", איז אָבער זײַן יוגנט ניט געווען קיין צו שטאַרק מאָראַלישע. דער פּרינציפּ פון זײַן יוגנטלעכן לעבן איז געווען — אַ לעבטאָג. ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין סקאַנדאַליעזע ליבעס, רויִנירט דאָס געזונט, און ס'קען זײַן אַז די קורצקייט פון זײַן לעבן איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער צעשויבערטער יוגנט זײַנער. דאָס אַלץ האָט פּאַסירט ביז 18 יאָר.

נאָכדעם ווי ער איז אַ פּאָר יאָר געווען אַן אָנגעשטעלטער אין צאָל־אַמט, האָט ער דערפילט אַ דראַנג צו שטודירן. מיט דער הילף פון אַ מעצענאַט לאָזט ער זיך אַוועק, אין יאָר 1825, צו דער פראַנצויזישער מעטראָפּאָליע, וווּ ער לערנט הומאַניסטישע וויסנשאַפטן.

אייראָפּע האָט אינגאַנצן איבערגעקאָכט זײַן רויען גײַסט. ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַן אַטמאָספֿער פֿון פּאָליטישן ליבעראַליזם, פֿון ראָמאַנטישע ליטעראַטור־שטרעמונגען, פֿון יונג־נאַציאָנאַלע פֿרײַהייט־באַוועגונגען, פֿון טרוימערישן סאָציאַליזם. ער איז געוואָרן ראַדיקאַל געשטימט און אויך אַנטדעקט אין געמיט אַ פּאָעטיש אָדערל. ערשט אין פּאַריז האָט ער מיט קלאָרע אויגן דערזען אַרגענטינע. זײַן אויפֿגעוועקטער אידעאַליזם האָט אים געוויזן אַ וועג: אַריבערטראָגן, מיט אַלע זײַנע שעפֿערישע קויכעס, דעם פּראָגרעסיוו־ליבעראַלן גײַסט פֿון דער נײַער אייראָפּע אין זײַן יונגן פֿאָטערלאַנד.

אין 1830 קערט ער זיך אום אינגאַנצן אַן אַנדערער, אַ פֿאַרענדערטער. דער קליינער צאַל־באַאַמטער פֿון 5 יאָר צוריק האָט זיך אומגעקערט ווי אַ פּאָעט און ווי אַ דענקער. אַוועקגעפֿאָרן איז ער ווי אַ לערן־ייִנגל און אומגעקערט זיך ווי אַ לערער פֿון יונגן דאָר. אָבער אויך אַרגענטינע האָט זיך פֿאַר דער צײַט געביטן: איבערגעלאָזט האָט ער ריוואַדאַוויאַן און געפֿונען ראָסאַן...

געקומען איז ער מיט אַ פֿילאָזאָפֿיש־קינסטלערישן באַגאַזש און אַן איבערגעפֿולטער מיט די אידעאַלן פֿון מאַציניס „יונגע איטאַליע", פֿון ענגליש־דײַטשן ראָמאַנטיציזם און פֿון פֿראַנצויזישן אוטאָפּישן סאָציאַליזם, און געטראָפֿן אַ היימישע טיראַניע, וואָס איז געוואָרן באַרבאַרישער פֿון יאָר צו יאָר. עס איז אָנגעגאַנגען אַן אַבסורדאַלער קאַמף צווישן פֿעדעראַליסטן און אוניטאַריער, אָבער די פֿעדעראַליסטן האָבן ניט געזוכט קיין עמעסע פֿעדעראַציע און די אוניטאַריער האָבן ניט געהאַט אין זינען קיין עמעסע אייניקייט. ביידע באַגריפֿן האָבן, איז דער ווירקלעכקייט, באַדייט דאָס פֿאַרקערטע פֿון דעם וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט באַדײַטן. ראָסאַסעס פֿעדעראַליזם האָט פֿאַרלאַנגט אַז גאַנץ אַרגענטינע זאָל זײַן פֿעדערירט אונטער זײַן פֿויסט... וואָס שײַך די אוניטאַריער, איז עס געווען די ליבעראַלע אָליגאַרכיע, וואָס האָט אין דער אייניקייט פֿון לאַנד געזוכט איר אַנאַרכישע פֿרײַהייט...

דער צוריקגעקומענער עטשעווערריאַ ווערט מעוואַלוול פֿון דער באַרבאַרישער ווירקלעכקייט. ער פּרוּווט זיך צוטוליען צום ערשטן ליטעראַרישן סאַלאָן פֿון מאַרקאָס סאַסטרע, אָבער דער סאַלאָן נעמט אַלץ שאַרפֿער און שאַרפֿער קיצלען דעם שפּיר־כוש פֿון ראָסאַסעס שפּיאָנען און דער טיראַן ליקווידירט אים.

דער קאָנטראַסט צווישן אייראָפּע און זײַן פֿאָטערלאַנד רופֿט אַרויס אין עטשעווערריאַס געמיט אַן עמעסע סרייפֿע. ס'ווערט אים גלײַך קלאָר, אַז מען דאַרף אָרגאַניזירן די אַרגענטינישע יוגנט צום קאַמף פֿאַר פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכער

פריַהייט, ווייל אויך דאס גייסטיקע לעבן אונטער דער טיראניע האט זיך צוריק אראפגעלאזט אין דער אלט־שפאנישער פארגליווערטקייט. אין דער פילאזאפיע האבן געהערשט טעאלאגיש־סכאלאסטישע באגריפן, אין דער ליטעראטור — רעטאריק, אין דער פאעזיע — אויסגעדראשענע פאסטעכער־אידיליעס, וולגאר־געווארענע מיטאלאגישע העלדן און אויסגעטראכטע סוויזועס, וואס זיינען הונדערטער מאל אויסגענוצט געווארן און וואס זיינען שטענדיק ווייט געווען פון לעבן. קיין טעאטער איז אויך ניט געווען און די פלאסטישע קונסט איז געווען א דורכויס רעליגיעזע.

עטשעוועריא האט געוואלט צעפענען די ליטעראטור פארן ארגענטינער לעבן און פאר דער נייער לאנדשאפט, און דער שליסל צו דעם האט געהאפט זיין דער דעמאלסטדיקער אייראפעיש־מאדערניסטישער ראמאנטיציזם, וואס האבן געגעבן „א וויטאלן אויסדרוק דער שיינקייט" און וואס וויקטאר הוגא האט אנגערופן „דער ליבעראליזם אין דער ליטעראטור". עטשעוועריא איז ארויסגעטראטן קעגן פארפרוירענעם קלאסיציזם, וואס איז געווען ניט מער ווי אימיטאציע, און ער האט געפאדערט בא יעדן שרייבער א פערזענלעכן סטיל, ווייל „סטיל איז די פיזיאנאמיע פון געדאנק". ער האט אונטערגעשטראכן אז אויך עסטעטישע אידעען מוזן האבן א רעוואלוציאנערן יוערט און אז „צוזאמען מיט דער פאליטישער עמאנציפאציע מוז אויך קומען אן אינטעלעקטועלע עמאנציפאציע".

אין דער פאליטיק, האט ער געהאלטן, דארף מען זיך אומקערן צו די טראדיציעס פון מיי און געבן א צווייטע רעוואלוציאנערע יונגקייט דער אידעע פון קאמף קעגן דער טיראניע, קעדיי צו צעברעכן דעם אינערלעכן סוינע פונקט ווי מען האט, מיט 25 יאר צוריק, אנגעהויבן צו צעברעכן דעם דרויסנדיקן. ער איז נאך אבער דאן געווען גענוג נאיוו צו מיינען, אז מען קען אלץ אויפטאן מיט א „מאראלישער רעוואלוציע", מיט סטאם ארגומענטאציע און מיט סייכל־האיאשער.

אין 1837 גרינדעט ער, אף א האלב־קאנספיראטיווער פארזאמלונג, די יוגנטלעכע ארגאניזאציע „פאראייניקונג פון מיי" („אסאסיאסיאן דע מאזשא"), וואס האט געהאט א קאלאסאלע ווירקונג אף דער אויסבילדונג פון פאליטישן געדאנק און פון דער סאציאלער מאראל פון אלע שפעטערדיקע דוירעס. ארום 30 אפגעקליבענע יונגעלייט, בראש מיט כואן באוטיסטא אלבערדי און כואן מאריא גוטיערעז, האבן אויסגעקליבן עטשעוועריאן פארן פארזיצער פון דער ארגאניזאציע און אנגענומען ווי א פראגראם־באזע זיין דעקלאראציע „סימבאלישע ווערטער", וואס איז שפעטער געווארן דער גרונט־

טייל פון זיין לעבנס־ווערק „סאציאליסטישע דאגמע".

די לאזונג פון עטשעוועריאס יוגנטלעכער אוואנגארד־ארגאניזאציע איז געווען: „מיי, פראגרעס, דעמאקראטיע". פארשטייט זיך אז ראסאסעס קוילער־יונגען און מאזארקע־לייט האבן גלייך דערשפירט רויב און גענומען רוידעף זיין די הרייסטע יונגעלייטלעך. ווי שטארק מען האט זיך ניט געהיט, האט מען זיך ניט געקענט איינהיטן פון די באנדעס שפיאנען. מען האט זיך געמוזט צעשפרייטן איבערן לאנד, אבער די דאזיקע דעצענטראליזירונג האט אויך געהאט אירע מיילעס: די נייע אידעאלן זיינען מיטגעגאנגען מיט די פארפאלגטע און האבן זיך, פון זייער זייט, אויך גענומען צעשפרייטן אין די פארווארפנסטע מעקוימעס.

אין צאפן און דארעם האבן גענומען אויסברעכן ניט־קאארדינירטע אויפשטאנדן קעגן ראסאסן. די יוגנטלעך־אומגעדולדיקע ארגענטינישע היציקייט האט אבער טייער באצאלט פאר זיי. א סאך יונגעלייט זיינען געכאפט געווארן דורכן לויערנדיקן סוינע און זייערע אפגעהאקטע קעפ זיינען ארומגעטראגן געווארן אף שפיזן איבער די הויפט־פלעצער פון די שטעט. עטשעוועריא, וואס האט זיך געפונען אין זיינער אן עסטאנסיע, האט ארויסגעלאזט א רעוואלוציאנערן מאניפעסט און איז אנטלאפן אין איינער פון די צוויי אריי־מיקלאט פון דער ארגענטינישער אינטעליגענץ — אין מאנטעווידעא.

די צווייטע איר־מיקלאט איז געווען סאנטיאגא. די ארגענטינישע אינטעליגענץ האט זיך ווי א רעוואלוציאנערער שוים אריבערגעגאסן איבער ביידע ברעגן פון ארגענטינע און אראפגעפלאסן אין אורוגוויי און טשילע. אין לאנד זיינען געבליבן בלויז די אונטערלעקער און די פאנעגיריקער פון טיראן.

עטשעוועריאס עמיגראנטיש לעבן אין מאנטעווידעא איז געווען א געדריקטס צוליב מאטעריעלער דאכקעס, קראנקייטן, פעסימיזם. ער איז ליטעראריש שטארק אקטיוו געווען, דורכגעשריבן זיך מיט זיינע פונאנדערגעשטויבטע פריינט, ארויסגעגעבן די דעפיניטיווע אויסגאבע פון זיין „סאציאליסטישע דאגמע". ער האט אויך צונויפגעשטעלט א „האנטבוך פאר מאראלישער דערציִונג אין די פאלקשולן", אבער די ספעציעל־נאמינירטע מיניסטעריעלע ביוראקראטן־קאמיסיע האט ניט רעקאמענדירט דאס בוך פאר די אורוגווייער שולן. א שטיקל קאמפענסאציע פאר אים איז געווען דאס באשטימען אים פאר א מיטגליד פון „אינסטיטוט פאר פאלקסבילדונג", פון וועלכן עס איז שפעטער ארויסגעוואקסן דער מאנטעווידעער אוניווערסיטעט.

נאך א צעניאריקן גאלעס, האבן גענומען רעבעלירן קעגן אים דאס הארץ, די נערוון און די צוגעקומענע שווינדזוכט.

ער איז אויסגעגאנגען אין יאנואר 1851, אין עלטער פון 45 יאר, איין יאר בלויז פארן זיג פון קאסעראס, וואס האט ארויסגעשמיסן ראסאסן פון ארגענטינע.

.3

דער שארפסטער אויסדרוק פון עטשעווערי׳אס סאציאל־פאליטישער לײַדנשאפט איז „די סאציאליסטישע דאגמע" און דער שענסטער מוסטער פון זײַן שרײַבערישן טאלאנט איז די פאעמע „די געפאנגענע" („לא קאוטיווא") און „דאס שלאכט־הויז" („על מאטאדערא").

„די סאציאליסטישע דאגמע", אדער ווי זי האט טכילעס געהייסן „דאגמע פון דער יונגער גענעראציע", פרײַדיקט ניט קיין סאציאליזם און האט ביכלאל ניט צו טאן מיט סאציאליסטישע איניאנים, אזוי ווי מיר פארשטייען זיי הײַנט צו טאג. „סאציאליזם" דארף בא עטשעווערי׳אן פארשטאנען ווערן ווי „געזעלשאפטלעכקייט" און דאס גאנצע בוך וואלט אייגנטלעך געדארפט הייסן „געזעלשאפטלעכער קרעדא". אויב דאס בוך פארמאגט עפעס פון סאציאליזם, איז עס אין א ראמאנטיש־אוטאפישער און ניט פאליטיש־וויסנשאפטלעכער פארם, אבער דער איקער איז עטשעווערי׳אס דאגמע א נאציאנאל־ליבעראלע פראגראם פאר דער נײַער ארגענטינע, אפן סמאך פון די מײַ־אידעאלן. זײַן סאציאליזם באירט ניט קיין פראבלעמען פון קאפיטאל און ארבעט, און זוכט אויך ניט די אויסלייזונג פון דער מענטשהייט אף אן אינטערנאציאנאלן אויפן. עטשעווערי׳א איז געווען אזוי שטארק דערווײַטערט פון יעטווידן מין פרעמארקסיסטישן היסטארישן מאטעריאליזם, אז ער האט אפילע געטײַנעט אז די פאליטישע עקאנאמיע דארף באווירקט ווערן פון דער עטיק, און אז אנשטאט קלאסן־קאמף און אפילע פארטיי־קאמף דארף אײַנגעפירט ווערן א מין מאראלישע שותפעס...

זײַן „סאציאליסטישע" דאגמע האט געוואלט אײַנפירן ניט מער ווי א דעמאקראטישן, ליבעראל־ערלעכן סיידער אין זײַן פאטערלאנד, אבער דער דאזיקער „ניט מער" איז אין יענע ראסיסטישע צײַטן געווען שיר ניט דאס רויטסטע, געפערלעכסטע און עקסטרעם־לינקסטע... אין א בריוו צו אורקיסאן דריקט זיך עטשעווערי׳א אויס וועגן זײַן בוך: „דאס איז די דאגמע פון מײַ, די דאגמע פון פאטערלאנד, די סאציאלע רעליגיע פון היימלאנד".

די הויפטפונקטן פון דער דאגמע זײַנען אזוינע:

געשיכטלעכע העמשעכדיקייט פון מײַ; די פרײַהייט־אידעאלן פון מײַ דארפן אויפשטיין טכיאס־האמייסים אין דער

ראַסיסטישערווירקלעכקייט, ווײַל ס'איז איין און דער זעלבער קאַמף פאַר איין און דער זעלבער אַרגענטינישער פרײַהייט. מען דאַרף אויפוועקן דעם אַלטן רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם, אויפרירן אים פון געשיכטלעכן שלאָף און אַזוי אַרום געבן היסטאָרישע טראַדיציעס דעם אַקטועלן קאַמף.

די געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן דאַרף מען ניט קאָפּירן בלינד פון דרויסן; די גרויסע מענטשלעכע אידעאַלן האָבן זייערע וואָרצלען אין אַרגענטינישן פאָלקס־באַוווסטזײַן און פון דאָרט דאַרף מען זיי אַרויסנעמען. עס דאַרף אײַנגעשטעלט ווערן אַ האַרמאָניע צווישן נאַציע און מענטשהייט און צווישן יאָכיד און געזעלשאַפט. די ערשטע האַרמאָניע שליסט אויס שאָוויניזם, און די צווייטע — דיקטאַטור פון דער געזעלשאַפט איבערן יאָכיד און פון יאָכיד איבער דער געזעלשאַפט.

אַלע מינים פערסאָנאַליזמען דאַרפן פאַרביטן ווערן דורך אידעען און פּלאַטפאָרמעס. דער מענטש ווערט דאַן אַ פערזענלעכקייט ווען ער איז אַן אויסדרוק פון אַ שעפערישער אידעע, אָבער אויך דאַן קען דאָס פערזענלעכע ניט אַוועקגעשטעלט ווערן העכער ווי דאָס אידעיִשע. עס דאַרף הערשן אַן אינטעגראַלע און אויסגעהאַלטענע דעמאָקראַטיע אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן; אַלע גײַסטיקע אָנשטרענגונגען זײַנען־גאָרניט ווערט אויב זיי צילן ניט אָן אויפהער צו דעמאָקראַטישע דערגרייכונגען.

די יוגנט דאַרף ניט אָנטייל נעמען אין די פוסטע סיכסוכים פון די עלטערע דורות, נאָר באַמיִען זיך צו געפינען אַ מאָדוס וויווענדי צווישן די פאַרביטערטע און פאַרבלענדטע צדדים. אין קאָנקרעטן פאַל פון אַרגענטינע דאַרף מען געפינען אַ פשרה צווישן פעדעראַליזם און אוניטאַריזם, און בילדן איין מעכטיקע נאַציאָנאַלע פאַרטיי.

צוליב דער דאָזיקער לעצטער האַנאָכע פון דער „דאָגמע", זײַנען פאַראַן היסטאָריקער וואָס מיינען, אַז ווען ראָסאַס וואָלט מסכּים געווען צו מאַכן אַביסל ווייכער זײַן טיראַנישקייט, וואָלט עטשעווערריאַ גרייט געווען צו גיין אַף פשרהעס מיט אים. די דאָזיקע האַנאָכע עטשעווערריאַס איז אָבער ניט מער ווי אַ טעאָרעטישער, אַבסטראַקט־אידעאַלער אויסגליטש אין דער „דאָגמע". די פּראַקטישע ווירקלעכקייט האָט געוויזן עטשעווערריאַן אַז מיט דער טיראַניע, ווי גוט און פרום זי זאָל ניט ווערן, טאָר מען קיין שום משא־ומתן ניט האָבן און אַז דער איינציקער קאָנטאַקט וואָס קען אײַנגעשטעלט ווערן מיט איר איז דער קאָנטאַקט פון געבן איר אַ טויטקלאַפּ...

סײַ פאַר די אוניטאַריער און סײַ פאַר די פעדעראַליסטן איז די „דאָגמע" געווען שיין־קלינגענדיקע, טעאָרעטישע רעטאָריק און זיי האָבן זי אינגאַנצן איגנאָרירט, אָבער דער־

פֿאַר האָט זי שפּעטער געהאַט אַ קאַפּיטאַלן אײַנפֿלוס אַף די יורידישע קאָנצעפּציעס פֿון דער באַפֿרײַטער אַרגענטינע, אַף אַלבערדיס „באַזעס“, אַף דער ערשטער קאָנסטיטוציע און אַפֿן געדאַנקען־גאַנג פֿון די דרײַ פּרעזידענטן־אינטעלעקטואַלן.

בעיים עטשעװעריאַס װאָגלענישן האָט די דאָגמע גענומען װערן גרעסער. עס זײַנען אָנגעװאַקסן אַף איר צװײ נײַע טײלן; צו די „סימבאָלישע װערטער“ װאָס זײַנען געשריבן באַגײַסטערט, דעקלאַראַטיװ און מאַניפֿעסטמעסיק, האָט עטשעװעריאַ, אין זײַן אורוגװײַער גאָלעס, צוגעגעבן „אַנטעצעדענטן פֿון דער דאָגמע“, װוּ ער באַשרײַבט װי אַזױ זײַן פּראָגראַם איז דעבאַטירט געװאָרן אין דער „אַסאָסיאַסיאָן דע מאַזשאָ“. דער דאָזיקער טײל איז שױן געשריבן מעלאַנכאָליש, האַלב־פּעסימיסטיש און עס ליגט אַף אים דער שאָטן פֿון אַ ניט־דערפֿילטער האָפֿענונג. שפּעטער איז צוגעקומען נאָך אַ טײל, אונטערן נאָמען „פֿאַרטײדיקונג פֿון דער דאָגמע“, װאָס טראָגט אַ פּאָלעמיש־סאַטירישן כאַראַקטער. אין דער דאָזיקער טעמפּעראַמענטפֿולער „פֿאַרטײדיקונג“ רעכנט זיך אָפּ עטשעװעריאַ מיט דער פּראָ־ראָסיסטישער קריטיק אַף זײַן דאָגמע און װײַזט אױף די גאַנצע פֿערװערזע פֿאַרדאָרבנקײט פֿון ראָסיסטישן מעלוכע־באַנדיטיזם.

„די סאָציאַליסטישע דאָגמע“ געהערט צו די געצײלטע קלאַסישע ביכער פֿון דער סאָציאָלאָגיש־פּאָליטיש־פֿילאָזאָפֿישער ליטעראַטור פֿון אַרגענטינע. דאָס בוך איז ניט געבליבן װי אַ היסטאָרישער דאָקומענט. דאָס בוכיקע פֿון דאָזיקן װערק איז אַרױס פֿון בוך און האָט פֿאָרמירט דעם ליבעראַלן גײַסט פֿון די אַרגענטינישע גרונט־געזעצן, און געשטאַלטיקט די פּרינציפּן פֿון אינסטיטוציאָנעל־רעפּובליקאַנישן לעבן.

4

עטשעװעריאַס פּאָעזיע איז ניט קײן ערשטקלאַסיקע, אָבער איר באַדײַטונג באַשטײט ניט אין איר גרעסערער אָדער קלענערער קװאַליטעט, נאָר אין נײַעם ראָמאַנטישן טאָן און אין דער ראַציאָנאַליסטישער טעמאַטיק, װאָס ער האָט צום ערשטן מאָל אַרײַנגעבראַכט ניט נאָר אין אַרגענטינע נאָר אין גאַנץ דאָרעם־אַמעריקע.

ער האָט צעבראָכן די אַלטע קלאַסישע פֿאָרמען און האָט זיך אָפּגעטרײסלט פֿון דער האָצע־פּלאָץ־טעמאַטיק. ער האָט גענומען באַזינגען לעבעדיקע געפֿילן און דאָס אַרומיקע אַרגענטינער לעבן. אַנשטאָט מיטאָלאָגישע העלדן־קאַמפֿן האָט ער אַרײַנגעפֿירט אין דער פּאָעזיע רעאַלע עפּיזאָדן פֿון פֿאַ־

טריאַטישן קאַמף קעגן ראָסאַסן. אין זײַנע פּערזן איז פּאַראַן לעבעדיק, פּרוויִש לײַב און נאַטירלעכע ליבע, און דער איקער איז דאָרט פּאַראַן דאָס ווילדע פּאָעטישע וווּנדער — די אַרגענטינער פּאַמפּע.

אין זײַן פּאָעמע „די געפאַנגענע" דערזעט מען צום ערשטן מאָל אין דער אַרגענטינישער פּערזן־קונסט דעם פּאַרטײַעטן מידבער, די אומענדלעכע שטומע נאַטור וואָס באַהאַלט אויף דעם האַלב־ווילדן רײַטער, דעם סטעפּ־רויבער, דעם גאַוטש, דעם אינדיער און זײַן שטייגער לעבן, די נאַטור־סרײפּעס אין דער ווילדעניש און דעם גאַנצן אַז־סאַפּיקן אומעט וואָס דריקט אַף דער אָפענער און דאָך פאַרשלאָסענער פּאַמפּע...

ער איז געווען דער ערשטער אַרגענטינישער דיכטער וואָס האָט געגעבן פּאָעטישע בירגערשאַפט די שפּראַכיקע לאָקאַליזמען און וואָס האָט אײַנגעשטעלט די גאַוטשישע טראַדיציעס, און אַרײַנגעפירט די גאַוטשישע טעמע אין דער ליטעראַטור. שפּעטערצו איז דאָס גאַוטשישע געוואָרן דאָס טיפּיש־אַרגענטינישע און האָט קינסטלעריש קולמינירט אין „מאַרטין פיעראָ".

זײַנע אויפטוען זײַנען ערשטראַנגיקע צוליב זייער פּיאָנערישקייט, האַגאַם אַליין איז ער געווען אַ מיטלמעסיקער דיכטער. זײַן ווערן אַ פּאָעט איז עפּשער ניט מער ווי אַ צופאַל און דער קוק זײַנער אַף זײַן אייגענער פּאָעזיע איז אויך ניט גאָר קיין געהויבענער, ווי ס'איז צו זען פון ווײַטערדיקן זאַץ אין זײַנעם אַ בריוו צו אַ פרײַנט:

"Sólo la deplorable situación de nuestro país ha podido compelerme a malgastar en rimas estériles la substancia del cráneo"...

ווען עטשעוועריאַס אַקטיוו לעבן וואָלט אויסגעפאַלן אין אַן אַנדער צײַט־אָפּשניט אָדער ווען די פּאָליטישע לאַגע פון זײַן צײַט וואָלט געווען אַן אַנדערע, וואָלט ער זיכער געווען אַ מעלוכע־מאַן פון דער זעלבער קאַטעגאָריע וואָס מיטרע, סאַרמיענטאָ און אַוועזשאַנעדאַ. אויך דאַן וואָלט ער ניט אויפגעהערט צו זײַן אַ שרײַבער און אַ פּאָעט, אָבער דאָס סאָציאַל־פּאָליטישע וואָלט שטאַרק אַריבערגעוויגן אין אים דאָס עמאָטיוו־שרײַבערישע. די היסטאָרישע אומשטענדן האָבן אָבער אײַנגעשטעלט אַ פּאַרקערטע פּראָפּאָרץ און האָבן דערמיט געטאָן אַ טויווע דער אַרגענטינער קולטור, ווײַל עטשעוועריאַס שרײַבערישקייט האָט גענומען אַרויסקאָרטשעווען די אַלט־שפּאַנישע צעפּרוכנעטע קאָרטשעס וואָס האָבן נאָך אַלץ געשטעקט אין דער קולטור פון דער יונגער אַרגענטינער ווירקלעכקייט.

פון זייַנע עלטערע קינסטלערישע פּראָזע־זאַכן איז סעדייַ־
צו ציטירן די נאָוועלע „דאָס שלאַכט־הויז“, וואָס טיילט זיך
אויס ניט מיט ראָמאַנטיק נאָר גראָד מיט שאַרפן רעאַליזם,
ווייַל צי קען מען דער באַשרייַבן ראָמאַנטיש, און ניט רעאַ־
ליסטיש, די ראָסיסטישע לומפּן־באַנדעס וועלכע פאַנגען אַ
יונגנמאַן און שעכטן אים אָף אַ גרויליקן אויפן, ווייַל זיי
זייַנען כווישעד אַז ער איז אַן אוניטאַריער?
די דאָזיקע שטייגערישע נאָוועלע איז אַ קינסטלערישע מי־
ניאַטור פון ראָסיסטישער אַכזאָריעסדיקייט און קען זיך פאַר־
גלייַכן דורך איר נאַטוראַליסטישן רעאַליזם מיט סאַרמיענטאָס
„פאַקונדאָ“.

5

עטשעווערריאַ האָט אַרייַנגעפירט דאָס פאָלקישע אין
דער קונסט, דאָס ליבעראַלע אין דער פּאָליטיק און דאָס נאַ־
ציאָנאַל־אַרגענטינישע אין אַלע געביטן פון אינטעלעקטועלן
לעבן.
ער האָט אינגאַנצן אָפּגעפרישט די אַרגענטינער קולטור
און האָט איבערגעלאָזט אַ פּאָליטישע דאָקטרין, וואָס האָט
ניט נאָר אייַנגעשטעלט נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע פאַרבינ־
דונגען צווישן צוויי גרונט־עפּאָכעס פון דער אַרגענטינער גע־
שיכטע, נאָר וואָס האָט אויך געדינט ווי אַ ניט־אַלט־ווערנדיק
לערנבוך פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַלן יווישער פאַר שפּע־
טערדיקע אַרגענטינער דורות.
די דאָזיקע ראָמאַנטישע, ליבעראַלע און דעמאָקראַטיש־
נאַציאָנאַלע פיגור פון אַרגענטינישן פּאָליטיש־אינטעלעקטועלן
קאַיאָר איז אויסגעגאַנגען אין גאָלעס מיט אַ ניט־פאַרווירק־
לעכטער וויזיע פאַר די אויגן, אַבער קוים אַ יאָר נאָך עטשע־
ווערריאַס טויט האָט זיך די טיראַניע איבערגעקערט און די
באַגריפן פון דער עטשעווערישער „דאָגמע“ האָבן גענומען
אַרייַנשפּראָצן אין דער געזעלשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע, אין
די באַגרינדונגען פון די געזעצן, אין די פייַערלעכע מע־
לוכע־דעקלאַראַציעס.
די „אַסאָסיאַסיאָן דע מאַזשאָ“ איז געבליבן ווי אַ מוס־
טער פון נאָבעלן, אידעישן יוגנט־רעוואָלט קעגן דער טיראַניע,
און איר סימבאָלישער קויעד ווירקט ביז צום הייַנטיקן טאָג.
די אַרגענטינער קולטור און פּאָליטיק טראָגן אין זיך, ביז
איצט, בוילעטע יערושע־שטריכן פון עטשעווערריאַס גייַסט,
וואָס האָט זיך אָף אַ ראָמאַנטישן אויפן אינספּירירט אין די
אידעאַלן פון דער מיי־רעוואָלוציע און וואָס האָט געזוכט דאָס
אַרגענטינישע גליק אין אַלעמענס פרייַהייט.

כואַן באַוטיסטאַ אַלבערדי —
אַ ציווילער העלד

''Mis escritos son acciones. No son escritos literarios: son actos de coraje, de patriotismo, de sinceridad''.

J. B. ALBERDI

Obras Póstumas, tomo XV

1

העלדישקייט איז ניט נאָר אַן איניען פון דער שווערד. פאַראַן העלדישקייטן וואָס שפּילן זיך אָפּ אַפן שרײַבטיש און ניט אַפן שלאַכטפעלד. אָפטמאָל איז דער ניצאָכן אָפּ־העניגיק פונעם טרעפלעכן וואָרט פונקט אַזוי גוט ווי פון דער שאַרפער שווערד.

קעדיי אַ באַפרײַערישע שווערד זאָל קענען זײַן העלדיש דאַרף זי אָפטמאָל שעפּן קויכעס אין דער שטויסקראַפט פון באַגײַסטערנדיקן וואָרט, און אויך נאָכן ניצאָכן מוזן אָפטמאָל די דערגרייכונגען פון דער זיגערישער שווערד קאָנסאָלידירט ווערן דורכן גרויסן וואָרט.

אין דער יונגער אַרגענטינער געשיכטע איז דאָס וואָרט ניט אָפּגעשטאַנען פון דער שווערד. דרײַ ליכטיקע מײַלשטיינער טיילן זיך אויס אין דער געשיכטע פון אונדזער לאַנד: סאַן מאַרטינס מײַפּו, אורקיסאַס קאַסעראָס און אַלבערדיס „באַזעס". די ערשטע צוויי זײַנען שלאַכטפעלדער, דער דריטער — ניט מער ווי אַ בוך...

דאָס ערשטע שלאַכטפעלד האָט פאַרטיליקט דעם דרויסנדיקן סוינע, דאָס צווייטע שלאַכטפעלד האָט ליקווידירט דעם אינערלעכן סוינע און דאָס בוך האָט אונטערגעמויערט פעסטע קאָנסטיטוציאָנעלע באַזעס אונטער ביידע ניצחוינעס, און האָט פאַרמולירט דעם זין פון אַרגענטינער לעבן פּאָנים־על־פּאָנים מיט די צוויי טויטע סאָנים. דאָס בוך, וואָס האָט אויסגע־

דריקט דעם פּראָגרעסיוון, אַרגענטינישן אַני־מאַמין פון צווייטן פאַרברידערטע טרוימער און קעמפער, האָט צוגעגעבן צוויילע גרויסקייט די מיליטערישע דערפאָלגן און האָט אויסגעמיטן אַז די סאַנמאַרטינישע און אורקיסישע דערגרייכונגען זאָלן פאַרשלעפּט ווערן אַף טונקעלע הינטערוועגן.

ער איז געבוירן געוואָרן אין איין יאָר מיט זײַן פּאָטערלאַנד און איז געשטאָרבן 4 יאָר נאָך דער ענדגילטיקער מעלוכישער קאָנסאָלידאַציע. ער איז געווען אין איין עלטער מיט דער אַרגענטינישער געשיכטע און זי איז דורכגעגאַנגען אַ לעבעדיקע פאַר זײַנע אויגן. זײַן לעבן איז אויך געווען איין גרויסע קאָנוווּלסיע, און די צאָרעס פון זײַן פּאָטערלאַנד זײַנען געווען זײַנע אייגענע צאָרעס. בלויז דאָס ערשטע יוגנטלעכע דריטל פון זײַן לעבן האָט זיך צעוויקלט אַף פּאָטערלענדישער ערד; די איבעריקע צוויי דריטל האָבן זיך צעשאָטן אין דער פרעמד, ווײַל ער האָט געהערט צום געראָדעפטן רעוואָלוציאָנערן דאָר פון עטשעוועריאַן, גוטיערעסן, סאַרמיענטאָן און טויזנטער אַנדערע.

.2

ער איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט דער מײַ־רעוואָלוציע אין דער שטאָט ווו ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד — אין טוקומאַן. זײַן געבוירן ווערן איז געווען די סיבע פון זײַן מאַמעס טויט — זי איז געשטאָרבן אין קימפּעט. דער גרויליקער פּרײַז וואָס איז באַצאָלט געוואָרן פאַר זײַן לעבן האָט נאָך טונקעלער געמאַכט זײַן יעסוימישן גוירל און האָט אַרויסגערופן בײַ אים אַף שטענדיק אַ נייגונג צו איינזאַמקייט און צו פאַראומערטקייט.

שוין יונגלווײַז האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט דער פּאָטערלענדישער געשיכטע און האָט זיך מאַמעש געשפּילט מיט איר אַף טוקומאַנער גאַסן, און אין דער אומגעגנט פון שטאָט. דער קאָנסטיטוציאָנעדיקער אומאָפּהענגיקייט־קאָנגרעס פון טוקומאַן, די נאָענטע שלאַכטפעלדער פון בעלגראַנאָס אַרמייען און די רויבערישע אָנפאַלן פון די טאַקיפישע קאַודיזשאָס פון איין פּראָווינץ אַף דער צווייטער האָבן אָנגעפילט מיט אַקטועל־לעבעדיקן געשיכטלעכן אינהאַלט זײַן גאַנצע קינדהייט. אומאָפּהענגיקייט און רומפולע שלאַכטפעלדער האָבן זיך געפּאָרט מיט אַ פולשטענדיקער אינערלעכער אַנאַרכיע. קאַודיזשישע באַנדעס האָבן געגאַזלט און געמאָרדעט, און ס׳איז ניט געווען קיין שום געזעצלעכע אָדער מאָראַלישע קראַפט וואָס זאָל איינשטילן די צעבושעוועטע העפקיירעס.

שפּעטער, ווען דער 15יאָריקער אַלבערדי איז אַרויסגע־

פֿאַרן קיין בוענאָס אײַרעס „ווערן אַ מענטש", האָט ער, בעמעשעך פֿון די צוויי כאַדאָשים וואָס עס האָט געדויערט די רײַזע, באַגעגנט זיך טאָג־טעגלעך מיט נאָך אַ פֿאַטערלענדישער רעאַליטעט — דאָס אומענדלעכע אַרגענטינישע פֿלאַכלאַנד, — פּוסט, אומבאַוווינט און פֿאַרוואַקסן. און שוין דאַן האָט זיך גענומען פּיקן אין זײַן יוגנטלעכן האַרצן די האַלב־פֿאַרנעפּלטע מוירע: צי קען ניט אַמאָל די פּראָקלאַמירטע אומאָפּהענגיקייט פֿאַרפֿאַלן ווערן צווישן דער קאַודישער אַנאַרכיע און דעם פּוסטן מידבער?

אַלבערדי נעמט שאַרפֿן זײַנע קענטעניש אין דער „שול פֿאַר מאָראַלישע וויסנשאַפֿטן", וואָס איז פֿול מיט גאַלאַכישן לאַטײַן און מיט אַלט־שפּאַנישן שימל. אַ פֿאַרנודזיעטער וואַרפֿט ער דאָס טרוקענע לערנען און ווערט אַ פֿאַרקויפֿער אין אַ געשעפֿט, אָבער זײַנע אַפּעטראָפּסים צווינגען אים צו קוועטשן ווײַטער די לאַטײַנישע באַנק.

צוזאַמען מיט כאַווײרים נעמט ער לייענען פֿאַרבאָטענע „האַסקאָלע"־ביכער, ספּעציעל זשאַן זשאַק רוסאָען, און ער אַנטוויקלט זיך גײַסטיק אויף אַן אומלעגאַלן אופֿן. צו 24 יאָר איז ער שוין אַן אַדוואָקאַט, אָבער ער איז מער אַן אַדוואָקאַט פֿון זײַן אידעאַל ווי פֿון זײַן פּאַרנאָסע... צוזאַמען מיט עטשעוועריאַן און מיט גוטיערעסן טראָגט ער אַרום אין זײַן האַרצן דעם קאָנספּיראַטיוון, יונג־אַרגענטינישן פּלאַן, דעם פֿײַער פֿון אַנטירעאַקציאָנערן קאַמף, פֿון רעוואָלוציאָנערן אַנטיראָסיסם. ער ווערט אַ הויפּט־פֿיגור אין באַרימטן ליטעראַרישן סאַלאָן פֿון מאַרקאָס סאַסטרע און איז איינער פֿון די גרינדער פֿון דער „אַסאָסיאַסיאָן דע מאַזשאָ", וואָס האָט אינמיטן פֿון דער ראָסיסטישער נאַכט פּראָקלאַמירט די ראָמאַנטיש־רעוואָלוציאָנערע דאָגמע פֿון יונגן אַרגענטינישן דאָר.

דער ראָסיסטישער דרוק האָט זיך דערווײַל איבערגעגאָסן אין אָפֿענעם טעראָר. אונטער דער לאָזונג „זאָל לעבן דער טויט און אַ טויט דער אינטעליגענץ", האָבן די אַלט־פֿאַשיסטישע מאַזאָרקע־לײַט, מיט ראָסאָסעס הויפּט־קוילער קויטיניאַ בעראָש, געלאָזט אין גאַנג די לאַנגע מעסערס. איינעם פֿון די יונגע פּאַטריאָטן — בעראַן דע אַסטראַדאַ — האָט מען ניט נאָר דערשטאָכן, נאָר אַפֿילע אָפּגעשונדן די הויט און אויסגעפּאַרטיקט פֿון איר רימענדלעך. ווי ס'איז צו זען, איז אילזע קאָך, מיט 100 יאָר שפּעטער, גאָרניט געווען אַזוי אָריגינעל...

די פֿרײַע אַרגענטינער יוגנט האָט זיך גענומען אַריבערוואַרפֿן אויף יענער זײַט קאָרדיליערע און אויף יענער זײַט לאַ פּלאַטאַ־טײַך. אַלבערדי האָט אויסגעקליבן מאָנטעווידעאָ פֿאַר אַן איר־מיקלאָט; ער האָט דאָרט געטאָן רעוואָלוציאָנערע אַר־

בעט זיט בא זיט מיט גענעראל לאוואזשע און האט געשיקט „העצערישע" פראקלאמאציע־בריוו קיין ארגענטינע. שפעטער, ווען מאנטעווידעא ווערט באלאגערט, געלינגט אים ארויסצורייסן זיך פון דער שטאט. נאך א פאר יאר ארומוואלגערן זיך אין פראנקרייך, לאזט ער זיך צוריק צו די היימישע ברעגעס, אבער ער גליטשט זיך בלויז פארביי פאזע די אטלאנטישע גרענעצן פון זיין געפערלעכן פאטערלאנד און קומט אן, דורכן מאגעלאנער דורכגוס, קיין סאנטיאגא, ווו ס'האט אפגעריכט גאלעס סארמיענטא.

סאנטיאגא איז געווארן זיין גרויסער שרייבערישער ווארשטאט. דארט האבן זיך אויסגערייפט זיינע פעיקייטן און דארט האבן אויך באקומען א דעפיניטיווע ריכטונג זיינע שעפערישע נייגונגען. ביז דאן האט זיין שרייבן ארומגענומען אלץ: עסטעטיק, סאציאלע וויסטעניש, דראמאטורגישע פרוון, פאעמאטיק און אפילו טעאריע פון מוזיק. זיין עסטעטיש־געזעלשאפטלעכער קרעדא האט זיך געשטיצט אף ראמאנטיציזם, ליבעראליזם און אמעריקאניזם, און איז געווען קעגנעריש צום פרעמדן, פארקילטן און אלטוועלטיקן קלאסיציזם.

אין זיינע רייפע יארן האט ער זיין גאנצן טעמפעראמענט א קערעווע געטאן אין איין ריכטונג — אין דער ריכטונג פון סאציאלער וויסנשאפט. זיינע סאציאלע ווערק זיינען אויך ניט אלע גלייך, ווייל אסאך פון זיי זיינען פון א ריין פאלעמישן כאראקטער. די פארטריבענע זיינען געווען אזוי יונג און זיי האבן געהאט אזוי פיל סאנים אז זיי האבן געמוזט זיין פאלעמיש. זיי זיינען געווען פאלעמיש ניט נאר קעגן סוינע נאר אפילו צווישן זיך, ווייל ניט אלע האבן געהאט דעם זעלבן קוק אף דער באפרייונג און צוקונפט פון ארגענטינע. דער גרעסטער קעגנער אלבערדיס אין קרייזן פון די אייגענע איז גראד געווען סארמיענטא, און די דאזיקע טראגישע קעגנערשאפט האט זיך צוליב סארמיענטאס נויקעם־ווענויטערדיקן כאראקטער קיינמאל ניט אויסגעלאשן.

דאס קרוינווערק פון אלבערדיס סאציאלע שריפטן איז „באזעס", אדער ווי עס האט געהייסן מיטן פולן טיטל: „באזעס און שטאנדפונקטן פאר דער קאנסטיטוציאנעלער ארגאניזאציע פון דער ארגענטינער רעפובליק". שפעטער איז צום דאזיקן גרונטווערק צוגעקומען א קארפוס פון פינף יורידיש־פילאזאפישע צוגאב־ווערק.

די „באזעס" זיינען דערשינען אין דער סאמע ריכטיקער צייט — גלייך נאכן היסטארישן בראך פון דער ראסיסטישער דיקטאטור הינטער קאסעראס. איידער דאס בלוט פון די ראצכים האט זיך באוויזן צו פארקילן איז שוין אלבערדיס מאנוסקריפט געווען אין די הענט פון אורקיסאן, און עס זיינען אפילו קיין צוויי יאר ניט אוועק, ווי די „באזעס"

זיינען געווארן די באזעס פון דער ערשטער ארגענטינער רעפובליקאנער קאנסטיטוציע פון יאר 1853.

„באזעס" איז דער מעלוכעמענערישער ענטפער אפן בילד פון געאגראפישער פוסטקייט און פון פאליטישער אנארכיע וואס אלבערדי האט געזען בעאיים זיין קינדהייט. דאס איז א זאמלונג פון פאליטישע נארמעס לויט וועלכע מען דארף צוימען די קאודיזשישע העפקייר־עס און ברענגען באפעלקערונג פארן פארמידבערטן און פוסטן פאטערלאנד. דאס זיינען נארמעס לויט וועלכע דאס פאלק, וואס איז ארויס פון דער אנארכיע, דארף איינשטעלן זיין געזעלשאפטלעכע ארדענונג, זיין נאציאנאלע ארגאניזאציע, זיין דעמאקראטישן פיר, זיין אינדוסטריעלן פונאנדערבלי. „מיר זיינען ארעם, נית געבילדעט און ווינציק" — דאס איז געווען די ארגענטינערווירקלעכקייט אין 1851, נאך דער דעראבערטער פרייהייט. ס'איז געווען א הוילע און נאקעטע פרייהייט, און דערפאר האט זיך אלבערדי פארמאסטן צו געבן דעם לאנד דאס וואס אורקיסאס זיג אליין האט נית געקענט געבן: קאנסטיטוציאנעלע מיטלען אף צו דערגרייכן ארדענונג און גרויסקייט פאר דער ציטערדיק־צארטער פרייהייט.

קעדיי צו פארמולירן זיינע פרינציפן האט אלבערדי דורכגענישטערט מיט זיין פלייסיקייט די מאדערנסטע קאנסטיטוציאנעלע באכמע פון דער דעמאלסטדיקער וועלט: די פראקטיש־עמפירישע סאציאלע וויסנשאפט פון ענגלאנד און די רעוואלוציאנער־ראציאנאליסטישע פון פראנקרייך, די שווייצארישע קאנסטיטוציעס פון די אמעריקאנער לענדער און די אלט־שפאנישע אזוי־גערופענע „געזעצן פון די אינדיעס", אבער ער האט זיך נית פארפלאנטערט אין פרעמדע טעאריעס און אין פרעמדע ווירקלעכקייטן, נאר ער האט געהאלטן אן אפן אויג אף דער ארגענטינער רעאליטעט, ער האט געזוכט „די רעאליטעט פון די זאכן".

„באזעס" איז אין דער ווירקלעכקייט א דורכגעלייטערטער סינטעז פון די אידעען וואס די פאליטישע פלייטים פון מאנטעווידעא און סאנטיאגא האבן בעמעשעד פון יארן אויסגעווארעמט און דורכגעטראגן דורך זייערע הערצער. דאס איז א סאציאלע דאקטרין וואס שפארט זיך אן אף די העכסטע אידעאלן פון ארגענטינישקייט, ציוויליזאציע, פרייהייט און הומאניזם. איר קווינטעסענץ איז די ארגענטינער קאנסטיטוציע.

איינער פון די באקאנטסטע פאסטולאטן פון די „באזעס" איז: „רעגירן הייסט באפעלקערן". דאן, ווען אפילו בוענאס איירעס האט געהאט נית מער ווי 75 טויזנט איינוווינער, האט דער דאזיקער פאסטולאט אויסגעזען ווי דער סאמע וויכטיקסטער. אלבערדין איז אבער געגאנגען נית סתם אין

אָנפּראָפּן דאָס לאַנד, ניט סטאַם אין אַרויסרופן אַ קאָסמאָפּאָליטישן צוזאַמענגעלויף פון סטאַם מענטשן, וואָס זאָלן נאָכן אַריַינקומען אין לאַנד סטאַם געלאָזט ווערן אַף זייער באַראַט. ער פאַרבינדט די אימיגראַציע מיט הייבן די קולטור און מיט אויסברייטערן די בילדונג, און ער וויל אויך אַז די אַריַינגעקומענע מאַסן זאָלן זיַין אָפּגעקליבענע און צוגעקליבענע פאַר דער אָדער יענער געגנט.

אַלבערדי דאָס איז דער לעבעדיקער גיַיסט פון אַרגענטינער אויפשטיַיג, און זיַינע „באַזעס" זיַינען לויט אָפיציעלמעלוכישע אויסדרוקן „די ביבל פון אונדזער פּאָליטישער פאָרמאַציע" אָדער „דער קוואַל פון אונדזערע וויטאַלסטע אינסטיטוציעס". דאָס דאָזיקע ווערק איז געווען דאָס ערשטע וואָס די יונגע מעלוכע האָט אַרויסגעגעבן אַף איר כעזשבן קעדיי, ווי דער דעקרעט זאָגט, „צו דערציען דאָס פאָלק און פרעמירן דעם אויטאָר".

.3

נאָך קאַסעראָס באַקומט אַלבערדי די וויכטיקסטע דיפּלאָמאַטישע מיסיע פון דער ניַיער אַרגענטינער קאָנפעדעראַציע — איַינקנעלן מיט מיַירעוו-איירָאָפּע וואָס אַזוינס די ניַיע אַרגענטינע איז. די מיסיע איז אַזוי איַיליק, אַז ער קען אַפילו ניט קומען כאַפּן אַ קוק אַף זיַין פאָטערלענדישער פריַיהייט, נאָר מוז גליַיך פון סאַנטיאַגאָ שניַידן דעם יאַם ווידעראַמאָל צו דער פרעמד. ווען ער קומט קיין איירָאָפּע איז שוין זיַין מיסיע ניט נאָר איַיליק נאָר מאַמעש דרינגענדיק, וויַיל די פראָווינץ בוענאָס איַירעס, וואָס וויל ניט צושטיין צו דער קאָנפעדעראַציע, זוכט איר אייגענע מעלוכישע אָנערקענונג אין די איירָאָפּעיִשע הויפן. עס הויבן זיך אויך אָן אינטריגעס קעגן אורקיסאַן, אין וועלכע עס זיַינען פאַרמישט אַזש סאַרמיענטאָ און מיטרע.

אין יאָר 1862, ווען מיטרע, דער גובערנאַטאָר פון פראָווינץ בוענאָס איַירעס, ווערט פרעזידענט פון דער רעפּובליק, נעמט ער צו באַ אורקיסאָס שעליִער, אַלבערדין, זיַין דיפּלאָמאַטישע פּלעניפּאָטענץ אין איירָאָפּע. אַ פאַרביטערטער, אַ פאַראַרעמטער און אַ פּאָליטיש אַנולירטער, באַשליסט אַלבערדי ווײַטער צו בליַיבן אין פּאַריז, ווו ער וועט שוין אַזוי אָפּזיַין אַ האַלב-פאַרגעסענער און אַ פאַרעלטערטער ביזן יאָר 1879, דאָס הייסט איבער 25 יאָר אָן איבערריַיס.

אין די דאָזיקע 25 יאָר האָט ער פון וויַיטן צוגעזען ווי ס'איז ניטאָ קיין שאָלעם-באַיִס אין אַרגענטינע; ווי די קאָנ-

סטיטוציע איז אַ האַלב־טויטער אָס; ווי זיינע „באַזעס" ווערן ביסלעכווייז פאַרבאַלזאַמירט; ווי די קאַודיזישעס רודערן נאָך אַלץ, כאָטש אַף אַ מער מאָדערנערן אויפן, און ווי די מילכאָמע מיט פאַראַגוויי רויִנירט דאָס לאַנד.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די פאַראַגווייער מילכאָמע, אין וועלכער אַרגענטינע איז, לויט אַלבערדין, אַריינגעצויגן געוואָרן צוליב בראַזיליאַנישע אינטריגעס, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן דאָס בוך „דאָס פאַרברעכן פון מילכאָמע", וווּ ער באַהאַנדלט, ניט נאָר די פאַרברעכערישע זינלאָזיקייט פון דאָזיקן קריג, נאָר ווייזט אויף מיט זיין אַמאָליקער יוגנטלעכער ליידנשאַפט דעם אומזין און די פאַרברעכערישקייט פון מילכאָמע אין אַלגעמיין. די צייט האָט זיך אָבער ווידעראַמאָל אַ רייץ געטאָן מיט אים: פונקט דאַן ווען ער האָט געשריבן דאָס בוך, אין 1870, האָבן זיך ביסמאַרקס פרייסישע אַרמייען אַריינגעריסן אין פאַריז און פאַרבייגעטופּעט פאַרביי זיין פענצטער...

4

אַלבערדיס יוגנטלעכע אילוזיעס האָבן זיך שטאַרק געעלטערט אין פאַריז. די לאַטיין־אַמעריקאַנער רעאַליטעט, ניט געקוקט אַף די ליבעראַלע קאָנסטיטוציעס אין וועלכע זי האָט זיך איינגעוויקלט, איז געבליבן, אין זיינע אויגן, אַזאַ ווי געווען: אַ ניט־געצוימטע, אַן אימפּולסיווע און נעגאַטיווע זיכען, אַן אינדיווידואַליסטיש־אַנאַרכישע, אַן אַכראַיעסלאָזע, אַ לאָז־מיך־געמאַכיקע.

האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך, איינס פון די לעצטע ביכער זיינע, וואָס איז אַ מין קאַריקאַטור אַפן אידעאַל פון די „באַזעס" און ווי ס׳ווערט באַשריבן אַ פאַנטאַסטישע רייזע פון אַן אויסגעפּאַנטאַזירטן העלד קיין לאַטיין־אַמעריקע. דאָס בוך הייסט „די וואַנדערונגען פון טאָג־ליכט אָדער די אַוואַנטורעספולע רייזע פונעם עמעס אין דער נייער וועלט". דער עמעס, פאַראומערט פון די ליגנס אין אייראָפּע, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פרוי, גיט זיך אַ נאָמען „טאָג־ליכט" און עמיגרירט קיין דאָרעם־אַמעריקע קעדיי צו דערפרייען זיין האַרץ.

אַפן נייעם קאָנטינענט טרעפט ער די באַרימטסטע העלדן פון דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס האָבן נאָך פריִער געהאַט עמיגרירט: די זשוליקעס — טאַרטיף, זשיל בלאַס און באַזיל; די פיינע לייט — סיד, פעלאַזשאַ און פיגאַראָ, און אַפילע דאָן קיכאָטן מיט סאַנטשאָן. מאַדאַם טאָג־ליכט טרעפט

זיך מיט זיי אַלעמען און שמועסט זיך פונאַנדער מיט זיי אַף אַ בּיז גאָר שאַרפזיניקן און הומאָריסטישן אויפן וועגן פּאָ־ליטיק, מאָראַל, אַרבעט, בּילדונג און פאַרשיידענע אַנדערע אידעאַלע מאַטעריעס. דער בּאַלאַנס פון די אַלע שמועסן איז איין גרויסער פּאַסיוו פון אַנטוישונג: ס'לאָזט זיך אויס אַז די איגנאָראַנץ פון די מאַסן האָט קיין גרענעץ ניט; אַז דער ליגן איז דער בּעסטער שוטעף צו אַלע געשעפטן; אַז אַלץ איז פול מיט ציניזם, אוממאָראַלישקייט, פאַרקויפט־קייט און קאָרופּציע; אַז דער מיליטאַריזם הערשט אומגע־שטערט, אַז אַלע פאַלשקייטן פון דער אַלטער אייראָפּע האָבּן עמיגרירט אַפן נייעם קאָנטינענט און האָבּן, קומענדיק אַף אַן אָרט, זיך בּאַדעקט מיט נייע לאָקאַלע כיין־פּינטעלעך.

טאַרטיף, לעמאַשל, גיט דער מאַדאַם טאַג־ליכט אַזאַ מין לעקציע וועגן דער הערשנדיקער מאָראַל:

„אַזוי ווי געלט שאַפט מאַכט און מיט מאַכט שאַפט מען דעם עמעס, דאָס רעכט און די מאָראַל, שאַדט ניט צו בּאַ־גראָבן צייטווייליק די מאָראַל און דאָס רעכט קעדיי צו בּאַ־קומען געלט און מאַכט. מען בּאַגראָבּט די מאָראַל קעדיי צו פאַרמערן זי. פּונקט ווי מען מאַכט עס מיט קאַרטאָפל און מיט ווייץ. ס'איז ניט אַ בּאַגראָבן, ס'איז אַ פאַרזייען. פּונקט ווי ס'וואַקסן ניט קיין נייע קאַרטאָפל ווען מען בּאַגראָבּט ניט פריער קיין אַלטע, אַזוי קען אויך ניט זיין קיין רייכקייט און קיין מאַכט ווען מען ברענגט ניט פריער פאַר אַ קאָרבּן אָדער מען פאַרצערט ניט, מיטן אויסקוק אַף פאַרמערונג, די מאָראַל און די גערעכטיקייט"...

נאָך די גרויסע אַנטוישונגען, וואָס זי לעבּט דורך, בּאַ־שליסט מאַדאַם טאַג־ליכט צו געבּן אַ קאָנפערענץ וועגן פריי־הייט.

זי האַלט אַז דאָס וויכטיקסטע וואָס עס פעלט אין דאָרעם־אַמעריקע איז פרייהייט. פרייהייט איז ניט קיין אַבּסטראַק־ציע און ניט קיין שיינע אידעע, נאָר אַ פּראַקטישע און עלע־מענטאַרע זאַך פון מענטשנס לעבּן. זי איז אַזוי פּראָזאַיִש און נייטווענדיק ווי בּרויט. די צאָרע איז וואָס אַמעריקע האָט צופיל בּאַפרייערס און וואָס צופיל פון די דאָזיקע בּאַפריי־ערס ווענדן אָן זייער טיראַניע אין נאָמען פון דער פריי־הייט. „אַמעריקע וועט ניט זיין פריי אויבּ זי וועט זיך ניט בּאַפרייען פון אירע בּאַפרייערס" זאָגט טאַג־ליכט. זי האַלט אַז די פרייהייט דאַרף לעבּן ניט נאָר אין די קאָנסטיטוציעס, נאָר זי דאַרף זיין דער ליידנשאַפטלעכסטער אַטריבּוט פון דער מענטשלעכער נעשאָמע. און דאָ גליטשט זיך שוין אַבּיסל אַראָפּ אַלבּערדים מאַדאַם טאַג־ליכט אַף ראַסיסטישע

וועגן. זי האַלט אַז די לאַטייניש ראַסן פילן ניט אַזוי שטאַרק דעם געבאָט פון פרײַהײַט און זיי זײַנען אויך ניט טיכטיק אַפן געביט פון פראָדוקטיווער אַרבעט. אויסער דעם זײַנען זיי צופיל פאַרמיליטאַריזירט און פאַרפאָטעוועט, אין דער צײַט ווען צאָפן־אַמעריקע האָט אַ ניכטערן קאָפ, אַ זין פאַר קריטיק און אַ טיף־דעמאָקראַטישן אײַנשטעל. דער אויספיר איז אַז מען דאַרף סעלעקציאָנירן די אימיגראַציע און באַמיִען זיך אַרײַנצוברענגען אין דאָרעם־אַמעריקע די זאַקסישע און נאָרדישע ראַסן.

אויב „באַזעס" זײַנען געווען די פרוכט פון כּוח באַוטיסטאַ אַלבערדיס יוגנטלעכער באַגײַסטערונג, איז „טאָג־ליכט" אַ פרוכט פון זײַן זקנישער אַנטוישונג. צווישן ביידע ווערק ליגן בלויז 20 יאָר, אָבער אין דער דאָזיקער צײַט האָט די פאַרביטערונג אַף אַזוי ווײַט צעפרעסן אַלבערדין אַז ער, דער לאַטיינער, איז אַזש געוואָרן אַן אַפאָלאָגעט פון דער נאָרדישער ראַסע, און האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין זײַנע אייגענע פעלקער, האַגאַם ער האָט זייער גוט באַנומען די שוואַכקייטן פון לאַטיין־אַמעריקע. די פעלערן וואָס ער געפינט אויס אין דאָרעם־אַמעריקע זײַנען, אין אַלגעמיין, פעלערן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג פון זײַן צײַט. אויב אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צאָפן־אַמעריקע האָט זיך דאָס לעבן פאָרמירט אַנדערש, איז עס ניט צוליב ראַסן־מאָטיוון, נאָר צוליב היסטאָרישע און פסיכאָלאָגישע סיבעס וואָס האָבן גאָרניט צו טאָן מיטן ראַסן־אָפשטאַם פון די דאָרטיקע אימיגראַנטן. וואָס שײַך דער צאָפנדיקער מאָראַל, אַרײַנגערעכנט די צאָפן־אַמעריקאַנער, איז נאָך אַ פראַגע צי ס'איז מיט איר מער פויגלדיק ווי מיט דער דאָרעמדיקער...

5

אינמיטן פון אַלבערדיס איינזאַמקייט און פאַרביטערונג האָט זיך מיטאַמאָל דאָס ווײַטע היימישע טוקומאַן דערמאָנט אין אים. אַלע דאָרטיקע גרופירונגען לייגן אַוועק זייער פאָליטיש געווער און קלײַבן אים אויס איינשטימיק פאַר אַ נאַציאָנאַלן דעפוטאַט.

אין דער נעשאָמע פון פאַריזער נאָזיר שטראַלט אויף אַן אַלט־פאַרגעסענע פרייד. ס'איז טאַקע שפעט, און די 70־יאָריקע זיקנע דריקט, אָבער אַט וועט ער זיך אומקערן, נאָך

41 יאָר ניט אָנקוקן זײַן היימלאַנד. דער אומקער אַליין איז די ברויזיקסטע איבערלעבונג פון זײַן עלטער.

ער קערט זיך אום אין אַ וויכטיקער היסטאָרישער צײַט. ס'איז 1880 און ס'קומט פאָר די ענדגילטיקע פּאַציפיקאַציע פון לאַנד. די ברידערלעכע צאַנקערײַען לעשן זיך אויס און בוענאָס אײַרעס ווערט די הויפּטשטאָט פון דער מדינה. אַלבערדי אַליין איז אָבער פיזיש אַ שיוורע־קײלע. אַנשטאָט זײַנע יוגנט־כאַווײרים, געפינט ער זייערע מאַציוועס, און די פּאָליטיק ליגט אין די הענט פון אינגאַנצן נײַע מענטשן. די פּאָליטיק באַשטייט פון קליין־פּאָליטיק, פון פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמבינאַציעס, פון פּאַרשיידענע דריידלעך, פון אַ נײַעם סיידער. די שטים דינט אים אויך ניט און ער זיצט אין פּאַרלאַמענט ווי אַ סטאַטיסט. ער איז אַ געאַכפּערטע אָבער אַ צווייטראַנגיקע פיגור, אַ שאָטנדיקע געשטאַלט וואָס האָט פון דער אַלטער צײַט פאַרבלאָנדזשעט אין דער נײַער.

זײַן לעבנס־באַגלייטערין — די אַלטע פאַרביטערונג — באַווײַזט זיך ווידער און אייצעט אים צו פאַרשווינדן פון דער פּאָליטישער אויבערפלאַך. ביידע קערן זיי זיך אום צו דער פּאַריזער איינזאַמקייט און דאָרט גייט אויס אַלבערדי, אין יעסורים, אין פיר יאָר אַרום.

6

אַלבערדי געהערט צום דאָר פון 1810, צו יענעם דאָר וואָס האָט דערגרייכט זײַן ראָמאַנטיש־קעמפערישן הויכפּונקט אין 1837 און וואָס האָט געשטאַלטיקט פּאָליטיש און מאָראַליש דאָס לאַנד נאָך 1851.

אין זײַנע „באַזעס" איז קאָנדענסירט דאָס ריינסטע פון אַלע אַרגענטינישע אידעאַלן, און די קאָנסטיטוציע פון לאַנד איז אַלבערדיס אייביקער מאָנומענט. ער איז געווען אַ גרויסער טעאָרעטיקער, אָבער ער האָט ניט געהאַט די היסטאָרישע מעגלעכקייט, און ער האָט עפּשער אויך ניט פאַרמאָגט די פּירערישע פעיִקייט. צו ווערן דער גרויסער פּראַקטיקער. ווען ניט די אומזיניקע צאַנקערײַען און ברודער־מילכאָמעס נאָכן ניצאָכן איבער ראָסאַסן, וואָלט ער מיסטאָמע געוואָרן דער צווייטער קאָנסטיטוציאָנעלער מעלוכע־פּרעזידענט נאָך אורקיסאָן, אָבער די געשיכטלעכע אַבסורדן האָבן אים פאַרטראָגן און פאַרוואָרפן אַף צענדליקער יאָרן און אַף טויזנטער מײַלן ווײַט פון אַרגענטינע.

פון ווײַטן האָט ער דורכגעלעבט און דורכגעווייטיקט דעם

דאָרעם־אַמעריקאַנער וואַריאַנט פון טיראַנישער הערשאַפט און פון דער טאַרטיפישער און זשיל־בלאַסישער מאָראַל, אָבער ביזן טיפן עלטער האָט ער זיך געבוגטעוועט קעגן דעם און ניט געשוויגן. ער האָט אַ גאַנץ לעבן געקעמפט פאַר פרייהייט און באַקעמפט די מילכאָמע.

און דאָס וויכטיקסטע — ער האָט איבערגעלאָזט אַ בוך וואָס איז גלייכווערטיק צו אַ געווונענער שלאַכט. צווישן די שווערדן פון סאַן מאַרטינען און אורקיסאַן לויכט ביז איצט אַלבערדיס וואָרט.

סאַרמיענטאָס שרײַבערישע לײַדנשאַפֿט

‘‘Casi tuviera más ganas de escribir que de gobernar’’ D. F. SARMIENTO

‘‘Papeles del Presidente’’, Obras Completas, tomo L.

1

סאַרמיענטאָ דער לערער, דער מינען־אַרבעטער, דער הענדלער, דער פּאָליטישער עמיגראַנט, דער זשורנאַליסט, דער רעוואָלוציאָנער, דער אָראַטאָר, דער פּאָליטיקער, דער וועלט־פֿאָרער, דער פּעדאַגאָג, דער טעאַטראַל, דער עקאָנאָמיסט, דער סאָציאָלאָג, דער דעפּוטאַט, דער סענאַטאָר, דער אַמבאַסאַדאָר, דער גובערנאַטאָר, דער מיניסטער, דער גענעראַל, דער מעלוכע־פּרעזידענט, — איז קוידעם־קאָל געווען אַ שרײַבער און האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט זײַן שלאַכט־פּען פֿון האַנט.

זײַן אימפּעט האָט אים געהאַלטן אין איין אַריבערהייבן פֿון איין מאַדרייגע אין דער צווייטער, אָבער זינט זײַן טשילענער יונגטלעכן גאָלעס ביז זײַן פּאַראַגווײַער זקײנישן טויט, האָט ער, אַריבערגייענדיק פֿון איין מאַדרייגע אין דער צווייטער, מיטגעטראָגן מיט זיך איין שטענדיקע, אומפֿאַרענדערלעכע צוגאָב־מאַדרייגע: די מאַדרייגע פֿון זײַן אַ שרײַבער.

אַלץ וואָס ער האָט געטאָן האָט ער געטאָן לײַדנשאַפֿטלעך און צום לײַדנשאַפֿטלעכסטן האָט ער געשריבן. זײַן שרײַבן איז ניט געווען קיין זײַטיקע באַגלייט־דערשײַנונג פֿון זײַן לעבן, נאָר דער אויסדרוק פֿון אַלע זײַנע געזעלשאַפֿטלעכע מאַדרייגעס. זײַן שרײַבן איז געווען אַ ליטעראַרישער סאַכאַקל פֿון דעם אַלץ וואָס ער האָט געטאָן און וואָס ער איז געווען, און אַזוי ווי זײַן גאַנץ לעבן איז געווען איין אַרגענטינישע סטיכיע, איז אויך זײַן שרײַבן פֿול געווען מיט אַרגענטינישער ברויזיקייט און מיט אויפֿגעהויבענע כוואַליעס.

דאָס איז געווען אַ סטיכיע וואָס האָט געבויט דאָס לאַנד און אַ שטורעם וואָס האָט געהאָלפֿן אויפֿשטעלן אַרגענטינע. די דאָזיקע קאָנסטרוקטיווע שטורמישקייט איז ליטעראַריש פֿאַר־

פראטאקאלירט אין די 20.000 זייטן פון סארמיענטאס 52 ביכער! מען קען פרעגן: ווען האט ער געהאט צייט צו זיין דאס וואס ער איז געווען, אויב ער האט אזויפיל געשריבן, און ווען האט ער געשריבן אויב ער האט געדארפט זיין דאס וואס ער איז געווען? אבער פונקט ווי זיינע 52 ביכער זיינען א פאקט, אזוי איז אויך א פאקט אז ער איז געווען דאס וואס ער איז געווען, און געווען איז ער אלע זיינע זייונגען עכט סארמיענטיש — מיט לייב און לעבן.

סארמיענטא איז בעמעשעד פון א סאך יארן געבליבן קימאט ווי אומבאקאנט. פראפ. ריקארדא ראכאס האט ערעוו סארמיענטאס הונדערטסטן געבוירן־טאג, אין 1909, דורכגעפירט אן אנקעטע בא די סטודענטן פון הומאניסטישן פאקולטעט, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפונען דיפלאמירטע לערערס און קאנדידאטן אף דאקטערס, און ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז צוליב די פאראויסלענדישטע, דרויסנדיק־נאכגעמאלפעוועטע לערן־פראגראמען, האט די ארגענטינער שטודירנדיקע אינטעליגענץ ניט געהאט קיין אנונג פון סארמיענטאס ליטערארישן ווארט. בלויז קנאפע 5% האבן געלייענט ערגעץ פראגמענטן פון זיינע סאמע פאפולערסטע ווערק „פאקונדא" און „זיכרוינעס פון פראווינץ", און וועגן די אנדערע ווערק האבן זיי אפילע ניט געהערט. זינט דאן איז סארמיענטא געווארן פאפולערער; עס איז אויפגעקומען א גאנצע סארמיענטאלאגיע, אבער עס זיינען נאך אלץ פאראן זייער ווינציק מענטשן אין ארגענטינע וואס זאלן קענען גאנץ סארמיענטא.

2

סארמיענטא, וואס איז געבוירן געווארן אין 1811, איז בלויז מיט איין יאר יינגער געווען פון ארגענטינע. זיין גאנץ לעבן האט זיך געדעקט מיטן לעבן פון ארגענטינע, געדעקט זיך ניט נאר פארמעל־כראנאלאגיש, נאר דער איקער — אינערלעך־ארגאניש. ער האט זיך אריינגעפאסט אין ארגענטינישן פאטערלאנד ווי א יאדער אינעם כאלעל פון א נוס; זיי זיינען געוואקסן צוזאמען און געפורעמט איינער דעם צווייטן. ארגענטינע האט באשטימט זיין לעבן און ער האט אף לאנגע יארן באשטימט די גייסטיקע און מעלוכישע פיזיאנאמיע פון יונגן לאנד.

זיין לעבן איז צונויפגעפאלן מיט דער פאליטיש־ווולקאנישער פארמירונג פון דער רעפובליק — מיט די איבער 60 יאר וואס עס האט געדויערט איר געשטאלטיקונג, זינט דער מיי־

רעוואלוציע ביזן סאף פון דער מילאכמע מיט פאראגוויי. בעמעשעד פון די ערשטע רעוואלוציאנער־סארמיענטישע עטאפן איז ער נאך געווען א קינד אין היימיש־פאטריארכאלישן, קאלאניאלן סאן כואן, וואס ער האט שפעטער באשריבן און זיינע ראמאנטישע „זיכרוינעס פון פראווינץ". זיין אקטיווע ארגענטינישקייט הייבט זיך אן צו 28 יאר, אין קאמף מיט ראסאסעס טיראניע און מיט די פארשיידענע צעוישעטע „קאודיזשאס", וואס האבן זיך ארומגעצאנקט איבער די העפקערדיקע פראווינצן און צעשויבערטע פאמפעס.

דריי מאל אנטלויפט ער אין טשילע און איין מאל ראטעוועט ער זיך מיט ניסים פון ראסאסעס עקזעקוציע־קויל, וואס א לעגאלער טויט־אורטייל האט געהאט פאר אים צוגעגרייט. אין טשילע טוט ער פון אנהייב קאל אווידעס פערעד און שפעטער גיט ער זיך אפ מיט אן אריגינעלער פראדוקציע: ער פאברוצירט שולן און צייטונגען. בעמעשעד פון די 13 יאר, וואס ער איז געווען פארטריבן אין טשילע, האט ער געגרינדעט די ערשטע עלעמענטארע און מיטעלע שולן פון טראנסאנדינישן לאנד און גאנצע 9 צייטונגען און זשורנאלן, אין וועלכע ס'האבן זיך געטראגן די שטראמען פון זיין פארביטערטקייט, פון זיין זשורנאליסטישער אנגרייפערישקייט און אויך פון זיין פעדאגאגישן ענטוזיאזם.

פון טשילע גיט ער זיך א כאפ ארום קיין אייראפע, אפריקע און צאפן־אמעריקע, און קומט פון דארט מיט נייע קאנצעפציעס וועגן דער אייראפעיזאציע און אמעריקאניזאציע פון דער שפאניש־פארגליווערטער לאטיין־אמעריקע. דער סאף פון זיין טשילענער גאלעס פאלט צונויף מיט דער שלאכט בא קאסעראס. אין ראנג פון קאראנעל געפינט ער זיך דארט זייט בא זייט מיט אורקיסאן. זיינע זשורנאליסטישע פינגער פארשטייפן זיך אין א מיליטערישער פויסט וואס לאזט זיך ארא אף ראסאסעס קארק.

אוים טיראניע, אבער נייע צאנקערייען. דער קאודיזשישער אינדיווידואליזם וויל זיך ניט פארגעזעלשאפטלעכן און וויל זיך ניט דיסציפלינירן. די פראווינץ בוענאס איירעס וויל ניט צושטיין צו דער קאנפעדעראציע פון די 13 פראווינצן; אורקיסאס קאוואנעס זעען אוים פארדעכטיק. נייע אמביציע־קאמפן, נייע בירגער־קריגערייען, נייע ברודער־מילכאמעס, נייע בלוטפארלוסטן. ענדלעך שטעלט זיך איין די רעפובליק, און דער סאן־כואנער זשורנאליסט, וואס האט שוין באוויזן צו זיין דעפוטאט, ווערט גובערנאטאר און שפעטער אמבאסאדאר אין די פאראייניקטע שטאטן. דארט פארקאכט ער זיך, מיט זיין אלטער ליידנשאפט, — אינעם שולוועזן און אין דער

אידעע פון פּאַנאַמעריקאַניזם. פון ווייטן קלייבט אים דערוויל אויס אַרגענטינע פאַר פּרעזידענט אַפן פּעריאָד 1872-1868.

זיין פּרעזידענטשאַפט האָט צעעפנט טיר און טויער פאַר זיין אַלטן כאָלעם: שולן, שולן, שולן! אינמיטן פון די מילכאָמעס מיט פּאַראַגווייַ און מיט די אינדיאַנער האָבן זיך צעעפנט ווייַסע פּלאַנטאַציעס פון שולן, אַקאַדעמיעס און ביבליאָטעקן. דאָס לאַנד האָט זיך גענומען באַדעקן מיט פּאַבריק־קוימענס און מיט רעלסן. מען האָט דורכגעפירט דעם ערשטן צענז און די אימיגראַציע האָט זיך פאַרדרייפאַכיקט. מען האָט איינגעצוימט די קאָודיזשאָס אינעם גוויל פון געזעץ.

נאָך זיין פּרעזידענטשאַפט איז ער געוואָרן אַ פּאַרלאַמענטאַריער, אָבער ער האָט זיך שנעל צוריקגעקערט צו דער לייַדנשאַפט פון זיין יוגנט און פון אַלע זייַנע יאָרן: שולן, שולן, שולן. דער גרייז־גרויער סענאַטאָר, דער גרויסער עקס־פּרעזידעט, דער גענעראַל פון דער אַרמיי, האָט געוואָלט זיין ניט מער ווי אַ דירעקטאָר פון שולן און דאָס איז טאַקע געווען זיין לעצטע באַשעפטיקונג...

געשטאָרבן איז ער אין אַסונסיאָן, נאָנט פון קורופּייטי, ווו ס'איז מיט 22 יאָר צוריק, אין דער פּאַראַגווייַער מילכאָמע, געפאַלן זיין אַדאָפּטירטער, היים־געליבטער זון, וועגן וועלכן ער האָט אָנגעשריבן אַ פּאַטערלעד־רירנדיק ווערק „דאָס לעבן פון דאָמינגיטאָ".

3

קיין קינסטלער איז סאַרמיענטאָ אין זיין שרייבן ניט געווען, אָבער זייַנע ווערק זייַנען פול מיט קינסטלערישע עלעמענטן.

ער האָט ניט געהאַט קיין צייט צו אָרגאַניזירן קינסטלעריש זייַנע ווערק. עס האָט אין אים געקאָכט אַ יאַם, און די דאָזיקע גאַנצע קאָכיקייט איז, אַ ספּאָנטאַנישע און אַן אימפּראָווויזירטע, אַרייַן אין זיין שרייַבן. פון זיין שרייַבן האָט אַרויסגערעדט די מיליטאַנטישקייט, דער דידאַקטישער ווילן אויפצוקלערן און צו לערנען, דאָס טייקעפדיקע רעאַגירן אַף דער סאָציאַלערווירקלעכקייט. אין די שטורעמס פון דער פיבערדיק־סאָציאַלער יונגער אַרגענטינער געשיכטע האָט זיך זיין שרייַבן געוואָרפן ווי אַ באַראָמעטער־נאָדל, וואָס האָט געמאָסטן דעם פּאָליטישן אַטמאָספער־דרוק און געוויזן דעם געזעלשאַפטלעכן וועטער.

ניט געקוקט אַף דער קעסיידערדיקער סאָציאַלער שפּאַנונג און אַף די אויפטרייסלונגען פון דער אַקטועלער נאַציאָנאַלער פּראָבלעמאַטיק, האָט זיך זיין קינסטלערישע נאַטור דורכגע־

ריסן דאָ און דאָרט און האָט אַפּילע אָפּטמאָל פאַרוואַנדלט זײַן זשורנאַליסטיק אין עסייאיסטיק. זײַן זין פאַר עסטעטיק, זײַן דערציילערישקייט און זײַן פּײַזאַזשן־מאַלערײַ, האָט אין אַ ריי ווערק דערגרייכט מאָמענטנווײַז צו דער מאַדרייגע פון עמעסער קונסט, לויט דער טראַדיציע פון די אַלט־שפּאַנישע פּראָזע־מײַסטערס און מיטצײַטלערישע פראַנצויזישע פּײַזאַזשיסטן. ביכלאַל האָט ער אין דער קאַלט־אַנגעצויגענער און גאַנץ אָרעמער אַרגענטינער ליטעראַטור פון זײַן צײַט אַרײַנגעבראַכט אינטימע וואַרעמקייט, אויפרודערנדיקן סאַרקאַזם, געפּילפּולע אָפנהאַרציקייט און יענעם פּאַרטרווילעכן טאָן וואָס פאַרוואַנדלט דעם לייענער אין אַ שותּף צום שרײַבער.

צוויי מעכטיקע מאָטאָרן האָבן באַוועגט זײַן שאַפן: אַרגענטינע און קולטור. די דאָזיקע באַוועגערישע אידעען זײַנען אָבער ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן מיט דאָקטרינאַרישער טרוקנקייט, נאָר זיי זײַנען אַרומגעשניצט געוואָרן מיט היסטאָרישער און ביאָגראַפישער אָרנאַמענטיק, מיט שטייגערישער בילדערישקייט און מיט אַנעקדאָטאַרישער פאָלקלאָריסטיק.

אין קאָכיקן געמיש פון סאַרמיענטאָס שאַפן לאָזן זיך אויסטיילן באַזונדערע שטראָמען: 1) געשיכטלעך־שטייגערישע ווערק און מעמואַרן, אין וועלכע עס ווערט געוויזן ווי אַזוי די אַרגענטינישע ווירקלעכקייט האָט זיך דורכגעשלאָגן צווישן „באַרבאַריע און ציוויליזאַציע"; 2) פּעדאַגאָגישע ווערק; 3) אַמעריקאַנער סאָציאָלאָגיע; 4) אַרגענטינער עקאָנאָמישע פּראָבלעמאַטיק; 5) עסייאיסטיש־פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען וועגן קולטור־געשיכטלעכע און אַקטועל־לעבעדיקע וועלט־איניאַנים.

דאָס קלאַסישסטע ווערק סאַרמיענטאָס „פאַקונדאָ" איז טיילווײַז אַ לעבנס־באַשרײַבונג פון בלוטיקן קאַודיזשאָ כואַן פאַקונדאָ קיראָגאַ, דעם „טיגער פון די טאָלן", וואָס האָט זיך מיט זעלבסטהערשעריש־באַנדיטישער רעציכע אַרומגעטראָגן איבערן אַרגענטינער פלאַכלאַנד, אין יענע צײַטן ווען ס'האָט געהערשט דאָס געזעץ פון „לעם דין וועלעם דאַיען"... צוזאַמען מיט די ביאָגראַפיעס פון צוויי אַנדערע קאַודיזשאָס אַלדאַאָ און על טשאַטשאַ האָט סאַרמיענטאָ אַזוי אַרום געשאַפן די טרילאָגיע פון ברוטאַליטעט און אַנאַרכיע, וואָס האָבן פאַרפינצטערט די ווײַט־פּרימיטיווע יוגנט־יאָרן פון אַרגענטינע. דער ביאָגראַפישער זשאַנער איז געווען סאַרמיענטאָן צום האַרצן און ער האָט טאַקע שפּעטער אויפגעלעבט אין אַ פרייִדיקערער ביאָגראַפיע די פיגור פון צאַפּנדיקן קאָלאָס — לינקאָלן.

די וויכטיקייט פון „פאַקונדאָ" באַשטייט אָבער ניט נאָר אין

דער ביאָגראַפישקייט, ניט נאָר אין באַשרײַבן דאָס לעבן פונעם רעפרעזענטאַטיוון מענטש פון יענער פרימיטיווער גאָטשישער, ווילד־פאַמפישער געזעלשאַפט, ניט נאָר אין שילדערן די ציווילע מילכאָמעס, נאָר אין דער באַשרײַבונג פון דער פאַמפע גופע און פון אירע שאַרפכושימדיקע פאָלקסמענטשן, ווי דער „זינגענדיקער גאַוטש", דער „ראַסטרעאַדאָר" (שפּורן־זוכער), דער וואַקעאַנאָ" (באָקי) און ביכלאַל דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן פונעם סטעפ צוזאַמען מיט זײַן פאָלקלאָר.

„פאַקונדאָ" פאַרמאָגט נאָך אַ דריטן טייל: סאַרמיענטאָס פערזענלעכע באַטראַכטונגען ווי אַזוי צו באַזיגן ראָסאַסן און אָרגאַניזירן אַרגענטינע אין איין קאָנטינענטאַלער גאַנצקייט. דאָס ווערק באַשטייט אַזוי אַרום פון אַ בעלעטריסטיש־פאָלקלאָריסטישן טייל, פון אַ היסטאָריש־ביאָגראַפישן און פון אַ פובליציסטיש־קעמפערישן. די דאָזיקע אויסגעמישטקייט, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן באַם לייענען, באַווײַזט אַז סאַרמיענטאָ, וואָס האָט געשריבן לײַכט און ספאָנטאַן, האָט געפעלט ליטעראַרישע פלאַנירונג און טעמאַטישע אויסגעהאַלטנקייט.

די זעלבע קאָמפאָזיציאָנעלע אומגלײַכהייט מערקט זיך אויך אין „זיכרוינעס פון פראָווינץ", — דאָס אידילישסטע און געפילפולסטע ווערק סאַרמיענטאָס, ווו עס קומט צום אויסדרוק אויף אַ רירנדיקן אופן, צווישן אַ סאַך אַנדערע זאַכן, די פאַרערונג פאַר זײַן מאַמען. ער זאָגט אַזוי וועגן איר: „ווען ס'האָט געפעלט ברויט פאַר איר אייגן מויל, איז זי געווען בריטהאַרציק; זי האָט ניט געהאַט קיין שול־קולטור און האָט געקענט פאַרשעמען די וויסנשאַפט; אַלץ וואָס איך בין, בין איך אַדאַנק איר און איך בין דאָס קלענסטע פון אירע שאַפונגען".

די אויטאָביאָגראַפישקייט פונעם ווערק איז אין איר ערשטן טייל אַ היסטאָרישע, ווײַל סאַרמיענטאָ באַשרײַבט דאָרט דאָס לעבן פון זיבן אַלטע פאַטריציער־פאַמיליעס, מיט וועלכע ער איז קרוייוויש אָדער פון וועלכע ער איז אָפשטאַמיק. אַגעוו דערוויסט מען זיך אַז ס'איז פאַראַן אין זײַנע אָדערן אַ טראָפן בלוט פון אַלט־אינדישן אָדל, און מיט דעם דערקלערט זיך עפשער די פאָרעם פון סאַרמיענטאָס מעכטיקן קאָפ און פון זײַן רײַסיקן טעמפעראַמענט. ערשט אין ווײַטערדיקן טייל פון מעבוד הייבט זיך אָן די אייגנטלעכע אויטאָביאָגראַפיע פון מעבאַבער, אָפן פאַן פונעם שטייגער און פון די מידעס פון אַלטן סאַן־כואַן. דער לעצטער טייל פון בוך, אין וועלכער עס ווערן באַשריבן זײַנע זשורנאַליסטיש־פעדאַגאָגישע אַרבעטן

אין טשילע, פּאָרלירט זײַן קינסטלערישן אַטעם און איז אָנגעשריבן באַריכטמעסיק.

„פּאַקונדאָ“, „זיכרוינעס פון פּראָווינץ“ און „דאָס לעבן פון דאָמינגיטאָ“ זײַנען אַ לעבעדיקער קוואַל פון אַרגענטינער געשיכטע, פּאָלקלאָר, פּסיכאָלאָגיע, שטייגער, און זיי ווײַזן אַז סאַרמיענטאָ וואָלט געקענט זײַן אַ פולער קינסטלער, ווען די טאָג־טעגלעכע פּאָליטיק וואָלט אים געלאָזט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

זײַנע פּעדאַגאָגישע אַרבעטן זײַנען קאָלאָסאַל מיט זייער אַרומנעמיקייט און אויסשעפּיקייט. שוין זײַן ערשט יוגנטלעך בוך אין טשילענער גלעם הייסט „טראַקטאַט וועגן אָרטאָגראַפיע“ און די גרעסטע טייל פון אַלע זײַנע שפּעטערדיקע ביכער זײַנען אַ רעזולטאַט פון זײַן פּעדאַגאָגישן אומרו. זײַן קאַפּיטאַל ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן מיט איבער 100 יאָר צוריק, ווען דאָס לאַנד איז געווען אײַנגעזונקען אין אומוויסנקייט און קאַטוילישע־מיליטאַנטישער רעאַקציע, איז געווידמעט דער וועלטלעכער בילדונג און הייסט „פּאָלקס־דערציִונג“. דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אײגענער אינספּיראַציע און פון אייראָפּעיִש־אַמעריקאַנישער דערפאַרונגען, איז ניט נאָר איבערפולט מיט טיפע באַטראַכטונגען וועגן דער ראָל פון דערציִונג אין מאָדערנע דעמאָקראַטישע רעזשימען, נאָר שטעלט אויך פאָר מיט זיך אַ טעכניש־פאַכמענישן טראַקטאַט פון פּראַקטימדיקער פּעדאַגאָגישער מעטאָדאָלאָגיע. אָפּן דאָזיקן ווערק און אַף אַ ריי אַנדערע, ווי „דערציִען דעם סוווערענעם וועזן“ (געמיינט דאָס פּאָלק) און „די אולטראַפּאַמפּעאַנישע שולן“ איז אויפגעוואַקסן דאָס שולוועזן פון אַרגענטינע און פון גאַנצן קאָנטינענט.

די פּאָרמירונג פון די באַפעלקערונגען אין אַמעריקע און די דאָרעם־אַמעריקאַנער אָפּגעשטאַנענקייט האָבן אים באַוויגן אָנצושרײַבן אַ סאָציאָלאָגיש ווערק „די קאָנפליקטן און האַרמאָניעס פון די ראַסן אין דאָרעם־אַמעריקע“. דאָס איז דאָס אײנציקע ווערק ווו ער בלאָנדזשעט און ווו ער איז אָפּטמאָל סטירעדיק, ווײַל ער גייט ניט אַרויס פון אַן עקאָנאָמיש־סאָציאָלאָגישן נאָר פון אַ ראַסן־שטאַנדפּונקט. דאָס דאָזיקע ווערק איז פול מיט קינע צו דער טיכטיקער אַנגלאָ־זאַקסישער ראַסע פון צאָפן־אַמעריקע, אין קעגנזאַץ צו דער אַלט־שפּאַנישער און אינדיש־אײַנגעזעסענע ראַסן, וואָס האָבן אויסגעפאָרמירט דעם עטנישן גרונט־קערן פון דאָרעם־אַמעריקע. ער שרײַבט צו דער שפּאַניש־אינדישער ראַסן־פאָרמאַציע פון די דאָרעם־אַמעריקאַנער באַפעלקערונגען די פריִערדיקע טי־

דאנישקייטן און רייסערייען, איידער די מעלוכע האט זיך געגרינדעט, און די פאליטישע אומארנטלעכקייט און עקאנאמישע אומבאהאלפנקייט, נאכדעם ווי די רעפובליק איז שוין געגרינדעט געווארן. ער איז אויך ניט צופרידן מיט דער אייראפעישער אימיגראציע צוליב איר קאסמאפאליטיזם און שוואכע נייגונגען צו אסימילאציע. ער זעט נאך ניט גענוג קלאר אז אין דער אפגעשטאנענקייט פון דארעם־אמעריקע איז שולדיק די פעאדאל־לאטיפונדיסטישע הערשאפט, די קאנקיסטאדאריש־קאודיזשישע טראדיציעס פון די הערשנדיקע קליקעס, דאס ניט צולאזן דאס פאלק צו דער מאכט ניט געקוקט אף די טעארעטישע פרייהייטן און דער אנהייב פון דער אימפעריאליסטישער אריינדרינגונג.

אין „ארכיראפאליס" באהאנדלט סארמיענטא די באזעס פון דער עקאנאמישער ארגאניזאציע פון לאנד אפן יעסאד פון קאמערץ, אינדוסטריע, לאנדווירטשאפט, אייזנבאנען, אימיגראציע, בילדונג און מאטעריעלער קולטור. זיינע וועלט־נעסיעס האט ער באשריבן אין בוך „רייזעס", ווו ס'קומט צום אויסדרוק זיין שארפע אבסערוואציע־קראפט און זיין רייכע ערודיציע. אליין אן אויטאדידאקט, האט ער זיך אנטוויקלט אף די גריכיש־לאטייניש קולטור־טראדיציעס, אף דער ביבל און אף דער מיירעוו־אייראפעישער ליטעראטור, אין וועלכער ער האט באזונדערס געשעצט סערוואנטעסן און וואלטער סקאטן. זיין בעקיעס קומט צום אויסדרוק אין די ליטעראַרישע באריכטן פון זיינע רייזעס; באשרייבנדיק די באזוכטע לענדער, טויכט ער אריין אין זייערע קולטורן און בינדט איבער זיינע איינדרוקן מיט רעמיניסצענצן, פאנטאסטישע איינפאלן און מעדיטאציעס. אויך דא איז ניטא קיין גאנצקייט אין דער קאמפאזיציע. אף דער צעכוואליעטקייט זיינער שוועבט פארביי די מאמענטאלע שיינקייט און דער אנלויפנדיקער געדאנק, וועלכן ער וועט שוין שפעטער ניט האבן קיין צייט צו קאנטראלירן און אנצוגורטן מיט מער אויסדרוקפולקייט.

סארמיענטא האט גענוצט אלע ליטעראַרישע פארמען אויסער פאעזיע, צו וועלכער ער האט געפילט א געוויסן פארורטייל. ער האט געהאלטן אז לאטיין־אמעריקע איז צופיל פארפאעטיזירט און אז דאס איז איינער פון די צייכנס פון איר אומטיכטיקייט. עס איז ניט ריכטיק, אזוי ווי אנדערע מיינען, אז ער האט ביכלאל פיינט געהאט פאעזיע. ער האט ניט געקענט פיינט האבן קיין פאעזיע, ווייל זיין טעמפעראמענט גופא איז געווען א פאעטישער און ווייל זיין פראזע איז פול געווען מיט דיכטערישקייט. ער איז אבער געווען אזוי ברוי־

זיך אז ער האָט אין דער פּערזאָן־דיסציפּלין געזען אַ באַגרענע־צונג; דערפאַר האָט ער באַטראַכט פּאָעזיע ווי „שיינקייט פאַרשפּאַרט אין פאָרעמס און קעסטעלעך וואָס הייסן פערזן". פון דער צווייטער זייט האָט ער ניט געקענט פאַרטראָגן וואָס די דעמאָלסטיקע אַרגענטינער פּאָעזיע (פּונקט ווי דער גרעס־טער טייל פון דער היינטיקער) איז אינגאַנצן אָפּגעריסן גע־ווען פון לעבן. ער האָט געוואָלט אַז די פּאָעזיע זאָל באַזינ־גען די אייזנבאַנען, די קאַבלען, די שיפן. ער האָט געהאַלטן אין איין טײַנען אַז „די גרויסע פּאָעזיע פון אונדזער יאָרהונ־דערט איז אַרבעט".

דאָס גאַנצע שרײַבן זיינס איז געווען איין גרויסע לײַדנ־שאַפט, איין פלײַען פאָרויס. ער האָט געהאַט איין ציל — פאַר־לויפן דעם וועג דעם פּראָגרעס, און אין אַלע ווערק זײַנע האָט זיך דורכגעלויכטן איין אידעע — אָרגאַניזירן אַרגענטינע אויף די יעסוידעס פון דעמאָקראַטישער קולטור.

4

סאַרמיענטאָ האָט ניט נאָר באַשריבן די דראַמאַטישע עפּאָ־פּעע פון אַרגענטינעס נאַציאָנאַלן אויפקום, נאָר איז געווען איינער פון די עפּאָפּעישע הויפּט־פּערסאָנאַזשן פון דאָזיקן אויפקום.

אַז אײַנגעוואָרצלטער אין די שפּאַניש־אינדישע טראַדי־ציעס פון זײַן ערד, האָט ער מיט זײַן רעוואָלוציאָנער־פּראָ־גרעסיוון גייסט און מיט זײַן פּאַטעטישן טעמפּעראַמענט אַרויפגעפירט זײַן היימלאַנד אויף די וועגן פון קולטור און פון פּאָרויסגייערישע פאַרמעסטן. אויב אַרגענטינע איז זינט 60 יאָר די ערשטע מעלוכישע פיגור אין דאָרעם־אַמעריקע, איז עס אין דער סאַמע גרעסטער מאָס דער פאַרדינסט פון סאַר־מיענטאָן, פון דער דאָזיקער אַלזײַטיקער, פענאָמענאַלער פּער־זענלעכקייט, וואָס אַלע 60 יאָר פון איר באַוווסטזיניקן לעבן זײַנען געווען אומפּערזענלעכע אַרגענטינער יאָרן.

זײַן גאַנץ לעבן, זינט דעם טשילענער גאָלעס ביזן פּרעזי־דענט־שטול און נאָך ווײַטער, איז ער געווען אַ שרײַבער און אַ קעמפער. ער האָט דערגרייכט אַלע מעגלעכע מאַדרייגעס פון גרויסקייט און האָט געהאַט צענדליקער טיטלען. דער טי־טל וואָס איז אים אָבער געווען צום טײַערסטן און וואָס האָט געגלוט ווי אַ פּאָלקס־קרוין אויף זײַן קאָפּ איז געווען איין־און־איינציקער:

„דער לערער".

דער פּאָעט און זײַן טײַך

De nuestras selvas escuché el arrullo,
de nuestras pampas contemplé la faz,
y el grande río, de la patria orgullo,
que derramado por sus islas va.

RAFAEL OBLIGADO

1

אַ גרויסער אַרגענטינער פּאָעט האָט זיך צוזאַמענגעטראָפֿן מיט אַ גרויסן אַרגענטינער טײַך: ראַפֿאַעל אָבליגאַדאָ מיטן פּאַראַנאַ...

גלײַך פֿון אָנהייב האָט דער פּאַראַנאַ אָנגעהויבן צו פֿליסן דורך אָבליגאַדאָס פֿערזן און האָט שפּעטער דורכגעשניטן זײַן גאַנצן שאַפֿן. קאָרעװ צו 70 יאָר איז אָבליגאַדאָס לירישער געמיט געװען פֿאַרבונדן פּאָעטיש מיט דער ברייטװאַסערדיקער שײנקייט פֿון פֿאָטערלענדישן טײַך. איין איינציק מאָל האָט ער זיך צעשיידט מיט די פּלאַכלאַנדיקע פּאַמפּעברעגן פֿון זײַן לעבנס־טײַך, און דאָס דאָזיקע איינציקע מאָל האָט געקלעקט אַז ער זאָל באַגעגענען אַ װײַטן באַרגיקן טויט אין מענדאָסאַ...

פּאַראַנאַ איז די טײַכיקע היים פֿון אָבליגאַדאָס פּאָעזיע. אָבליגאַדאָ זוכט אָבער אינעם פּאַראַנאַ ניט בלויז דאָס טײַביקע פֿונעם טײַך, נאָר אויך דאָס אַרומיקע, דאָס אינדזלדיקע און דאָס ברעגיקע, און דער עיקר — דאָס לעגענדאַרישע און פֿאָלקלאָרישע, דאָס געשיכטלעך־טראַדיציאָנעלע און גאַוטשיש־פּאַמפּישע. דער טײַך איז נאַטור, לעגענדע און װירקלעבקייט; ער איז געשיכטע, לעבן און שײנקייט, און אַלץ װאָס איז פֿאַרגעקומען און װאָס קומט פֿאָר אױף ברייטע און װײַטע אַרגענטינער מערכאָקים איז פֿאַרבונדן מיטן דער װאַסערדיקער גרויסמאַכט פֿון מעכטיקן טײַך.

פֿון די סאַמע צאַרטסטע יאָרן פֿון זײַן קינדהייט איז אויך־

אַבליגאַדאָס לעבן געווען צוגעבונדן צום טײַך. די דאָזיקע צוגעבונדנקייט איז געווען ניט נאָר אַ פּאָעטישע נאָר אויך אַ פּערזענלעכע און אַ היסטאָרישע. ער איז געווען ווי אַ בוים אַפן ברעג טײַך. דאָרט איז ער פאַרפלאַנצט געוואָרן, דאָרט איז ער אויפגעוואַקסן און דאָרט האָט אַ לאָרבערדיקע בלעטערקרוין באַדעקט זײַנע דערוואַקסענע יאָרן.

דאָס אָרט פון זײַנע אינטימע טרעפונגען מיטן טײַך איז געווען דאָס באַרימטע וועלטאַ דע אַבליגאַדאָ, זײַן יערושעגוט, וואָס איז ניט נאָר אַ געאָגראַפישער פונקט נאָר אויך אַ געשיכטלעכער. דאָרט האָט דאָס אַרגענטינישע מיליטער צוריקגעשטויסן, אין יאָר 1845, דעם ענגליש־פראַנצויזישן בלאָקאַדע־פלאָט און באַפעסטיקט נאָך מער די אַרגענטינישקייט פון דער יונגער ערד. דער פאַראַנאַ־ברעג איז אַזוי אַרום געווען פאַר אַבליגאַדאָן ניט נאָר אַ ברעג פון שיינקייט נאָר אויך אַ ברעג פון פּאַטריאָטיזם.

ער האָט אויך געהאַט דעם באַוווּסטזײַן פון טיפער אײַנגעוואָרצלטקייט אין דער דאָזיקער ערד. זײַנע אָוועס, צווישן וועלכע אַן עלטער־זיידע איז געווען וויצע־קעניג, האָבן געוווינט אין אַרגענטינע זינט די ערשטע קאָלאָניאַלע צײַטן און די דאָזיקע אַלע אַבליגאַדאָ־דורות האָבן זיך פון שטענדיק אָן אויסגעלעבט אַפן פאַראַנאַ. פון דאַנען — אַבליגאַדאָס געאָגראַפישע, היסטאָרישע און פּאָעטישע צוגעבונדנקייט צום טײַך און באַזונדערס צו דער ברייט־צעגאָסענער דעלטע.

דער טײַך, אין זײַן אונטערשטן לויף, איז בעעמעס פול מיט שעפעדיקער שיינקייט. ער איז דאָרט אַזוי ברייט אַז צווישן די פונאַנדערגעוואָרפענע לאַנגע וואַסער־צעפּ און וואַסער־אָרעמס זײַנען אָנגעשאָטן אינדזלען אַף אינדזלען. אַף די וואַסערן, מיט זייערע פּערלדיקע, פּיאָלעטע און גאָלדיקע אָפּגלאַנצן, טראָגן זיך מיטן שטראָם אײַליקע קאַמאַלאָטן — וואַסער־פלאַנצן, וועלכע זעען אויס ווי שטאַפּעטן וואָס די פּאַמפּע שיקט מיטן וואַסער־וועג צום אָקעאַן... די טײַך־ברעגן זײַנען באַזעצט מיט הונדערטיאָריקע מענעריש־קנאָכיקע כיאַנדובאַיען און מיט ווײַבעריש־צעקעמטע גרינהאָריקע ווערבעס. דורכן בײַטײַכיקן גרינס און הויכע פּאַשע־גראָזן רײַסט זיך דורך מיט איר נאַציאָנאַלער רויטקייט די בלום פון סעיבאָ־בוים, וואָס איר ווילדע, גאָטשישע שיינקייט רופט זיך איבער מיט די ציוויליזירטע קאָלירן פון די אימיגראַנטישע פּערשקעס, מאַראַנצן און מאַנדאַרינקעס... פון די גראָזיקע טיפקייטן הייבט זיך אויף אַ זאַטקייט־אַראָמאַט פון שוואַרצערד; פון די וועלדער — אַ זיסער בוימער־שווייס, און פון פּאַראַנאַ — אויפרודערנדיקע רייכעס פון לעבעדיקן טײַך

וואסער. די דופטיקייט איז אבער ניט קיין שטומע; זי איז פול מיטן געצוויטשער, געזשום און געפאד פון מיליאנען שנעבעלעך און מיליארדן פליגעלעך.

די ראזיקע פאראנא־נאטור האט איבערגעפולט אבליגאדאס געמיט. ער האט ניט געוואלט וויסן פון קיין אנדער סארט שיינקייט. דער אנסאפיקער יאם און די מאיעסטעטישע ארגענטינער בארג־קייטן האבן אים ניט גערירט. מיט אלע זיינע פאעטישע כושים איז ער געבליבן טריי זיין טייך.

ער איז ניט געבליבן פאסיוו אפן ברעגן. אין א זעגלשיפל פלעגט ער זיך ארומטראגן איבערן געליבטן וואסער און טוליען זיך צו די פארוואקסענע אינדזלען. קעדיי צו הערן בעסער דעם טייכיקן ווינט, האט ער פארביטן דאס לייוונט פון די זעגלען אף זייד. ער האט געוואלט אז דער ווינט זאל ריידן צו אים מיט זיידענע ליפן... אפן ברעג האט ער אויסגעבויט א שלאס אין מיטלאלטערלעכן סטיל און ארומגעפלאכטן אים מיט דעמבן און מיט נאדלבוימער.

די זיידענע זעגלען און דער מיטלאלטערלעכער שלאס זאגן אײדעס אז ער האט ניט געדארפט דייגען וועגן פארנאסע. ער האט אבער ניט אויסגענוצט די געיארשנטע רייכקייט אף צו לעבן א פארשווענדערישן גוטן טאג, ווי ס'איז דאן די מאדע געווען. דאס טייכיקע ווינקעלע האט טאקע געגעבן מיקאלטוו, אבער ניט דערפאר איז אבליגאדא געווען צוגעבונדן צו אים. אנדערשוו וואלט ער געקענט לעבן אסאך א בעסערן גוטן טאג, אבער ער איז געבליבן אין האלב־פארווארפענעם פאראנא־ווינקל, ווייל ער איז געווען בעעמעס דורכגעדרונגען דירך און דורך מיט א נאציאנאל־ראמאנטישער ליבע צום גרויסן טייך.

גראד דאן האט אזא מין צוגעבונדנקייט אויסגעזען שטארק אויסטערליש. אין יענע צייטן, צווישן די אכציקער און נייַנציקער יארן, האט געהערשט צווישן דער אריסטאקראטישפארמעגלעכער אינטעליגענץ און אומאינטעליגענץ אן עפידעמישע געוווינהייט צו פארן נאכאנאנד קיין אייראפע, דורכצוואלגערן זיך אפן פאריזער מאנמארטר, א הוליע טאן אין ניצע און ביכלאל נאכצוקרימען אויסלאנד, ספעציעל פארפראנצויזישן דעם געשמאק און אפילע די אייגענע שפראך.

אבליגאדא איז שיר ניט דער איינציקער ארגענטינער שרייבער וואס איז קיינמאל ניט געווען אין אויסלאנד. ער האט זיך ניט גערירט פון ארט. ניט קיין שטריך פון פאררישנקייט איז עס געווען בא אים, אדער פון אומאינטערעס צו דער וועלט, אדער פון וועלכן ניט איז גייסטיקן גלייכגילט. ער איז געווען א טיפער קולטור־ערודיט און א פיינפילנדיקער פאעט,

און ווי אזא האט אים אינטערעסירט די גאנצע ערד מיט אלע אירע פיטשעווקעס. מער פון אלץ האט ער אבער געציטערט איבער זיין ארגענטינער אינטעגראלקייט. די צוריקגעקומענע אויסלאנד־פארערס האבן אים דערשראקן מיט זייער געבראכטן קאסמאפאליטיזם, מיט זייער גייסטיקער געשלעכטסלאזיקייט און מיט זייער דענאטוראליזירטער, מונטנע־געווארענער ארגענטינישקייט. ער האט מוירע געהאט אפצורוקן זיך פון זיין ערד קעדיי ניט אנצוווערן קיין איין ליים נאציאנאלע ריינקייט, קעדיי קיין איין פרעמד שטויבעלע זאל ניט פאלן אף זיין עכטקייט. די נאטור, די מישפאכע און דער טייך האבן אים אינגאנצן באפרידיקט. אפן ברעג פון דער דאזיקער היימישער שאלווע האט ער זיך מאמעש פארנקערט, קעדיי צו האבן די אבסאלוטע רויקייט אויסצופורעמען דעם פייזאזש און די וויזיע פון דער פארשווינדנדיקער גאוטשישער ערד און פון אירע טראדיציעס.

ווינטערצייט פלעגט ער וווינען אין בוענאס איירעס, וווּ זיין הויז איז באקאנט געווען אונטערן נאמען „די היים פון ליטעראטור”. בעמעשעד פון 30 יאר האט ער אין די שאבאסים געפראוועט א ליטעראַרישן טיש, וואס איז געווען א שעם־דאוואר צווישן די ליטעראַרישע גדוילים פון דער הויפטשטאט. ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פונעם פאקולטעט פון פילאזאפיע און ליטעראטור; ער האט אבער קיינמאל ניט פארנומען קיין אפיציעלן פאסטן און ניט געהאט קיין טיטלען. ער איז ניט געווען קיין דאקטאר, קיין דיפלאמאט, קיין פראפעסאר, קיין מיליטאר, קיין דירעקטאר, און דאס איז אויך געווען אן אויסערגעוויינטלעכער רעקארד אין די באדינגונגען פון 50־60 יאר צוריק.

אבליגאדאס לעבן איז געווען א לעבן אן געשעעניש, און וואס שייך זיין שאפן, איז עס אריין באקוועם אין איין באנד „פאעזיעס”. אבליגאדאס לעבן און שאפן באווייזן אבער אז די רייכקייט פון א לעבן ציילט זיך ניט מיט געשעענישן און די גרויסקייט פון א פאעט — מיט דער צאל דערשינענע ביכער.

ער האט פאקטיש אויפגעהערט צו שאפן צו 35 יאר און אפגעשלאסן דעפיניטיוו זיין שרייבן צו 48. ער האט זיך ניט אויסגעשעפט, נאר ער האט זיך אליין געצוווּנגען ניט צו זיין שעפעריש, נאכן מאמענט ווען ער האט דערפילט אז ער האט דערגרייכט זיין שעפערישן קולמינאציע־פונקט. נאכן דאזיקן מאמענט, האט ער געהאלטן, טאר מען ניט געשטרויכלט ווערן. פארן קולמינאציע־מאמענט מעג מען שרייבן ערגער ווי אין דאזיקן מאמענט, אבער נאכדעם איז יעדע שוואַ־

בערע שאַפֿונג אַ סימען פֿון יערידע. דעריבער האָט אַבליגאַדאָ באַשלאָסן צו ענדיקן זיך פּאָעטיש אין סאַמע העכסטן מאָמענט פֿון פּאָעטישער דערגרייכונג. אַזאַ מין העראָישע, זעלבסטקריטישע דעציזיע איז אַוואַדע אַן אומגעוויינטלעכער שטריך באַ אַ שרײַבער. באַם אומגעוויינטלעכן אַבליגאַדאָ איז עס אָבער געווען איינער פֿון זײַנע געוויינטלעכע שטריכן.

זײַן פֿיזישע ענדע איז געקומען 35 יאָר נאָך זײַן שרײַבערישער. זײַן קראַנקייט האָט אים געצוווּנגען צו שטאַרבן ווײַט פֿון זײַן טײַך און האָט אים אַפֿילע ניט דערלויבט צו געזעגענען זיך מיט אים...

2

אַבליגאַדאָס פּאָעטיק איז אַ ווײַטערדיקער העכערער עטאַפּ פֿון עסטעבאַן עטשעווערי־אַס לירישער ראָמאַנטיק און פֿון דער גאַוטשיש־קריאָזשישער פֿאָלקסקונסט. אַזוי אַרום איז אַבליגאַדאָ סײַ אין פּאָעטישן מעטאָד און סײַ אין דער טעמאַטיק אַ טאַלמיד פֿון עטשעווערי־אַן; מיר מיינען דאָ ספּעציעל עטשעווערי־אַן פֿון „לאַ קאַוטיוואַ“.

אַבליגאַדאָ האָט אָנערקענט דעם עטשעווערישן שוירעש אין זײַן שאַפֿן. אין אַ פּאָעמע „צו עטשעווערי־אַן“ האָט ער באַוווּנדערט דעם ערשטן אַרגענטינער ראָמאַנטיקער און דעם „אומשטערבלעכן וועג פֿון עטשעווערי־אַן“. ער איז געבוירן געוואָרן אין זעלבן יאָר ווען עטשעווערי־אַ איז געשטאָרבן, אין 1851, און אַזוי אַרום איז אַפֿילע ריין־כראָנאָלאָגיש פֿאַראַן אַ מין המשכדיקייט צווישן בײדן. אַבליגאַדאָס עטאַפּ אין דער דאָזיקער המשכדיקייט איז אָבער פּאָעטיש אַ סאַך אַ קרעפֿטיקערער און ליטעראַריש אַן ערעד אַ פּערפֿעקטערער ווי עטשעווערי־אַס.

אַבליגאַדאָ איז דער שעפֿער פֿון דער אַרגענטינער נאַציאָנאַל־שטײַגערישער ליריק. ער האָט זי באַפֿרײַט פֿון איר פּרימערדיקן וווּלגאַר־פּרימיטיוון גאַוטשיזם, פֿון די נײַן מאָס פּלאַפּלערייען, פֿון שפּראַכיקן פּסולעס, פֿון גראָב־עראָטישע אַנדײַטן. איבערגענומען האָט ער באַ איר די אידעע פֿון פֿרײַהײַט, דעם היימיש־לאָקאַליסטישן פּײַזאַזש, די רײַסיקע שטאַרקייט פֿון דער עמאָציע, דעם ברייט־סטעפּיקן אידעאַליזם וואָס שפּאַרט זיך אָן אַף העלדישקייט און איבערגעגעבנקייט. וואָס שײַך דער אימפּאָרטירטער אייראָפּעישער ראָמאַנטיק, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אײַנגעפֿלאַנצט געוואָרן אַזוי ווי זי שטייט און גייט אין דער יונגער אַרגענטינער ליטעראַטור, לויטן

פרעמדלעכן בייראניש-היינישן מוסטער, האט זי אבליגאדא אקלימאטיזירט און אנגעפילט מיט ארגענטינער ווארעמקייט.

אין זיינע גאוטשישע פאעמעס האט אבליגאדא ניט גענוצט דעם גאוטשישן „סלענג" — דעם פאמפע-זשארגאן און איז אויך ניט אנגעקומען צו לאקאליסטישע געפרענדזלקייטן פון דער שפראך, נאר האט געשריבן מיט א ריינעם, אפגעהיטן קולטור-לשון. דאס ניי-שפראכיקע וואס ער האט אריינגעבראכט באציט זיך בלויז צו נעמען פון דרום-אמעריקאנער ביימער, טייכן און פייגל, ווי א שטייגער: פאקארא, אבערעמאא, גוואזשאקאן, זשאגווארא, קאקואי. בעדערעד קלאל האט ער שטארק אפגעהיט די קלאסישע ריינקייט פון זיין שפאניש און האט שארף קריטיקירט די פאעטן וואס זיינען אין זייער שרייבן געווען גאוטשישע סימולאנטן און וואס האבן געמיינט אז אין זייער פארגאוטשישטער שפראך שטעקט די גאנצע עסענץ פון דער גאוטשישקייט. ער האט אנגעוויזן אז אייניקע פון די דאזיקע פאעטן זיינען ניט פארפארן ווייטער פון די פארשטעטלעך פון בוענאס איירעס אדער פון די הינטערשטאטישע שלאכטהייזער קעדיי צו באקענען זיך מיטן גאוטשישן לעבן...

אבליגאדאס שפראך איז א סינטעז פון שפאניש-אנדאלוזישער ווארעמקייט און לאקאל-קריאזשישער דופטיקייט. די ארגענטיניש-ליטערארישע פראבלעם פון זיין צייט — אמעריקאניזם צי שפאניאליזם, אדער קריאזשיזם צי מאדערניזם, איז פאר אים קיין פראבלעם ניט געווען. ביידע שטראמען האבן זיך צונויפגעגאסן אין זיין שאפן, פונקט ווי ס׳גיסט זיך צונויף דער פאראנא מיטן אורוגוויי קעדיי צו פארמירן, אין הארמאנישער געמיינזאמקייט, דעם ריא דע לא פלאטא...

3

דורך אבליגאדאס גאנצן שאפן כוואליעט זיך דורך דער טייך פאראנא, אבער אף פארשיידענע הייכן פון טייך קען מען אויסטיילן פיר גרופעס פון גרונט-טעמעס: געשיכטלעכע עפיזאדן וואס זיינען זיך פארלאפן ניט ווייט פון טייך, די נאטור ארום טייך, די היים אפן ברעג פון טייך און די פאמפע וואס שפארט זיך אן אפן טייך מיט אלע אירע לעגענדעס און פאלקס-טראדיציעס.

די געשיכטלעכע טעמאטיק באשטייט פון קריגס-עפיזאדן, וואס זייער פארלויף איז ס׳ראוו געווען א טראגישער, ווי דאס קומט לעמאשל, צום אויסדרוק אין „איאהומא" אדער אין „נעגער פאלוטשא". אבליגאדא ברענגט ארויס אף אז עלע־

גישן אויפן דעם ווייטיק און די הערציק פון די פארשיידענע קריגס-געראנגלען אין דער געשיכטע פון דער ארגענטינער באפרייונג. זיין ליריק באקומט דארט עפּישע פליגל און די ראמאנטישע עמאציע פלעכט זיך קעסיידער מיט עפּאפּעישער דערציילערישקייט.

די נאטור און די הײם זײַנען די צוויי זײַלן פון אבליגא-דאס גליק און פון זײַן עצעם עקזיסטענץ. דער נעסט פון זײַנע טײַערסטע הענגט צווישן דעם שירעם פון שיינקייט און דעם פּליסיקן פּאראנא-טעפּיד, און ער, דער פּאעט, איז שטענדיק אינמיטן. פון דאנען אזויפיל אידילישע צארטקייט, אזויפיל פּאסטאראלישע שפּילעוודיקייט און אזויפיל מאמאשעס-דיק גליק אין אזוינע ווערק זײַנע ווי: „די פּאטערלעכע הײם", „די סעיבא-בלום", „צום פּאראנא", „דער נעסט פון די באזשעראס". אין „די קינטעם פון מײַן צײַט" מאלט ער א הומארפולן, אקווארעל-לופטיקן שטייגער-בילד, ווו די, מא-מעש אינטימע, ליבע צו דער נאטור איז איבערגעפולט מיט א שפּראציק-שפּריצנדיקער לעבנס-פרייד.

איינע פון די סאמע ראמאנטישסטע טעמעס איז געבליבן קימאט ווי א ניט-אויסגענוצטע בא אבליגאדאן. דאס איז די פּאפּולערסטע וועלט-טעמע פון אלע צײַטן — ליבע. אב-ליגאדא האט קיינמאל ניט געהאט קיין ליבע-קאמפּליקאציעס און זײַן הארץ איז פרײַ געווען פון ליבע-שפּאלטן. ער האט גוט געטראפן מיט זײַן ערשטער דערוואקסענער ליבע; אף אזוי ווײַט געטראפן, אז קיין שום שאטן פון קיין ליבע-פּרא-בלעם האט אים קיינמאל ניט באאומרויקט. פון זײַן פריער יוגנט איז אים בלויז געבליבן דער זייכער פון א יונג-געשטאר-בן מיידעלע וואס האט באלויכטן זײַן קינדהייט. די פּאעמע „די פּוסטע הײם" איז אן עלעגיש געזאנג צום דאזיקן קינד. דאס איז דער איינציקער, ווײַט-ווײַטער, זיכרוינעסדיקער לי-בע-ווייטיק זײַנער.

אבליגאדאס פּאעטישער הויפּט-זשאנער איז באשטאנען פון לעגענדעס און פּאראידלטער פאלקס-שאפונג. ער האט ארויס-געפאנגען די לעצטע גאלדענע לעגענדע-פישעלעך פון פאר-שווינדנדיקן פּאמפּע-יאם. די פּאמפּע האט גענומען אפּטרעטן פאר דער ציוויליזאציע, פאר דער אורבאניזאציע, פאר דער אגריקולטור און פאר דער פליצנדיקער אימיגראציע, וואס האט גענומען פארשווענקען מיט ניי-וועלטיקע באגריפן די אלט-פּאמפּישע וועלט. אבליגאדא האט אין זײַן שאפן גע-ראטעוועט די אלטע שיינקייט פון דער אפּטרעטנדיקער, אפּ-געלעבטער ווירקלעכקייט.

די בארימטסטע שאפונג פון דאזיקן זשאנער און פון גאנצן

שאפן אבליגאדאס איז „סאנטאס וועגא". סאנטאס וועגא איז געווען אן עמעסע געשטאלט, א „פאזשאדאר" (א גאוטש וואס באגלייט זיך מיט א גיטארע בעייסן זינגען), וועלכן די פאלקס־פאנטאזיע האט פארוואנדלט אין א לעגענדע און ארומגעוועבט ארום אים אומגעוויינטלעכע דיבוקדיק־גילגלדי־קע דערשיינונגען.

אין דער עסטאנסיע פון אבליגאדאס טאטן האבן די פעאָ־נעס, צווישן איין מאטע און דעם צווייטן, זייער אפט גע־שמועסט וועגן סאנטאס וועגא. זיי האבן דערציילט דעם קליי־נעם אבליגאדא אז דער בארימטער פאזשאדאר איז באזיגט געווארן דורכן טייוול, אז זיין נעשאמע וואנדערט ארום אין די נעכט, אז ער ווייזט זיך אין די מיראזשן פון פאמפישן מידבאר, אז דער ווינט טראגט ארום קלאנגען פון זיין גיטא־רע, אז ער בלינצלט אינעם כוישעד ווי א בייז פייערל איבער וועגן און זומפן, אז ער באהאלט זיך אינעם בלעטערוואָרג פון אמבו. ער טוט אבער ניט קיין שלעכטס. ער גיסט ארויף די מילדע לעוואנע־שטראלן אף קינדערשע געלעגערס, ער עפנט אינדערפרי די אויגן פון די אויפעלעד און ער וועבט כאלוימעס אין די ווייטע לאגונעס...

סאנטאס וועגא איז א מיסטיש־פאנטאסטישער, מעלאנכאָ־לישער שאטן וואס וויים אז זיין אלט־גאוטשישע צייט איז געענדיקט, אבער וואס קען זיך ניט צעשיידן מיט די ארגענטי־נער פאמפעס. די פאלקס־פאנטאזיע, וואס האט אים פארוואנ־דלט אין א סימבאלישן קארבן, האט אנגעשפינט ארום דער דאזיקער פיגור זאבאבאנעדיקע געשיכטעס, וואס זיינען זיך צעגאנגען אין אסאך וואריאנטן און פאראינטערעסירט א ריי שרייבער און דיכטער פאר אבליגאדאן. אבליגאדאס סאנ־טאס וועגא איז שוין דער פערטער אין דער ריי. מיטרע, אס־קאסובי און גוטיערעס האבן פאר אבליגאדאן געשטאלטיקט סאנטאס וועגאן, אבער אבליגאדאס וועגא איז דער גרעסט־סטער, דער קינסטלעריש־שליימעסדיקסטער אין זיין טעמאטי־שן פארנעם, אין זיין שיינקייט און ליריש־עלעגישער אויסדרוק־פולקייט.

אבליגאדא האט ארייַנגעפירט אינעם ווערק א צווייטע סימ־באלישע פיגור — כואן סין ראפא, און האט אנטוויקלט אף דער באזע פון דער לעגענדע דעם קאנקרעטן קאמף צווישן דער נייער און אלטער צייט. כואן סין ראפא, וועלכער פאר־שטעלט זיך פאר א שלאנג און דערשטיקט וועגאן, איז דער פערזאניפיצירטער סימבאל פון דער נייער וועלט, פון דער אימיגראציע, פון פראגרעס. ער איז טאקע הויל און נאקעט, אבער ער נעמט איבער אין זיינע פארפראצעוועטע הענט, וואס

קענען עפּשער ניט גריםפלען אף אַ גיטאַרע, דעם גורל פון אַרגענטינע. די אַרגענטינע פון די אַנזאָרגעוודיקע פּאַזשאַדאָרן און גאַוטשאָס, וואָס לעבן מיטן ווינט, גייט אַריבער צו די פריש־אָנגעקומענע פויערים און אַרבעטער, וואָס לעבן מיטן שוויים פון זייער שטערן.

האָגאָס אָבליגאַדאָ פאַרשטעלט כואַן סין ראָפּאָ פאַר אַ שלאַנג (אין די אויגן פון סאַנטאָס וועגאַ קען ער אַנדערש ניט אויסזען ווי אַ שלאַנג), איז ער אָבער אַן אָנהענגער פון דאָזיקן בייט. ער איז פולשטענדיק מסכּים אַז די אַבסטראַקטע הוליאַקישע שיינקייט זאָל פאַרביטן ווערן אַף קאָנקרעטער לעבנס־פּראַקטישקייט, און דערפאַר רופט ער אויס צו די קריאָזשאָס, וואָס זעען נאָך „בייזע פייערלעך" אין די נעכט:

“. . .y cuando en noche serena
brille la luz, no os dé pena.
No temáis, criollos, por eso,
que en las vías del progreso
la luz mala es la luz buena”.

כואַן סין ראָפּאָ האָט באַזינגט די פאַרגאַנגענהייט אָבער האָט ניט פאַרטיליקט איר שיינקייט. אומזיסט האָט דעריבער געציטערט ניט נאָר אַזאַ מיסטעריעזער גייסט ווי סאַנטאָס וועגאַ נאָר אַפילע אַזאַ מעיושעוודיקער און ליבעראַלער שרייבער ווי אַרטוראָ קאַפּדעווילאַ, וועלכער האָט געמיינט אַז די אימיגראַציע וועט פאַרניכטן דעם אַרגענטינישן אייגנאַרט און אַפילע באַשעדיקן דעם אַרגענטינישן שפּאַניש. כואַן סין ראָפּאָ האָט באַוויזן אַז ער איז דער טרעגער סיי פון פּראָגרעס, סיי פונעם בעסטן וואָס איז פאַראַן אין דער אַרגענטינער טראַדיציע.

אָבליגאַדאָ אַליין האָט פאָרויסגעזען אַזאַ סינטעז. דערפאַר זאָגט ער אין זיינעם אַ בריוו צו שרייבער קאַרלאָס וועגאַ בעלגראַנאָ:

„פון קינדווייז אויף האָב איך דורכגעוואַנדערט דורך אונדזערע גרענעצלאָזע פּאַמפּעס, דורכגעשווומען אונדזערע קאָלאָסאַלע טייכן און אויפגעהאַנגען מיין אינדישן האַמאַק דאָרט ווו דער באַזשעראָ הענגט אויף זיין נעסט, און אין דער דאָזיקער נאָכאַנאַנדיקער, שטענדיקער צונויפגיסונג פון מיינע כוחות מיט דער נאַטור, בין איך דערגאַנגען צו אַן עמעס, וואָס איז פאַרבאָרגן פאַר אַ סאַך, פאָרויסגעפילט פון אייניקע און וואָס בײַ מיר איז עס אַ טיפע איבערצייגונג. איר ווייסט וואָס? אַז מיט

נײַע עלעמענטן, בערייש־דיקע און מעכטיקע, קען מען און מען דאַרף געבן אַ נײַע ריכטונג אונדזער פּראָגרעס".

ער האָט אויך געהאַלטן אַז אויב די אַלטע וועלט האָט אי־בערגעגעבן אירע אינטעלעקטועלע רײַכקייטן דער נײַער, דאַרף די נײַע אָפּפרישן די פאַרעלטערטע וועלט און אַרײַנוואַרפן אין איר אַ גײַסט פון דעמאָקראַטיע און פון פרײַהײַט. דערפאַר זאָגט ער אין זעלבן בריוו:

„אַפּן וועגן פון פּערפעקציאָנירונג זײַנען די יונגע פעלקער, וואָס זײַנען ניט צוגעבונדן צו דער קייט פון טראַדיציעס און פון לעגענדאַרע געוווינהײַטן, די באַרו־פענע צו געבן אַ טריט פאָרויס און צו אַנאַליזירן אין זייער שוואַרצאַפּל די וויזיעס פון דער צוקונפט".

אָבער

„דער פּאַמפּעראָ־ווינט פון אונדזערע פרײַהייטן האָט גענוג שטאַרקע פליגלען קעדיי אַ טרייסל צו טאָן מיט זיי די טשופּרינע פון דער אַלטער אייראָפּע און אויס־צוטרייסלען פון איר דעם שטויב פון יאָרהונדערטער".

4

דורכן טײַך פּאַראַנאַ, וואָס שווענקט די ברעגעס פון אָבלי־גאַדאָס שאַפּן, האָט דער דיכטער אַרײַנגעפירט אין דער קינסט־לערישער אייביקייט די נאַטור און די לעגענדע פון דער פּאַמפּע.

ער האָט געשאַפן אַ סינטעז צווישן פּאַטריציערטום און פאָלקס־קונסט, צווישן די טראַדיציעס פון דער אייראָפּעיִשער קולטור און דער פּאַמפּעיִשער גאַוטשישקייט. זײַן שאַפן איז אַ ראָמאַנטישע אָדע צום איינפאַכן לעבן און עס איז פאַראַן אין אים אַ פריידיקע אָנונג פון פּראָגרעס און זעלבסטזיכער־קייט אין די אייגענע, נײַוועלטיקע קויכעס. ער באַזינגט די לעגענדע סאַנטאָס וועגאַ, אָבער צווישן דער באַזונגענער לע־גענדע און דערווירקלעכקייט שטעלט ער זיך אויף דער זײַט פון דער ניט־באַזונגענער ווירקלעכקייט. געשיכטלעך־ליטעראַ־ריש גיט ער דעפיניטיווע גרויס־פּאָעטישע פאָרמען דער ראָ־מאַנטישער רעוואָלוציע וואָס עטשעוועריאַ האָט אַרויסגערופן אין די דרײַסיקער יאָרן.

מער פון אַלץ, אָבער, איבעראַשט אין אָבליגאַדאָס שאַפן די רירנדיקע פרײַנטשאַפט צווישן דיכטער און זײַן טײַך. דער טײַך שלענגלט זיך אַן אויפהער אין קימאַט אַלע אָבליגאַדאָס

ווערק און אַבליגאַדאָ איז אַ גאַנץ לעבן ניט אָפּגעטראָטן פון טײַך.

אין היסטאָרישן ווועלטאַ דע אָבליגאַדאָ איז אויפגעקומען די היסטאָרישע פרײַנשאַפט צווישן גרויסן אַרגענטינער דיכטער און דעם גרויסן אַרגענטינער טײַך. די פּאָעטישע פרוכטן פון דער האָזיקער פרײַנטשאַפט דופטיקן נאָך ביז איצט אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור.

אַ בליק אַפֿן
פּאַנעם פֿון לאַנה

צאפנדיקע מיניאטורן

1. — די גרענעץ צווישן זאלץ און צוקער

א פארטריקנטער עלנט און א ווייסער געזאלצענער אומעט ליגן צוגעפרעסט צו די סאנטיאגער אויסגעדארטע מיילן...

עס שנייט מיט שטויב. א ליאדע אויסגייענדיק ווינטל, וואס גיט זיך א פוילן הייב פון דער פארקווארטער זאמדערד, נעמט־מיט מיט זיך די דיניטשקע זאמדשטויבעלעד און פארמעליקט מיט זיי די פארכאלעשטע לופט, און זאלצט אויס מיט זייער סאליטרישקייט דעם ארומיקן גראען צאאר.

נידעריקע קאליקע וועלדלעד, וואס אלע זייערע ביימלעד האבן קרומע רוקנביינער, שטייען אף די קני. געזינטערע וועלדלעד זיצן אין זאמד, ווייל זיי האבן ניט קיין ביימערשטאמען, וואס זאלן זיי אוועקשטעלן אף די פיס. יעדער פלאנצונג האלט דא אין פארדערנערט ווערן און יעדער דורשטיק בלאט שטייט דא פארן ניסאיען פארוואנדלט צו ווערן אין א נאדל פון א דארן. די פלאכע קרייטעכצער פארגראבן זיך מיט זייערע מאזאליעדיקע ווארצלען אין דער ערד און קנייפן ארויס פונעם ארעמען ליים זייער הארטע אויסקומעניש. אביסל העכער געוועלטיקט די פארדארטקייט און פארדארנטקייט, די פויזענדיקע און קריכעדיקע פארקריפלטקייט...

פון צווישן קרענקענדיקן גרינס שטעקן ארויס איינזאמע קאקטוסלעד און טייטלען אין דער הייך מיט זייער האפערדיקער אויסגעשטרעקטקייט. אויך זיי האבן ניט קיין מיטלסטע שטאמען און ווארפן ארויס בינטלווייז, גלייך פון דער ערד, זייערע באנאדלטע פלעקענער. זיי זיינען אפגעריסן און אפגעשליסן, און ניט ענלעך אף די שטאלצע, גראבשטאמיקע קאקטוסן פון מיטל־אמעריקע, וואס האלטן די הענט אף די מאליעם און שפיגלען אריין זייער שלאנקע, געאמעטרישע שיינקייט אונעם האלבמידבערדיקן ארום...

גלייכגילטיקייט און אויסגעצערטקייט שטומען ארום און ארום. ניטא קיין היים און ניטא קיין נעסט; די ערד איז ניט

מענטשלעך און די לופט איז ניט פויגלדיק... אויף אַ קאַקטוס־
פינגער גליווערט אַ „קאַראַנטשאַ” און זעט אַליין אויס ווי
אַ נאָגל פון דאָזיקן באַנאַדלטן פינגער. דער פאַרקילטער „קאַ־
ראַנטשאַ” טרוימט וועגן פעטע נעוויילעס און זיסער פאַדלע,
אָבער אומזיסט זײַן כאַלעם: דאָרט וווּ ס'איז ניטאָ קיין לעבע־
דיק באַשעפעניש, קען אויך ניט זײַן קיין טויטס. עס קען ניט
זײַן קיין טויט וווּ ס'איז ניטאָ קיין לעבן. אַנשטאָט רייכעס
פון פאַדלע ציט אַרײַן זײַן שנוק דעם סאָליטרישן אָטעם פון
דער ווילדעניש און זײַנע עמיגראַנטישע אינסטינקטן נעמען
אים אַנריידן אַוועקצופליגלען צום רינד־רינדערדיקן דאָרעם
אָדער צו אַן אַנדער ברויטגעבערישן, נעוויילעדיקן קאַנט...

דער שמאָלער וועג וואַלגערט זיך ווי אַן איבעריקער פאַס־
טריגע־פאָדעם וואָס מען האָט פאַרגעסן אַרויסצוציִען פון אַ
בעגעד. פון ווייניק נוצן אים ווערט דער וועג ניט פאַרוואַק־
סן. פאַרקערט, עס דריבלען זיך אַרײַן אין אים זײַטיקע ביי־
וועגלעך, וואָס די נאַטור אַליין האָט אויסגעמײַסטרעוועט פון
איר אויסגעקראָכנקייט און פליכיקייט. ערטערווײַז ווערט דער
וועג ברייטער, ווי עס ווערט ברייטער אַ שטערן אַפּן כעשבן
פון די האָרפּאַרלוסטן פונעם שאַרבן.

פון צײַט צו צײַט שווינדלט פאַרבײַ אַ ראַנטשאָ, וואָס זעט
אויס ווי אַן אויפגעקנאַקטער פאַרפוילטער נוס. אַנשטאָט אַ
יאָדער פאַלט אַרויס פון נוס אַביסל שמוץ און אַ נאַקעט ווע־
רעמל אויף צוויי קאַקטוסאַרטיקע פיסלעך... עס טראָגן זיך
דורך פוסטע, פלאַכע שטעטעלעך פון פאַרגעלטן בלעך און פון
פאַרטריקנטער בלאָטע. דער בליק באַווײַזט מיטצוכאַפּן דעם
אַלמאַסען פון טערק, אַ פּאָר פאַנטשאָס, אַן אייזעלע, אַ ציגע־
לע און אַ פוילנדיק קרענצל פון ראַנטשאָס.

אויף די סטאַנציעס רײַסן זיך דורך, דורך די שטאַכעטן פון
די באַן־פאַרקנס, צענדליקער צעצאַפּלטע הענט און סאָכרישע
נעשרייען פון האַלב־אינדיאַנישע ווײַבער מיט מאַנדזבילשע
פּענעמער. בײַ יעדער איינער אויף דער דלאָניע געפינט זיך איר
געשעפט: אַ פּאָר פלאַכע לאָקשן־בלינצעס, צוגעברענטע קיכ־
לעך, פאַפּיראָסן פון קוקורוזע־בלעטער, אַן אָפּגעשונדן ציגע־
לע, אַ לעבעדיקער שילדקרעט, אַ געפאַנגענער וואָראַביי־
טשיקל...

איין סטאַנציע גיט מיר אָפּ אַ יידישן גרוס — קאַלאָניע
דאָרע, — דאָס געזאָלצענע אייניקל פון באַראָן הירש. אויך
דאָ האָט די יִקאָ מיט איר שוואַכער פּאַריזער ריע און מיט
אירע נערוועזע בוענאָס־אײַרעסער פינגער פאַרוואָרפן קאָסרי־
לעווקער און איישישקער זריע. אַ סאַך ליטווישע בערד זײַנען
דאָ אויסגעקראָכן און פון אַ סאַך זיסע האָפענונגען איז דאָ

געבליבן אביסל זאלץ, אבער א הייפל ליטוואקישע קשיי־אווי־רעף האבן דא מיט טראפנס וואסער, וואס זיי האבן אפגע־צאפט פון א קאפריזנעם איריגאציע־קאנאל, ארויסגעריסן פון דער געזאלצענער פארטריקנטקייט מעהודערדיקע, זאפטיקע אלפאלפע און בורשטינענעם האניק. דער קאפריזנער קאנאל האט אבער ניט שטענדיק געלאזט צאפן פון זיך, און ווען ער פלעגט ווערן פוסט, פלעגט ער צאפן יידישן געזונט פון דער ליטווישער איינגעצאקשנטקייט. דאס קעגנזייטיקע צאפעניש גייט נאך וויטער אן און ווי עס זאל ניט זיין, אזוי צי אזוי, האט דא דאס יידישע פאלק א ביילעק און א נאכלע אין מידבער סאנטיאגא...

ווי שטיינער פליען פארביי די אנפליגלדיקע סטאנציעס און עס נעמט זיך ווידער ציען די סאנטיאגער מעלאנכאלישע אויס־געקווארטקייט און פארשמאכטקייט, א באשאטענע מיט שטויביקן זאמדמעל. דא און דארט גיבן א בייזן, טויטן גלאץ ארויס פון צווישן דער געלווערנדיקער גרינקייט ווייסע אויס־שיטן פון זאלץ. דא האט זיך די ערד ניט געקענט איינהאלטן און עס האט פון איר ארויסגעשפארט איר זאלץ־קלאלע. די גאנצע געגנט זעט אויס ווי זי וואלט זיך געהאלטן אין איין אויסטאן. זי איז שוין געבליבן אין איין העמד, און פון אונ־טערן דאזיקן צעריסענעם, לעצטן העמד קוקט ארויס דאס האלב־מידבערדיקע צעקראצטע לייב...

דער קארגער, קאמצאנישער הימל וויל ניט אראפלאזן קיין וואסער־זיסקייט פאר דער סאנטיאגער געזאלצנקייט. אפן הי־מל הענגט א שלאס און אויך די ערד האט פארשלאסן איר טראכט. עס פייניקט זי אבער א דורשטיק־געזאלצענע בענק־שאפט נאך יעצירע און זי לעכצט צו געבוירן. אן אפגעשניטע־נע פון הימלישן גענאד האט זי מיט איר לעכצעניש געוואלט אנקומען צום בעסעד פון ערדישן טייך־וואסער. איז טאקע פאראן א גרויסער טייך וואס קומט צו איר, אבער אנדערע דורשטיקע פראווינצן צערייסן דעם דאזיקן טייך ווי א הערינג, אף זיין אייבערשטן לויף, אזוי אז ער קומט קיין סאנטיאגא אן אויסגעזשליאקעטער, א האלב־אויסגעליידיקטער, אן יאויסגע־שעפטער, און צו טוקומאן דערגייט ער שוין גאר־גאר זעלטן, הגאם דארט האט די נאטור צוגעגרייט פאר אים א געלעגער, און מענטשן האבן דארט אנגעגרייט פאר אים בריקן מיט וואס צוצודעקן זיך...

שלעפט זיך אזוי סאנטיאגא א פלאטשיקע, א שטעכיקע און א שטויביקע, און טראגט אוועק איר געזאלצנקייט ביז צו די־סאמע גרענעצן פון דער טוקומאנישער זיסקייט. פון אנהייב ווילט זיך ניט גלויבן אז זאלץ און צוקער קענען געדייען אזוי־

נאַנט איינס פון צווייטן, און עס קומט אויס מעשונעדיק וואָס ניט קיין טהאָם רייַסט זיי פונאַנדער, נאָר אַ פרידלעכע גרע־נעץ פאַראייניקט זיי גאָר.

עס איז אָבער פּאַרט אַזוי; דאָס סאַנטיאַגישע זאַלץ און דאָס טוקומאַנישע צוקער טרעפן זיך קימאַט אין איבערגאַנגען, אין מיטל־עטאַפּן, פונקט ווי דער אויבערשטער ראַנד פון שטערן טרעפט זיך מיט דער האָר־ליניע פון קאָפּ; אַט איז נאָך, מיט אַ מילימעטער פריִער, געוועזן גלאַטער שטערן און אַט איז שוין, מיט אַ מילימעטער ווייטער, — געדיכטע האָר־צעוואַקסנ־קייט. אַפּן זעלבן אופן טרעפט זיך אויך די נאַקעטע סאָליט־רישקייט פון סאַנטיאַגאָ מיט דער זאַפטיקער מעסיקעסדיקייט פון טוקומאַן. ביידע קומען פון דער זעלבער ערד, ביידע שטאַ־מען פון איין מאַמישן שויס, פונקט ווי צו איין מוטערלעכער טראַכט האָבן געהערט יאַנקעוו און אייסעוו.

2. — גרין־רויט־ווייַס

אַף יענער זייַט סאַנטיאַגער אויסגעריבנקייט און פאַרכווי־שעכטקייט הויבט אָן אונטערצושמייכלען די טוקומאַנער צע־וואַקסענע שעפע. אין די געדיכטעניש פון טשופּריניקן צו־קער־ראָר, וואָס איז רייענווייַז אויסגעשטעלט אין העל־גרינע באַטאַליאָנען, קומען די סאַנטיאַגער ווינטלעך אויסשטויבן זיך, אָראָפּשאָקלען פון זיך די זאַמדיקע מאָרע־שכוירע און געבן אַ שטיפעריש בערשטל־אָפּ זייערע פּאַלעס מיט די לאַנגע שווערדפאָרמיקע צוקער־בלעטער.

ס'איז ווינטער, אָבער אַלץ איז גרין און פרילינגדיק צע־ווינט, צעוירט און צעוואַקסן. די אָנגעוואַקסנקייט איז ניט קיין צעקודלטע נאָר אַ צעקעמטע, אין אונטערגעשאָרענע, אַ דורכגעשניטענע מיט שרונטן. פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט גלאַנצט די גרינע אויסגעסיידערטקייט און יעדער ראַיאָן האַלט אַ רויטן קוימען אין מויל און רויכערט... צופוסנס פון קוי־מען מאַכן דורך די אָפּגעשניטענע צוקער־שטעקנס דעם מעכאַ־נישן וועג צו זייער ווייַסן צוקערדיקן טאַכלעס.

די סאַנטיאַגער פלאַכקייט נעמט זיך ניט בערגלען און טו־קומאַן, אָבער אין מיַרעוו ווערט די גרינקייט אָפּגעהאַקט מיט אַ געציינדלטער וואַנט פון טונקל־בלאָען באַרג־געוואַנט, — דאָס איז די באַרג־קייט אַקאַנקיכאַ, — די גרינע האַקדאָמע צו די ווייַסע אַנדן.

די טוקומאַנער גרינקייט באַשטייט פון צוויי פאַרשיידענע גרינקייטן: פון העלער צוקער־גרינקייט און פון טונקעלער מאַראַנצבוימיקער גרינקייט, וואָס איז געשפרינקלט מיט צימ־רוס־גאָלד און מיט אָפּעלסינישן אָראַנזש. די צווייטאַניקע

גרינקייט איז דורכגעפֿינטלט מיט דער רויטבלומיקער „עסטרעזשאַ פּעדעראַל", — אַ בוים, וואָס אַף דער אויבערפֿלאַך פֿון זײַן טיפֿער, אינטענסיווער גרינבלעטערדיקייט שווימען אַרום שטאָלץ אויסגעשטרעקטע, רובינשטערנדיקע בלומען. ווו ניט ווו שטייט אין אַ האַלב-שיקערער פּאָזע אַ בײַכלדיקער „פּאַלאָ באָראַטשאָ" און זײַנע געפּלאַצטע פּרוכטשיידן טיילן אומזיסט קנוילן ווײַסע וואַטע...

די דאָזיקע גרין-רויט-ווײַסע געוויקסן-פּאָן פֿון טוקומאַן איז אויסגעהאַנגען ניט נאָר אין פֿעלד נאָר אויך אין שטאָט. אַפֿן הינטערגרונט פֿון די בולוואַר-ביימער, וואָס האָבן אויסגעטאָן זייער וווּלגאַרע בולוואַרישקייט און וואָס זײַנען גאָר באַהאַנגען מיט מאַראַנציקע פּרוכטן, ברענט די צונטער-רויטקייט פֿון די הונדערטער „פּעדעראַלע שטערן", וואָס בויגן אַרויס זייערע בלומיקע פֿלאַמען פֿון יעדן הויז-גערטנדל. אַביסל ווײַטער קאָקעטירן די „פּאַלאָ באָראַטשאָס" מיט זייערע פּוכיקע, ווינטערדיקע הענטשקעס...

די זעלבע געוויקסן-פּאָן פֿלאַטערט אַפֿילע אין אינעווייניקסטן גערטנדל פֿון „היסטאָרישן הויז" און נעמט אַרום מיט אַ לעבעדיקער ראַם דאָס באַלזאַמירטע ווינקעלע, ווו עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אַרגענטינישע אומאָפּהענגיקייט. דער גרין-רויט-ווײַסער דרויסן ליכטיקט זיך אַרײַן אינעווייניק דורך די אָפֿענע טירן פֿון נידעריק-געוועלבטן סאַנקטואַריום און פֿאַלט אַפֿן ברוין-טאָפּלגעם דיל, ווו די אַרגענטינישע זעלבשטענדיקייט האָט זיך אויסגעלערנט גיין, נאָכדעם ווי זי האָט געוואַגט אַרויפֿצוטרעטן אַף דער מאָנאַרכיסטישער דיקטאַטור פֿון דער גרויסאָויגקער, פֿערנאַנדישער שפּאַניע. עס שטייען נאָך די הילצערנע איידעם פֿון יענעם ערשטן אַרגענטינישן ראָט: טישן ווי פֿעלדער, אַלמערס ווי בערג און פֿאָטעלן ווי בײַדלעך. זיי שטייען נאָך אַף די אייגענע פּיס און טיילן אויס פֿון זיך דעם אַלטהאָלציקן שווייס פֿון זייערע דורכגעמילבטע גלידער.

די 28 אונטערפֿירער פֿון דער אַרגענטינער פֿרײַהײַט, וואָס רוען אין שוואַרצע ראַמען אַף די האַלב-פֿײַכטע ווענט, קוקן אַרויס דורך די געקראַטעוועטע קאָלאָניאַלע פֿענצטער אין דרויסן. דאָרט, אין מיטן הייפֿל, כּאָלעמט דער אַלטער ברונעם מיטן פֿעלנעם אינדיאַנער עמער אַף זײַן קאַרק. דער עמער איז אָנגעגאָסן מיט טוקומאַנער זון, ווײַל וואָס צו שעפּן פֿון ברונעם האָט ער שוין ניט...

די גרין-רויט-ווײַסע וועלט פֿאַרוויקלט אין איר לעבעדיקער פֿרישקייט דעם טויטן ברונעם...

3. — אַפן רוקנשפּיץ פון אַקאָנקיכאַ

אַן אַמניבוסל, פול מיט יידישן כאָראַלן געזאַנג, האַלט מיך שטײַף אין זײַנע אָרעמס און נעמט זיך קרײַזאַרטיק דראַפּען אינדערהויך און אַרויפשרויפן זיך צום סאַן־כאַוויער, וואָס לויכט מיט זײַן ווײַסן שפּיץ אַפן גרינעם רוקן פון אַקאָנקיכאַ.

מיט יעדן שרויפיקן אַרויפקרײַז ווערט טוקומאַן פּיצלדיקער, אָבער די געגנט אונטן צעוואַקסט זיך און נעמט זיך דורכבײנדלען און דורכווינקען מיטן אָמניבוסל דורך יעדן באַרגשפּאַלט און דורך יעדן דורכרים. אַקאָנקיכאַ וואַקסט געאָבער אויך און שלינגט אַרײַן דאָס אָמניבוסל אין די קרײַזלטע טיפענישן פון זײַן צעוואַקסנקייט. עס איז אַ שיינקײַט־געיעג צווישן גרויסווערנדיקן באַרג און דער אָפּטרעטנדיקער שטאָט, וואָס ווערט אַלץ מער כיינעוודיקער, וואָס מער מיניאַטור־אַרטיק עס ווערן אירע שטריכן. כ'האָב קיינמאָל אַזוי גיך ניט געדרייט מיטן קאַרק און אַזוי פלינק ניט געוואָרפן מיט די אויגן, קעדיי אַנצוכאַפּן מיטן בליק די פאָדערשטע, הינטערשטע, זײַטיקע, אויבערשטע און אונטערשטע שיינקייטן וואָס האָבן זיך געשפּילט מיט מיר אין יאָגעניש און אין באַהעלטעניש...

עס לויפן אַנטקעגן ברייטברוסטיקע באַרג־אַראָפּהאַנגען, וואָס זעען אויס ווי גרינע וואַסער־פאַלן. הונדערטער שטאָקן ווערטיקאַלע וואַלד־גרינקייט גיסן זיך אַראָפּ פון די הויכקייטן און גיבן זיך אַ קנויל אַרײַן אין די טהאָמען, וואָס זײַנען אויך אויסגעטאַפּיצירט מיט טונקעלע וואַלדגעפלעכטן. ניטאָ קיין שפּרענקעלע אומבאַוואַקסנקייט. עס איז שווער אונטערצושיידן אַ באַזונדערע פלאַנצונג אין דער געדיכטעניש. אַלץ איז דאָ אַזוי געדיכט אַז עס זעט אויס ווי אַ גרינער טייג, ווי אַן אײַנגעפּרעסטער צונויפגעקלעם פון הענגענדיקע וואַלדמאַסן. די דאָזיקע קאָמפּאַקטע גרינקייט אין מיטן ווינטער זעט דאָ אויס ווי אַ געבראַכטע פון ערגעץ. עס דוכט זיך אויס אַז דער באַרג האָט זיך דערשראָקן פאַרן פראָסט און האָט אַרויפגעצויגן אַף זיך צען גרינע סוועטערס אַף איין מאָל...

כאַיונע צײַט די דאָזיקע איבערגעוואַקסענע גרינע באַשעפעניש ניט פון ערד נאָר פון שטיין. דער באָדן פון באַרג איז אַ שטיינערנער און די מיליאָנען וואָרצלען האָבן זיך אַרײַנגעבויערט אין די האַרטע פלאַסטן און קײַען דעם דאָזיקן שטיין. אינדערהייך, ווו דער רוקן פון באַרג איז אַ ווייכער, אַן ערדענער, און ווו די געוויקסענע געדיכטעניש וואָלט לויטן סייכל געדאַרפט זײַן נאָך געדיכטער, פאַרשווינדט גראָד די באַוואַקסנקייט; דער באָדן איז קוים באַגראָזט. ווי עס ווײַזט אויס, ווילן די באַרג־געוויקסן גריזשען נאָר שטיין און קײַען

בלויז פעלזן. זייערע נאַדלדיק־דראַטענע וואַרצלען האָבן ליב דעם פעלזיקן ווידערשטאַנד און עס איז זיי דערווידער די ווייכע ערד־קאַשע, וועלכע מען דאַרף ניט שפּאַלטן און באַזיגן...

אָפּן סאַמע שפּיץ פון סאַן־כאַוויער טרעף איך זיך מיט אַ שימשן־האַגיבערדיקן יעזוס קריסטוס. אָפּן וועג צום שפּיץ האָב איך זיך שוין באַגעגנט מיט צוויי יעסורעמדיקע יעזוסן, ביידע אויסגעדאַרטע און געקרייציקטע, אָבער דער דריטער, דער שפּיצבאַרגיקער, איז גאָר אַן אַנדערער. ניט קיין געקרייציקטער, ניט קיין אײַנגעקוואַרטער, ניט קיין פאַרפּײַניקטער, ניט קיין האַלב־נאַקעטער, און אַז דעם געשפּענסטיקן ציילעם־עשאַפאַט הינטער אים. אַן אויסגעקנאַטענער פון שטייניק־פאַרהאַרטעוועטן גיפּס שטייט ער אַ הערקולעסישער און אַ צען־גאַרנדיקער, אין אַ לאַנגער טוניק, און 6 לעבער שוואַרצן זיך אים אַף זײַן ווײַסער ברוסט. די ריזיקע לעבער סימבאָליזירן ניט קיין מאַרטיראָלאָגישן פּײַן, נאָר זײַנען אײדעם פון דער אומבאַהאָלפנקייט פון די קאָנסטרוקטאָרן. אין די דאָזיקע לעבער האָבן געשטעקט די קלעצער וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן די הויכע בוי־געשטעלן פאַר די מוליאַרעס וועלכע האָבן צונויפגעשטוקעוועט יעזוסעס געשטאַלט פון די באַזונדערע כקולפּטור־שטיקער, וואָס זײַנען אַרויפגעצויגן געוואָרן פון דער נידער. אַז מען האָט אַרויסגעצויגן די קלעצער, זײַנען שוין די לעבער אַזוי געבליבן ווי 6 שוואַרצע שאָסוונדן אָדער ווי 2 רייען קנעפּ וואָס האָבן ניט וואָס צונויפצוקנעפּלען. מאַכנעס באַרגפייגעלעד נוצן אויס די דאָזיקע ברוסט־היילן און קומען זיך באַהאַלטן צו יעזוסן אין בוזעם.

דער פירמעטערדיקער פעדעסטאַל אונטער דעם נויצרים פוסטריט איז דורכגעאַקערט אין אַלע ריכטונגען מיט געשריבענע, געמאָלענע און געקריצטע אונטערשריפטן פון פאַרשיידענע באַבטשינסקיס און דאַבטשינסקיס, וואָס האָבן געוואָלט מעצאַרעף זײַן זייער נאָמענלאָזנקייט צו יעזוסעס נאָמען, און וואָס האָבן אין דער עמעסן באַוויזן בלויז צו פאַרפּראָטאָקאָלירן זייער פוסטקייט און לעבערלעכקייט.

די באַרגשטורעמס לעקן אַרום און שלינגען אײַן די דאָזיקע אַרײַנגעשמוגלטע פעדעסטאַל־אונטערשריפטן. זיי האָבן אַפילו באַוויזן אַרויסצובײַסן שטיקער אויסןעם פונעם פּאָסעק וואָס איז אָנגעקלאַפּט אונטער די געטלעכע פיס: „לויב צו גאָט אין די הימלען און פרידן צו די מענטשן פון גוטן ווילן אַף דער ערד", ניט געקוקט אַף דעם וואָס 2 אויפגעהויבענע פינגער פון יעזוסעס רעכטער האַנט שטרײַכן אונטער און שיצן די ערשטע העלפט פון פּאָסעק, און אַלע 5 אַראָפּגעלאָזענע פינגער פון דער לינקער האַנט — די צווייטע העלפט.

דעם נויצרים פאנים האט ניט אין זיך קיין סעמיטישע שארפקייטן, נאר רוימיש־ראמאנישע רונדקייטן. דער אויגנשניט איז ניט קיין יידישער און דער קאפ האר איז א גריכישער. אינעם האר־שרונט באהאלט זיך דער שעמעוודיקער שפיץ פון א בליץ־אפלייטער, וואס היט אפ דעם געטלעכן קאפ פון האזעדיקע בארגבליצן.

איך קוק צוזאמען מיטן נויצרי אף טוקומאן, וואס ליגט 1300 מעטער נידעריקער און 30 קילאמעטער ווייטער. אין מיין ברעקעלע שווארצאפל ליגט זיך אוים א געגנט וואס איז 70 קילאמעטער די ברייט און 40 די טיף. די לאנדשאפט, וואס איז פון לינקס אויסגעוואקסן ביז צו טאפי וויעכא און פון רעכטס ביז צו פאמאיזשא, זעט אוים ווי א שאלוועדיקער, סעלעדרין־גרינער יאם, וואס שווענקט בענימעסדיק מיט זיינע צוקער־ראָרענע כוואליעס דעם טוקומאנער שטאט־אינדזל. די צענדליקער צוויי־ און דריי־קוימענדיקע צוקער־פאבריקן זעען אוים ווי שיפן, וואס איילן, דורך די גרינע וואסערן, צום טוקומאנער ווייסן פארט.

טוקומאן אליין זעט אוים ווי א געעפנט בוך. די גאסן לייענען זיך ווי שורעס און יעדער הויז זעט אוים ווי א געקסיוועטער יידישער אס. שוין יארן ווי יעזוס קוקט אריין אין דאזיקן אפענעם סייפער און לייענט די צוקער־מייסעלעך פון טוקומאן, און באטראכט די קינסטלערישע האנד־אילוסטראציעס. צום ערשטן מאל כאפ איך א קוק אין דאזיקן סייפער, וואס ליגט אין טאל, און איך דערוויס זיך אז דאס צוקער־מייסעלע איז גארניט אזא פריילעכס און אזא גוטסאפיקס ווי א מייסעלע וועגן צוקער וואלט געדארפט זיין.

א מידער פון שיינקייט דערנענטער איך זיך צו דער ווייסער קעפקע וואס דער שפיץ בארג טראגט אף זיין נאקעטן קאפ. דאס איז דאס דורכזיכטיקע אפרו־הויז מיט דער ברייטער קרינאלינע פון גלעזערנע ווערטאנדעס. צווישן די פאלדן פון דער קרינאלינע שורשעט די שטענדיקע האלב־יאנטעוודיקע אויפגעלייגטקייט פון פארלאנגזאמטן, צוגעזשמורעטן סאנאטאריע־לעבן און די זיידענע שעפטשערייען פון לייכטער פרייד־שיקרעס.

אינעווייניק, אונטער דער קרינאלינע, זיינען די ווינקלען פון שווייצאריש סטיליזירטן עסזאל באדעקט מיט וואנט־מאלעריען — אינדיאנישע פרויען בא זייער טאג־טעגלעכער שטובאון פעלד־ארבעט. ניטא קיין סימען פון קיין מאנדזביל אף קיין איין געמעל, פונקט ווי עס וואלט פאר זיי פארבאטן געווען. דער קינסטלערישער אריינגאנג אין מאלערישן פייזאזש. מען זאגט מיר, אז ווען דער מאלער וואלט זיך דערצידירט צו פאר־

בעטן דעם היזיקן מאנדזבילשן מין אינעם געמעל אריין, וואלט ער געמוזט מיטברענגען אפן לייוונט מאנומענטאלע שענקסצענעס און סטאם לײדיקגײערײ. דאס טויג אבער ניט; אינעם בליק פון טוריסט, וואס מוז גוט פארדינען זיין מיטאג, דארף ארײַנשפּילן, פון אלע זײַטן, די ארבעט־ריטמיק פון דער פרוכט־טרעגערישער געגנט, און די דאזיקע ריטמיק קען דא דורך קײנעם אזוי גוט ניט ארקעסטרירט ווערן ווי דורך די פארהארעוועטע אינדיאנישע פרויען. „פרויען, ארבעט און פרוכטן" — ווירקט עס ניט בארויקנדיק און גלעטנדיק אפן דעליקאטן געמיט פונעם טוריסט, ווען דאס ביסעלע בארגיקער געגנום דארף אונטערגעטראגן ווערן אין אן אידעלער קאמפּאט־שאל?

א מידע היץ פּילט אן די גלידער. דורך אן אויפגעהויבענעם זוים פון דער גלעזערנער קרינאלינע גיי איך ארויס אפקילן זיך אין פארנאכטיקן, צוואנציק־מעטערדיקן שאטן פונעם נויצרי. אײדער דאס אמניבוסל נעמט מיך צוריק אף די הענט, פלאנטער איך אויס מײַן בליק פון די צענדליקער בארגוועגן און שפּאלט־שטעגלעך, וואס צעקריכן זיך איבער די צעקנייטשטע קארקן און געפאלדעוועטע פּלייצעס פון אקאנקיבאס פעלז־מאסיוון.

א געל בארג־אוויאנדל, וואס נעמט זיך קולעמען אין דער לופטן און ארומהאפּקען ווי א פלאטערל ארום מײַן קאפּ, בעט זיך בא מיר „בלײַב, בלײַב", אבער פונדערווײַטנס, פון יענער זײַט שטאט, רופט מיך מיט מיט דרײַ קוימען־פינגער א צווייטער בארג — די מאסיווע צוקער־פאבריק, וואס טוקומאן האט אוועקגעלייגט בא זיך צוקאפּנס.

4. — דאס צוקער־מײַסעלע

אונטערגעגארטלט מיט אן אײַזערנעם פּארקן, פרײַכט דער צעוואקסענער פאבריק־קארפּוס און לאזט ארויס פון אלע זײַנע נעקאווים און כאלולים פארשײדענע הוסטעלעך, גרעבצעלעך און שלוקעכצלעך.

ווי זעלנערישע רימענס זײַנען פארצויגן איבערן הויף צוויי פּאר באן־רעלסן, און די רויטלעכע וואגאנען אף די רימענס הענגען ווי אמוניציע־בײַטלען אף די לענדן פון דער פאבריק, וואס האלט דעם קוימען אירן ווי א ביקס אפן אקסל...

דאס ערשטע הײַזל, וואס מען באגעגנט אפן הויף, זאגט אן, מיט שילד־לאשן, אז דאס איז א ביניענדל פון דער „אקסיאן קאטאליקא". דאס הײַזל דערציילט אבער נישט אלץ; עס

זאגט נישט אויס, אז דאס איז בלויז א פרומע פרעלודיע צו ווײַטערדיקע פרומקייטן. אומגעריכט גיט זיך א בויג ארויס פון הינטער א ראג א הויכטרעפיקע צעציילעמטקייט און עס גיט זיך א נויג צו מיר מיט זײַנע אניוועסדיקע גלאקטורעמלעך א שלאנקער קלויסטער.

וואס טוט א קלויסטער אין א פאבריק? אז ווי קיין גאסט זעט ער דא נישט אויס און ווי א שטיקל שוטעף דאווקע יא! ווײַזט זיך או״ויס, אז דער באלעבאס, וואס איז א גאטספארכטיקער צאדיק־טאמים, האלט אז אזא מין שוטפעס איז א סגולע פארן צוקער. דער אויבערשטער האט אים אבער נישט באלוינט פאר זײַן גאטספארכטיקייט. ער אליין, דער באלעבאס איבערן צוקער, פוילט פון זײַנע אלטבאכערישע קראנקייטן, אין בלינדקייט און געליימטקייט, אבער ער האט נישט קיין טארומעס וואס גאטס בעסעד האט בלויז הערגרייכט צו זײַן צוקער און נישט צו זײַן לעבן, ווײַל זײַן לעבן איז אלץ איינס אינעם צוקער. ער נעמט אן פאר ליב וואס דער אויבערשטער האט, באגליקנדיק זײַן צוקער, נישט באוויליקט אראפצושיקן קיין רעפוע־שליימעדיקע טרופע פאר זײַן לײַב, ווײַל ער, דער זינדיקער, ווייס גוט, אז עס זײַנען פאראן זינד וואס דער בארמהארציקסטער „אל רחום וחנון” קען נישט פארגעבן...

שעלמישע „פעדעראלע שטערן” קוקן ארויס פון הינטערן קלויסטער און זייער רויטבעקלדיקע פרייד גיט צו פארב דער געטלעכער בלאסקייט פון די ווענט. שטייט ער, דער קלויסטער, ווי א שטיינערנער אויפקוקער, און קוקט זיך צו צום צווייטן עק הויף, וווּ דער פאבריק־קארפוס האלט ארויסגעשטעקט זײַן לאנגע, הונגעריקע צונג.

צוויי הויבמאשינען, ווי ריזיקע גאפל־מעסער, לאזן זיך אראפ אין מיטן פונעם אנגעלאף פון קאמיאנען און וועגענער און ציִען פון דארט ארויס מיט זייערע צוואנגען בינטלעך ארומגעטעסעטע צוקער־שטעקנס, וואס זיי גיבן א ווארף ארויף אף דער באוועגלעכער פאבריק־צונג. די צונג פארזוכט יעדן ביסן און גיט אים א שיק אוועק אינעם מעכאנישן קײַ־כאלאל, וווּ עס ארבעטן 4 מײַלער מיט זייערע צילינדערדיקע און שטאלענע באקציינער.

די ערשטע מויל גיט דער צוקער־ראר א כראמשטשע, די צווייטע מויל גיט אים צעדריבל, די דריטע גיט אים א צעפיצל און די פערטע, מיט אירע טשוועקלדיקע, מײַזישע ציינדלעך, גיט אים א צענעם אף בראק־ברעקעלעך. איין מויל קײַט איבער דאס וואס די צווייטע מויל שפײַט ארײַן אין איר און בישאם־מײַסע האלטן זיך אין איין באלעקן אירע נאסע, אײַזערנע ליפן. פון דער דאזיקער פירפאכיקער אויסנאגונג

בלײַבט צעשעטקעוועטער צוקער־ראָרישער שמרוי, וואָס אַ טראַנסמיסיע־גאָרגל שלינגט אײַן און טראָגט אַוועק פאַרברע־נען אין די אײַנגעהייצטע פאַבריק־אויוונס.

די טײַכן זיסע פליסיקייט, וואָס זײַנען אַרויסגעצאַפּט גע־וואָרן פונעם צוקער־ראָר, ווערן אַרײַנגעיאָגט אין פאַרשיידענע שלינגערן און קעסלדיקע מעגענער, וווּ זיי ווערן געקאָכט און גערייניקט, און דורכגעמישט מיט כעמישע וואַסערלעך און שפּריצעכצן, וואָס רינען אַרויס פון ניקלנע דריזן און קופּער־נע לעבערס. יעדער קעסל ליגט אין פיבער און צענדליקער טערמאָמעטערס, מאַנאָמעטערס, דענסימעטערס, אַלטימעטערס, אַמפּערמעטערס, וואָס זײַנען אַרײַנגעשטעקט אונטער זײַנע פאַכוועס, מעסטן זײַן היץ, זײַן אינעווייניקסטן אַטמאָספּע־רישן דרוק, די געדיכטקייט פון זײַן צוקער־בלוט, די הייך פון דער פליסיקייט אין זײַנע געדערעם און די עלעקטרישע שפּאַנונג פון זײַן צעשפּילטער ענערגיע.

דורך די פּיצלדיקע פענצטערלעך אין די קעסלען זעט זיך וואָס פאַראַ צוקער־שטורעמס עס קומען דאָרט אינעווייניק פאָר און וואָס פאַראַ הייסע שלאָקס־רעגנס פון קאָכיקן סי־ראָפּ עס פאַלן דאָרטן אָן אויפהער. קיין איין שוים־טראָפּן פון דער דאָזיקער סטיכיע גייט אָבער נישט אין ניוועץ און די גאַנצע צעשטורעמטע אויסגעשפּאַנטקייט גייט אין שפּאַן און ליגט אַ געהאָרכיקע אונטערן צענאויגיקן קאָנטראָל פון שוואַ־בע אויטאָמאַטישע נאָדלען און ווײַזערס, וואָס האַלטן אין איין אַרומציטערן אונטער די פאַרשוויצטע גלעזער פון צענטראַ־לע אַפּאַראַטן, און וואָס פאַרפּראָטאָקאָלירן מיט זייערע בלײַ־און טינט־שפּיצן די גענויע אַרבעט־ריטמיק פון דער פאַבריק. צום סאָף פון אַרבעטסטאָג דערציילן די רויטע און שוואַרצע זיגזאַגן פון אַ שטיקל געקעסטלטע פּאַפּיר, דאָס אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט אין פאַבריק־אָרגאַניזם בעמעשעך פון טאָג און פון יעדער איינציקער מינוט באַזונדער.

און די נאָדלען האָבן וואָס צו דערציילן, ווײַל די קאָכיקע צוקער־פליסיקייט רוט נישט קיין איין מינוט. פון איין קעסל אין צווייטן שטראָמט זי דורך הענגענדיקע קאַנאַלן, דורך גראָבע קישקעס און דורך דינע רערעלעך. זי פּולסירט דורך געשלענגלטע אַרטעריעס און צירקולירט דורך פאַרפּלאָנטערטע ווענעס, זי פילטרירט זיך דורך נירן פון אַלומיניום און טריפט פון קאָרגע קראַנען. דער געלאַף פונעם זיסן זאַפט איבער דער אָדערן־נעץ און אין די אינגעווייטן פון דער פאַבריק איז נישט סתם קיין אַרײַנרינען און אַרויסרינען, נאָר אַן אַריבערגיסן זיך פון איין צוקערדיקן גילגל אין אַ צווייטן,

אַן אויסאײַדרעלן זיך, אַן אויסוויינסן זיך, אַ גענאַיל צו דער קרישטאַליקייט און צו דער לויטערקייט.

דער טיף־הויכער פאַבריק־כאַלאַל איז פול מיט מעטאַ־לענער אַנגעפלאַכטנקייט, אַנגעפלאַנטערטקייט און אַנגעוואַל־גערטקייט. עס איז אַ יאַריד פון פאַרשוויצטע מאַשינען און פון שווייסיקע קעסלען. עס איז אַ געדריי פון שוואַרצע צאַנ־רעדער און אַ געלויפעריי פון פאַרפעכטע טראַנסמיסיע־פּאַסן, עס איז אַ געטאַנצעריי פון שטויסלען און אַ זשוזשעריי פון פּאָמפּעס, אַ בראַזגעריי פון פלעמענדיקע שטאַבעס און אַ קנאַ־קעריי פון אײַזערנע געלענקען. די אומוואַרשיינלעכסטע געאָ־מעטרישע פיגורן און די אומגעריכטסטע מעכאַנישע באַווע־גונגען לאָדן אויס זייער דינאַמיק אין אַלע ריכטונגען און אויף אַלע הייכן. אַלץ, פון דער מילימעטערדיקסטער רעגיסטריר־ראַדל, וואָס געפינט זיך אונטערן לײַכטסטן עלעקטרישן קיצל, ביז דעם הונדערט־טאָניקן קעסלבויד, וואָס געפינט זיך אונ־טערן דרוק פון צוואַנציק אַטמאָספער, איז פול מיט שעפערישן ציטער און מיט די ריטמישע קוילע־קוילעס פון אויפטועריש־קייט.

די אויקער־האַרימדיקע קראַפט, וואָס באַוועגט דעם אָרגאַ־ניזם פון דאָזיקן מעכאַנישן שאַר־האַבאַר, איז באַהאַלטן אין דער שוואַרצער מוסקולאַטור פון זעקס דינאַמאָס, און די דאָזיקע דינאַמאָס ווערן באַזונדער געקעכלט און שעפן זייער כּוח אין אונטערערדישע דאַמף־טורבינעס. די עלעקטרישע גוואַרע דרייט דאָס „רעדל” פון דער פאַבריק, און דאָס „רע־דל” איז אַ ראָד מיט רעדעלעך... די הויפּטראָד וואָס באַוועגט די קינבאַקן פון דער פאַבריק און וואָס טוט די קיי־אַרבעט האָלט אַרום 15 מעטער אין דיאַמעטער.

אַז מען הייבט זיך אויף דורך די דרייטרעפּ, וואָס וויק־לען זיך ווי קריכפלאַנצן אַרום די מאַשינען און קעסלען, אַז מען גייט דורך אַלע אונטערדעקן, צווישנדעקן און אויבער־דעקן, און מען געפינט זיך אויף די בוידעמדיקע הויכקייטן, דוכט זיך אויס, אַז אונטן איז אַ האַלב־טראַפּישער צעפּאַ־רעטער, מעטאַלענער וואַלד, וווּ די פאַרשידנשטאַמיקע און פאַרשידנפאַרמיקע געוויקסעכצן זײַנען אַרײַנגעקלאַמערט איינס אין צווייטן און דורכגעבונדן מיט פויזענדיקע לאַנגע צעפּ פון אַנוואַרצלדיקע פלאַנצונגען, און באַפעלקערט מיט פּי־פערנאַטערדיקע פאַרזעעניש...

אַז מען לאָזט זיך אַראָפּ פון דער בוידעמדיקער הייך אין האַלב־קעלערדיקן נידער, באַגעגנט מען זיך מיט אַ שערענגע צענטריפוגעס. נאָך דער גאַנצער קיײַעניש, זיפעניש און פּיל־טרעניש, נאָך אַלע פּראָצעסן פון פאַרשיטערונג און פאַרגע־

דיכטערונג, נאָך אַלע מישענישן און צאַפּענישן, נאָך אַלע סעלעקציעס און קאָנטראָלן, פאַלט אַראָפּ דער מידער צוקער־סיראָפּ אין די צענטריפוגישע קעסלען און דאָ גיט ער אַ טאַנץ זײַן לעצטן קאָפּשפּאַלטערישן קאַדריל. אַז די צענטריפוגעס שפּיליען זיך נאָכדעם פונאַנדער און פאַררײַסן זייערע שטאָלענע העמדער, גייען אַרויס פון זייערע צעעפנטע געבויר־מוטערס ליכטיקע צוקערדיקע באַשעפענישן וואָס אַן אַנסאַמביקער, באַוועגלעכער פאַס כאַפּט אַרײַן אין זײַן שוים און טראָגט זיי אַוועק אין סקלאַד אַפּוועגן און לייגן אָפּרוען.

דער סקלאַד זעט אויס ווי אַ ווינטערדיקע לאַנדשאַפט. דער גאַנצער דיל גלאַנצט פון צעטראָטענעם צוקער־שניי. די אַרבעטער זײַנען צוקערדיק פאַרשנייט און אין די וואָנצעס זייערע זײַנען אַרײַנגעאײַזיקט ליכטלעך פון צוקער־געפריר. אַ צוקערדיקער שניי־באַרג שפּיציקט זיך צו דער סטעליע און האַלט אין איין וואַקסן פון די ניי־צוגעקומענע אַקערשט־געבוירענע צוקער־פּלאַכטעס. איך פּלאָנטער זיך צווישן די צוקער־גרודעס און בלאָנדזשע צווישן די צוקערווענט, און מערקווירדיק — אַפילו דער רייעד וואָס שלאָגט פונעם צוקער איז אַ רייעד פון שניי, אַ רייעד פון אַטמאָספערישער ווינטער־פרישקייט, אַ רייעד פון פאַרפרוירענער ריינקייט. איך לייג אַרײַן אין מויל איין זיסע שטיקל פרישקייט נאָך דער צווייטער; נישט דעם טאַם פון זיסקייט פיל איך אָפּן גומען, נאָר דעם טאַם פון געזונט. דעם זעלבן טאַם האָב איך געפילט אַ ווײַלע פריִער אָפּן הויף, ווען כ׳האָב אויסגעטרונקען פון אַ צוקער־שטעקן זײַן גאַנצע צוקערזאַפט.

איך קוק אָפּן צוקערבאַרג, וואָס וואַקסט אונטער מײַנע אויגן און איך דערפיל בעכוש אובעפויעל־מאַמעש דעם עמעסן באַטײַט פון „נאַציאָנאַל רײַכטום". פריִער איז דער אויסדרוק פאַר מיר געווען קימאַט נישט מער ווי אַ מעליצעדיקער עפּיטעט פון אָפיציעלע דראָשעס, אַ פּאַטעטיש־פּאַטריאָטישע אַבסטראַקציע; אָבער איצט האָט דער דאָזיקער גלאַנציקער באַרג אַרײַנגעבראַכט אַן אינהאַלטלעכע דעפיניציע אין אַ באַגריף, וואָס האָט פריִער נישט גערעדט צו מײַן האַרצן. דאָ ערשט האָב איך עס אַנגעטאַפּט און דאָ האָב איך אָנגענומען פאַרן פולס אַ שטיק אַרגענטינישעווירקלעכקייט.

איך פאַרלאָז דעם צוקערדיקן ווינטער און גיי אַרויס אין האַלב־פינצטערן הויף. דאָס ציגל פון קלויסטער־גלאָק גיט אַ שאָט אַראָפּ אַביסל געטלעכע נאַקטורן־טענער און בלײַבט שטיל הינטער די פרומע לעפצן. עס בלײַבט נישט שטיל דער פאַרסאַפּעטער פאַבריק־קאָרפּוס. עלעקטרישע לעמפּלעך גיבן זיך אַ צינד אַז אין זײַנע אײַנגעווייטן און נעמען פאַר־

וויסן מיט זייערע טראפנס ליכט די אינעווייניקסטע דאמ־פיק־דומפיקע אנגענעפלטקייט.

די צופאלנדיקע שטילע נאכט לייגט צו א קילן אויער צו דער שלאפלאזער געטראסקעריי און שיט אריין אין דער פא־בריק דעם דריטן שיכט ארבעטער...

5. — די צוקער־מאכערס

צופוסנס פון די מאשינען און פון די קעסלען זיינען פא־ראן מענטשן. יעדער רעדעלע דרייט זיך אין זכום פון א מענטשלעכן פינגער און יעדער רעדעלע איז פארהיפנאטי־זירט פון א מענטשלעך אויג.

די מענטשן בא די מאשינען זיינען אביסל איינגעבראכע־נע, צוגעבויגענע. די איינגעפאלענע ברוסטקאסטנס האבן, זינקענדיק, אויסגעקאנטיקט די פלייצעס. אין די אויגן בא זיי פעלט עפעס, פונקט ווי מען וואלט מיט עמערס געשעפט און געשעפט פון דארט, און אפאנעם עפעס אויסגעשעפט. פעלט עפעס אין די דאזיקע אויגן, אבער זיי זיינען נישט פוסט. גוטסקייט איז אין זיי געבליבן, אפגעלאשענע גוטסקייט, און קיין בייזע פאספאר־פייערלעך האבן זיך נאך אין זיי נישט באזעצט. עפעס־וואס איז אין די שווארצאפלען אויסגעגאנ־גען אבער קיין אנדער זאך האט זיך נאך אין זיי נישט אנ־געצונדן פונדאסניי.

דאס לעבן פון די מאשין־מענטשן איז א בלייאיקס. זיי ווייסן גוט ווי שטארק די דאזיקע ווייסקייט קען פארשווארצן און ווי שארף די דאזיקע זיסקייט קען פארביטערן. זיי ווייסן, אז דער באלעבאס זייערער פוילט אף זייער כעשבן, אבער זיי זיינען באהערשט פון אלטן אינדיאנישן פאטאליזם און פון די נייע געבאטן. ביז איצט שטייען נאך אין שטאט־פארק פון טוקומאן זייערע אלט־אינדיאנישע שטיינערנע געטער און עס הענגט אין אלע ווינקעלעך פון דער פאבריק דאס פארל נייע שמייכלענדיקע געטער (פעראן און עוויטא)...

די פאבריק־פראצע איז געגוג לאנג אף אנצופילן מיט א קייב זייער טאג, אבער זי איז צו קורץ אף אויסצופילן דאס גאנצע יאר זייערס. דאס איז א בייזע סעזאן־אר־בעט, וואס אין האלב יאר בלויז גיט זי דעם ארבעטער זיין ברויט, און דעם צווייטן האלב יאר וויל זי פון אים נישט וויסן; זי הייבט אן צאנקען און גייט אויס, זי פארשווינדט, זי שטעלט זיך אפ ווי אן אויסגעגאנגענער זייגער, וואס וועט ווידער אנגע־צויגן ווערן ערשט אין א האלב יאר ארום.

נאך דער „סאפרא" (שניט און אינדוסטריאליזאציע פונעם

צוקער־ראָר) שטעלט די פאַבריק אַפ איר אָטעם, און די קעסל־מענטשן, וואָס קענען בעשום אויפן נישט אָפּשטעלן זייערע אָטעמס, דאַרפן גיין זוכן זייער אויסקומעניש ערגעץ אַנדערשוואו, הינטער די גרין־רויט־ווייַסע גרענעצן פון זייער הײמלאַנדישער פּראָווינץ, ווייַל טוקומאַן איז אַ מוטער צו אירע קינדער בלויז אַ האַלב יאָר און די איבעריקע זעקס כאַדאָשים באַדעקט זי זיך מיט אַ שטיפמאַמישן געפריר.

זי וואָלט גרייַלער געקענט זייַן אַ גוטע מאַמע אַלע כאַדאָשים פון יאָר, אָבער דאָס צוקער־פּריצנטום האָט זי געצוווּנגען צו זייַן צעשפּאָלטן אָף צוויי העלפטן. דער צוקעראָדל, וואָס באַלעבאַטעוועט בעיאַד־ראָמאָ אין דער טוקומאַנישער ווירטשאַפט, שפּילט מיקאַדמוינים אָן אַ ריטערלעכע ליבע מיטן צוקער; ער איז געטרייַ צום צוקער־ראָר און וויל נישט וויסן פון קיין אַנדערע שאַלעמויזעכצן, ווייַל ווי קורץ די סאַפראָ זאָל נישט דויערן, איז טוקומאַן אַ מאַמע פאַרן פאַרעץ דאָס גאַנצע יאָר. דעריבער האַלט ער, דער פּאָרעץ, אין זייַנע אָרעמס, די זיסע מאָנאָקולטור, די איינזייַטיקע צוקער־ווירטשאַפט, און ער דאַרף נישט קיין אַנדערע פּילזייַטיקע פאַרדרייעניש. ער דאַרף נישט קיין פּלאַניפיקאַציעס און קיין דיווערסיפיקאַציעס, און קיינער וועט אים דאָ נישט אָנווייַזן מיטן טייַטל וואָס ער דאַרף יאָ ליב האָבן און וואָס נישט, ווייַל די גאַנצע צוקער־ערד איז זייַנע און פאַרטיק, זי איז זייַנע... ער וויל אַפילע נישט באַמיַען דאָס צעשעטעקעוועטע צוקער־ראָריקע שטרוי, וואָס קען לייַכט איבערגעאַרבעט ווערן אין פּאַפּיר, אַז עס זאָל באַקומען העכערע פּאַפּיר־האַסאַגעס. ניין, ער הייצט מיט אים די קעסלען; אַ דייַגע האָט ער מיט פּאַפּיר! עס פעלט אים נאָך פּאַפּיר, דעם אַלטן באַבער, צו זייַן פּוילעניש!

די גרויסע צוקער־שעפע ווערט אין די צוקערלאָזע כאַדאָשים פאַרוואַנדלט אין דער כראָנישער צוקער־קראַנקייט פון טוקומאַן. קרענקט זי געדולדיק, די צוקערדיקע טוקומאַן, אַ צוגעשמידטע צו איר האַלביאָריקער זיסקייט און האָט נישט מיט וואָס צו פאַרצוקערן איר האַרץ־ביטערקייט אין די צייַטן פון צוקער־שטילשטאַנד. די טונקעלע אינדיאַנישע פּענעמער נעמען זיך דאַן טונקען אין נאָך מער טונקלקייט און די דאָזיקע צוגאָב־טונקלקייט איז אַזאַ פרעמדע, אַזאַ אומגעבעטענע. ווען נישט די פּריצישע אייפערזוכט צום צוקער, וואָלטן די דאָזיקע גוטע פּענעמער פאַרלאָפן געווען מיט סימכע און עס איז בעפיירעש פאַראַן אָרט אָף זיי פאַר אַ סאַך פרייד, פאַר גאָר אַ סאַך פרייד.

6. — דער איבעריקער שמייכל

די אינדיאַנישע און האַלב-אינדיאַנישע פּנעמער זײַנען ברייטע און זייער פּולקייט איז געדיכט באַוואַקסן מיט גוטמוטיקייט.

די ברייטפּנעמדיקייט איז נישט קיין ביינערדיקע און זי שיידט זיך שטאַרק אונטער פון דער ביינערדיקער שמאָלפּנעמדיקייט פון די דאָרעמדיקע אינדיאַנער אין די פּאַמפּעס. די דאָרעם-אינדיאַנישע שמאָלפּנעמדיקייט איז אַ באַקנביינערדיקע, אַ פּאַרשפּיציקטע אַן אויסגעמאַרעטע, אַ מאָנענדיקע, אין דער צײַט ווען אַף דער טוקומאַנער ברייטפּנעמדיקייט איז אויסגעשפּרייט די נאַטור-רוּיִקייט פון שטילע אַזיערעס און אַ מין מאַיעסטעטישע ווירדיקייט, וואָס וויל נישט שטעכן און אָנגרײַפן.

אַף גאָר אַסאַך פּענעמער, דער איקער פּרוויִשע, שפּילט אַרום דער געפלאַטער פון אַן אומגעווײַנטלעכן שמייכל. דער שמייכל פאַרשווינדט נישט און ווערט נישט פאַרפאַלן; ער הענגט אַן אויפהער ווי אַ וואָל און פאַרווייסט די טונקלקייט פון די פּענעמער. ער הערט נישט אויף צו וויגן זיך אַף די ליפּן, צו שפּילן זיך צווישן די וויִעס און צו זילבערן זיך אַף די באַקן. ער באַגלייט די מעיושעוודיקסטע רייד וואָס פאָדערן בעשום אויפן נישט קיין שמייכל, און ער באַאומרוִקט מיט צווײדײַטיקייט די אומשולדיקסטע פראַגעס און ענטפערס. פון אָנהייב פאַרשטייט מען נישט דעם דאָזיקן אַרויסגעהאַנגענעם שמייכל און אַז מען זוכט צו אים דעם זועג פון אַ טײַטש אָדער מען וויל פון אים אַרויסציִען אַ לאָגישן פּירעש, דערזעט מען ערשט, אַז דאָס איז אַ פרײַער שמייכל, וואָס איז אומאָפּהענגיק פון יעטווידער פּסיכישער סיבע, פון יעטווידן פאַרבאָרגענעם מיין אָדער טיפערן זין. טכילעס טראַכט מען אַז דאָס דאַרף אַוואַדע זײַן אַ שמייכל פון אונטערטעניקייט, פון נאָכגיביקייט, אָדער פון אַ שיפלעס-געפיל, אָבער סאָף-קאָל-סאָף אַנטדעקט מען, אַז דער דאָזיקער שמייכל איז נישט קיין אויסדרוק פון עפּעס הויכס אָדער נידעריקס, נאָר אַ זעלבשטענדיקער אויסדרוק פון זיך אַליין. דאָס איז אַ נאַקעטער שמייכל פון פּאַשעטער נעשאָמע-אויפגעלייגטקייט, אַ שמייכל פון אַנטבלויזטער נאַטורגוטסקייט. דער דאָזיקער שמייכל איז נישט קיין אויסדרוק נאָר קימאַט אַ שטריך פון פּאָנעם.

צום ערשטן האָב איך דעם דאָזיקן איבעריקן שמייכל געפונען אַפן פּאָנעם פון דער האָטעל-מיידל וואָס האָט מיך באַדינט, אָבער אין איר שמייכל האָבן זיך גענומען באַווײַזן

שפּורן פון אַ שטיקל זין, ווען זי האָט מיך אַ פרעג געטאָן „איר זייט פון די ייִדן"?

איך האָב איר גלייך נישט געענטפערט, ווייל איך האָב זיך אין ערשטן מאָמענט נישט פונאַנדערגעקליבן אין איר טוקומאַניש־אינדיאַנישן שפּאַניש, אָבער גלייך ווי כ'האָב אָנגעכאַפּט דעם זין פון איר פראַגע, האָט פון די טיפענישן פון איר שמייכלדיקער, אינדיאַנישער טונקלקייט אַ שימעריר געטאָן צו מיר אַ שוואַכער אָפּגלאַנץ פון ייִדישער שוואַרצביינעוודיקייט.

וואַרטנדיק אַף מיין ענטפער, האָבן זיך אַף אירע ליפּן אָנגעהויבן קלייבן וואָלקנדלעך פון אַנטוישונג, ווייל זי האָט קענטיק גענומען באַטראַכטן מיין קווענקלען זיך ווי אַ סימען אַז איך וועל עפּשער ענטפערן נעגאַטיוו, אָבער, אַז זי האָט דערהערט מיין „יאָ, איך בין אַ ייִד", האָט זיך דורך דער גאַנצער ברייט פון איר איבעריקן שמייכל דורכגעטראָגן אַ טאַנצנדיקער פונק און זי האָט היים אַ שעפּטש געטאָן: „אָ, אויב אַזוי, וועל איך אייך גוט באַדינען". זי איז גלייך פאַרשוונדן און מער האָב איך זי נישט געזען, ווייל זי האָט אויסגעמאַרקירט צו באַדינען מיך גראָד דאַן, ווען איך בין אין האָטעל נישט געווען...

אַז איך האָב זיך דערמאָנט אין ייִדישן פלעמל וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פון איר אינדיאַנישקייט און אין פריידיקן גליקצאַפּל, מיט וועלכן זי האָט אויפגענומען מיין באַשטעטיקונג, אַז איך בין אַ ייִד, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איר מאַמע האָט איר, אין פאָטערלאָזן ראַנטשאָ, געמוזט זאָגן, אַז דער אומבאַקאַנטער טאַטע אירער איז אויך געווען „פון די ייִדן", אָבער גלייכצייטיק האָט איר די מאַמע מיסטאָמע אָנגעזאָגט, אַז אויב זי וועט באַדינען אַ ייִדן זאָל זי זיין פאַרזיכטיק. האָט זי טאַקע יוויצע געווען סיי פאַרן זייכער פון איר טאַטן און סיי פאַרן אָנזאָג פון דער מאַמען: זי האָט מיך טאַקע גוט באַדינט אָבער זייער פאָרזיכטיק, זייער און זייער פאַרזיכטיק...

איר שמייכל איז מיר אָבער געבליבן, — דער דאָזיקער איבעריקער אינדיאַנישער שמייכל, מיטן קליינעם ייִדישן לאָמטערנדל אינעווייניק...

7. — ליטעראַרישע סיורפּריזן פון יאָר 1910

אין דער הויפּטשטאָט פון אַרגענטינער צוקער בין איך זאַט געוואָרן מיט טוקומאַן. שטיקער שטאָט, פאַסן לאַנדשאַפט, שפּליטערס ווירקלעכקייט, בוקעטן מענטשן און אַפּי־

לע די ווינטיקע יוגנט מיט איר קארק-ברעכערישן יידיש האבן זיך ארייַנגעשפיגלט אין דער שפיגלוואנט פון מייַן געמיט און איבערגעלאזט דארט זייער צאפנדיקן כיין.

דאס קליינע רענצעלע מיט פרעמדקייט, וואס איך האב, ווי יעדער נייַער גאסט, מיטגעבראכט מיט זיך, האב איך גלייַך אנגעווארן אינעם הוהא פון דער טוקומאנער פאלקס־יידישקייט און אין דער ארומיקער אמכאדיק־גייַסטרייַכער אויפגעלייגטקייט. א פארקרוויווישטער און א פאראייגנטער, האב איך ברייט געעפנט אלע מייַנע אויפגעוועקטע כושים פאר דער לעבעדיקער טוקומאנער סימפאניע, אבער פלוצלונג האט מיר א שעפטש געטאן אין אויער דאס יידישע טוקומאן פון 50 יאר צוריק. דאס אומבאקאנטע יאר 1910 האט זיך אוועקגעשטעלט פאר מיר מיט א קויש קיבעד, מיט א פולן קויש יידישן נאכעס־רועד און האט ארויסגעצויגן פון הינטער דער פארגעסנקייט דעם פארגעלטן באווייַז פון זייַן ליטעראַרישן ייִכעס. דאס יאר 1910 האט מיך איבערצייַגט, אז די יידישע ליטעראטור איז שולדיק א גרויסן כויוו די טוקומאנער יידן פון 50 יאר צוריק און האט מיך באפולמעכטיקט צו מאכן דעם באלאנס פון דאזיקן כויוו.

אין זעלטענעם אפיציעלן דאקומענט, וואס דאס דאזיקע יאר האט מיר איבערגעגעבן, זאגט זיך, ווארט אין ווארט, בעזע האלאשן:

קאפיטל 1. — נאמען פון דער געזעלשאפט

ארטיקל 1. — מיטן פילאנטראפישן ציל צו אנטוויקלען דעם גייַסט פון אייניקייט און קעגנזייַטיקער הילף אין דער שטאט טוקומאן, ווערט געגרינדעט די געזעלשאפט „אוניאן איזראעליטא טוקומאנא”.

קאפיטל 2. — צ י ל

ארטיקל 2. — פארטיידיקן אלע אינטערעסן פון אונדזער ליטעראטור (אין טוקומאן) ווי אויך אין אלע שטעט פון דער רעפובליק צווישן דער יידישער קאלאניע.

נאכדעם ערשט קומען אנדערע 39 ארטיקלען וועגן קעגנזייַטיקער הילף, טויטפאלן, מיטגליד־אפצאל, זיצונגען, קאסע אא”וו. צום סאף קומט די רעגירונג־אנערקענונג:

20טער פעברואר 1911, אין העסקעם מיט דער רעקאמענדאציע פונעם פיסקאל פון דער רעגירונג, באשטימט

דער גובערנאטאר פון דער פראווינץ: באשטעטיקן די סטאטוטן און אנערקענען די „אוניאן איזראעליטא טוקומאנא" ווי א יורידישע פערזאן אא"וו, אא"וו.

די גאנצע אפגעלעבטקייט פון די 5 היסטארישע פופציקיאריקע בלעטלעך האט מיטאמאל גענומען לעבן טכיאס־האמייסימדיק אף מיינע הענט און זיך פארוואנדלען אין א ווייסער אנטדעקונג. מיינע בליקן האבן זיך ארייננגעצילט אין קאפיטל „ציל" און נישט געוואלט פארלאזן דעם ליטערארישן „ארטיקל 2", דעם לוקסוסדיקן פאראגראף, וואס האט זיך נישט באהאלטן ווי א ליטעראריש פלאסטערל, נאר אויסגעשפרייט זיך ווי א ליטערארישע שילד איבערן גאנצן פראנט פון די סטאטוטן.

איך האב געהאלטן אין איין האנאעדיקן נישטוימעם ווערן פון דאזיקן ליטערארישן פארמעסט, וואס אומליטערארישע אינטערעסן האבן ארויסגערופן. די דאזיקע האסאגע פון טוקומאנער יידן צו שטעלן פאר א הויפטציל פון זייער הילפספאראיין „די אינטערעסן פון אונדזער ליטעראטור", נישט נאר אין טוקומאן נאר אין גאנץ ארגענטינע, איז מיסטאמע דער איינציקער בען־יעכידישער פאל אין דער געשיכטע פון אלע יידישע קעגנזייטיקע הילפס־געזעלשאפטן אף דער גאנצער וועלט, און דערפאר האב איך אין זייערע אייפערדיקע ליטערארישע אספיראציעס געזען אן אפגלאנץ פון ביניאמין־האשלישידיקער פאנטאזיארישקייט און פון הויכפליענדיקן אידעאליזם. אין די דאזיקע אספיראציעס האט זיך אבער נישט באהאלטן קיין ביניאמין־האשלישידיקע מוירע און קיין דאלעד־אמעסדיקע באגריפן, נאר עס האט פון זיי ארויסגעקוקט א דאן־קיכאטישע עקספאנסיווע דרייסטקייט, ווייל זיי האבן נישט באגרענעצט זייער ליטערארישע ליידנשאפט אף זייער שטאט אליין, נאר זיי האבן געוואלט מאסיג־גוול זיין דאס גאנצע לאנד, דאס הייסט, אז אויב עס וואלט זיך געהאנדלט וועגן ליטעראטור, וואלטן זיי גרייט געווען צו קעמפן פאר איר אומעטום.

די דאזיקע ריטערלעכע ליטערארישע איינשטעלונג פון פאשעטע יידן, וואס זיינען נישט געווען קיין ריטער און נישט קיין ליטעראטן, איז אן איינציקארטיקע. אז דאס זיינען בכלל געווען איינציקארטיקע מענטשן, די טוקומאנער יידן פון 1910, איז צו זען פון ארטיקל 34 פון די סטאטוטן, וווּ עס זאגט זיך, אז עס מוזן אומבאדינגט פארקומען זעקס געוויינטלעכע גענעראל־פארזאמלונגען א יאר, אויסערגעוויינלעכע וואס קענען גערופן ווערן אין יעדן מאמענט.

איך ווייס, אז צולעהאבעסדיקע געשיכטע־פארשערס קענען

אפקילן מיט אן עמער קאלט וואסער מײַן ליטעראַרישע אנטציקונג מיטן יידישן אלט־טוקומאן. זיי קענען אוועקשטעלן די מעגושעמדיקע קלאץ־קאשע: וואס מיינען די סטאטוטן מיטן טערמין „אונדזער ליטעראטור"? פאר מיר איז קלאר, אז „אונדזער ליטעראטור" מיינט יידישע ליטעראטור, ווײַל האלב־גרינע יידן, וואס גרינדן מיט 50 יאר צוריק א יידישן פאראיין און רײדן וועגן „אונדזער ליטעראטור", מיינען זיכער די יידישע ליטעראטור. וואס שײַך דעם גובערנאטאר, איז ער מיט דער זעלבער זיכערקייט געווען בארעכטיקט צו מיינען, אז „אונדזער ליטעראטור" איז אן שום ספק די ארגענטינער ליטעראטור, ווארעם אויב ער וואלט געליגט דעם אנערקענונג־שטעמפל נישט זײַענדיק אין דעם זיכער, וואלט ער עפשער, לויט געוויסע אולטראפאטריאטישע באגריפן, ניט ראוי געווען צו זײַן גובערנאטאר. אין גרונט גענומען האבן ביידע צדדים, טיף אין הארצן, גוט געמיינט און די קלוגע סטאטוטן האבן באפרידיקט מיטן זעלבן ווארט ביידע מיינען. די גאסטפרײַנטלעכע סטאטוטן האבן באוויזן, אז ביידע מיינען קענען נישט נאר הויזן צווישן זיך, ווי גוטע שכיינים, נאר אז זיי קענען אפילע וווינען אונטערן ראד פון איין ווארט...

עס קענען קומען אנדערע היסטארישע צולעהאכעסניקעס און זאגן „אנו, לאמיר אקארשט נאכפארשן ווי אזוי די טוקומאנער יידישע ריטער האבן פארטיידיקט די אינטערעסן פון דער יידישער ליטעראטור", אבער וואס פארא רעזולטאט אזא מין פארשונג זאל נישט געבן, קען זי נישט ווארפן קיין רעטראספעקטיוון שאטן אפן אריגינעלן, אימפולסיוון און נאבעלן ליטעראטור־פאראגראף, וואס איז ווי א גרונט־טעזיס אריין, מיט א היסטארישן טראט, אין די טוקומאנער סטאטוטן פון 1910.

דער דאזיקער ליטעראַרישער גרונט־פאראגראף האט, נישט נאר א היסטאריש־ארכיוואלע באדײַטונג, נאר דער איקער — א דעקלאראטיוון ווערט. עס איז גוט צו וויסן, אז שוין אין 1910, אין דער שטאט וו עס איז פראקלאמירט געווארן די ארגענטינער אומאפהענגיקייט, זײַנען אפיציעל דעקלארירט געווארן די רעכט און „אלע אינטערעסן" פון אונדזער ליטעראטור, ווי אן איגיען, וואס איז נויגיע נישט נאר טוקומאן, נאר בעפיירעש — „אלע שטעט פון דער רעפובליק".

אין זכות פון דער דאזיקער טוקומאנער יידישער ליטעראטור־דעקלאראציע, וואס איז אין 1910 געגעבן געווארן פאר גאנץ ארגענטינע, דארף פאר אונדז טוקומאן נישט

זײַן סטאַם טוקומאַן, פּונקט ווי פֿאַר יעדן אַרגענטינער איז די שטאָט נישט סטאַם אַ שטאָט, נאָר סאַן מיגעל דע טוקומאַן, דאָס וויגעלע פֿון דער אַרגענטינער פֿרײַהייט.

אויך מיר מעגן ראָמאַנטיזירן דעם טרוקענעם, געאָגראַפֿישן נאָמען פֿון דער שטאָט. אויך בײַ אונדז מעג די דאָזיקע היסטאָרישע שטאָט נישט הייסן גלאַט אַזוי זיך טוקומאַן, נאָר לעבאָל־האַפּאַכעס, „טוקומאַן, די פּראָטעקטאָרין פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור"...

צופוסנס פון מענדאָסער שיינקייטן

1

ווען דער בלייכער פּאַמפּע־מענטש פאַרלאָזט זײַן פּלאַכלאַנד און קומט אַנוואַרעמען זײַן פײַכט־נעפּלדיקן געמיט צופוסנס פון דער אַנדישער פעלזן־קייט, באַגעגנט אים מענדאָסאַ מיט הונדערטשטאָקיקער נאַטור־שיינקייט, שוימיקן באַרג־ווײַן, דורכגעזוניקטער לויטערקייט און געשיכטלעכער גלאָריע.

דאָרט, אַפן ברעג פון דער באַרגיקער און ווײַניקער געבענטשטקייט, האָבן זיך געקרייצט צוויי גרויסע שיינקייטן: אַ געאָגראַפישע און אַ היסטאָרישע — די אַרגענטינישע באַרגפּראַכט און די סאַן־מאַרטינישע באַרג־גוורע.

דאָס באַרגיקסטע און דאָס שענסטע פון דער אַרגענטינישער לאַנדשאַפט און פון דער אַרגענטינער געשיכטע האָבן זיך צונויפגעגאָסן אַף איין און דעם זעלבן פונקט. אַנטקעגן די שנייאיקע באַרגשפּיצן פון אַקאָנקאַגוואַ און טופּונגאַטאַ שטרעקט זיך אויס די ניט ווײַניקער באַרגיקע און שנייאיקע גוורע־שפּיצן פון טשאַקאַבוקאַ און מײַפּו. אומעטום, וווּ מען זאָל זיך דאָרט, אַף די באַרג־שטרעקעס, ניט אַ קער טאָן, האָט מען דעם געפיל אַז די פונאַנדערגעשפּרייטע שיינקייט איז געקייפּלט אַף גוורע און אַף פרײַהייט.

דערפאַר, ווי נאָר מען שטעלט אַ טראָט אַף דער ווײַניק־באַרגיקער ערד, ווילט זיך קוידעם־קאָל צוקומען אַהין וווּ שיינקייט, גוורע און פרײַהייט באַגעגענען זיך סימבאָליש פּאָנעם־על־פּאָנעם. עס ווילט זיך אוילע־רעגל זײַן צום „סעראָ דע לאַ גלאָריאַ” (דער באַרג פון גלאָריע) און אַרויפטראָגן צו סאַן־מאַרטינען אַ לויטערע טרער.

2

אַן אַספּאַלטענע סטעזשקע, וואָס איז אַרומגעשרויפט אַרום גלאָריע־באַרג, איז אויסגעשפּרייט אונטער די פּיס פונעם אוילע־רעגל און פירט אים אַרויף, צווישן באַרג־אַראַפּריסן, צום גוואַרע־דענקמאָל וואָס דעקט צו דעם שפּיץ פון באַרג. איידער מען קומט צו צום שפּיץ קרייצט מען דורך די ברייטע ברוסט פון באַרג, וואָס איז אָנגעטאָן אין אַ מין שטיינערנעם קונסט־ראָק אַ באַהאָנגענעם מיט מעדאַלן — בראָנזענע אָנדענק־טאָוולען פון אַלע ווינקעלעך פון לאַנד.

די אַספּאַלט־סטעזשקע גיט זיך נאָך אַ האַלבן דריי אַף אַרויף, און פירט צו, דורך אַ ברייט־טרעפּיקן אַרויפגאַנג, צו אַ פּלאַטפאָרם, און גלייַך גיט זיך אַ שנייַד אַרויס די גלאָריע פון באַרג — די גאַנצע סאַן־מאַרטינישע עפּאָפּעע, געגאָסן אין בראָנז און אייַנגעראַמט אין שטיין.

אַף די דרויסנדיקע דריי זייַטן פון דענקמאָל זייַנען אין אַ ברייטן מעטאַלענעם האַלב־קרייַז פּאַראַייביקט, אין באַרעליעפע בילדער, די רירנדיקסטע פּאַלקס־עפּיזאָדן פון סאַן־מאַרטינס מענדאָסער און טראַנסאַנדינישער געשיכטע. אין די ווינקלען פון דער פּאָדערשטער זייַט געפינען זיך מיליטערישע גרופּירונגען, און אַף אַ באַזונדערן פּעדעסטאַל, אין פראָנט — סאַן־מאַרטין אַף אַ פערד, אַ פּאַרקוקטער אין אַ ווייַטער וויזיע. פון צענטער פון דענקמאָל טויכט אַרויס די סימבאָלישע באַפליגלטע פיגור פון דער פרייַהייט מיט אַ צעריסענער קייט צווישן אירע צאַרטע פינגער. בײַ דער זייַט פון דער פרייַהייט — אַ שוועבנדיקער קאָנדאָר פון די אַנדן אין נאַטירלעכער גרייס, מיט זייַנע מעכטיקע פליגל אין פולער פונאַנדערגעשפּרייטקייט.

פון טויטן בראָנז און פון מאַסיוון געשטיין שפּילט אַרויס די לעבעדיק־רעוואָלוציאָנערע פּאָעזיע און די מוזיק פון צעפּליקטע קייטן. דעם אוילע־רעגלס שוואַרצאַפּלען, וואָס זייַנען פול מיט באַרג, מיט זון און מיט סאַן־מאַרטינישער הערויִק, גליטשן זיך פאַרכאָלעמטע איבער די עטלעכע מעטער פאַרגליווערטער גלאָריע, אָבער אָט גיט אַ צאַפּל אין דער בראָנזענער פאַרגליווערטקייט אַ סימען פון לעבן. אַ צענדליק לעבעדיקע ווייַסע טויבן נעמען זיך שפּילן און וואָרקען אַף די צעשפּרייטע פליגל פונעם קאָנדאָר. אַף די פליגל, אַפן קאַרק און אַפן שנוק פון גרויסן, קריגערישן רויב־פויגל האַלט אין איין שטעלן אירע דריבנע פרימאָרגן־טריטעלעך די ווייַסע שאָלעם־טויב...

דער דאָזיקער לעבעדיקער דעטאַל, וואָס די נאַטור אַליין

האָט צוגעטראַכט צום דענקמאָל, פאַרשאַרפט די סאַן־מאַרטינישע עמאָציע און אין האַרצן פונעם אוילע־רעגל בלײַבט שוין פאַרקריצט דאָס אומגעריכטע בילד: איבערן מעכטיקן, קרומשנוקיקן רויבער פון דער קאָרדיליערע הערשט די ווײַסע טויב; אַפן שווערן בראָנזענעם קאָנדאָר רוט די לעבעדיק־ווײַסע טויב־שאַלווע. דער דאָזיקער ניט־דענקמאָלישער טייל פונעם דענקמאָל איז פונקט אַזוי דענקמאָליש ווי דער דענקמאָל גופע, ווײַל ער איז אין סאַן־מאַרטינישן גײַסט און ווײַל ער אַקטואַליזירט אַף אַ סימבאָליש־לעבעדיקן אופן דעם גאַנצן דענקאָמל.

נאָכדעם ווי די אויגן זײַנען שוין אָנגעזעטיקט מיטן רומפולן, טויביש־באַלעבאַטן בראָנז, גיט זיך אַ שפיגל אַרײַן אין זיי, פון איין זײַט באַרג־אַראָפרים, אַ גריכישער אַמפיטעאַטער וואָס איז אויסגעהאַקט אין רויען באַרג־שטיין, און פון דער צווייטער זײַט, דורכן בלעטערדיקן האַרבסט־זשאַווער פון פאַרק, די שטאָט מענדאָסאָ, וואָס ליגט אין לײַכטן פרימאָרגנדיקן נעפל ווי אין אַ וואַנע פון זייפנבלאָזיקן שוים.

די באַרגיקע שטאָט איז אַליין אַ פלאַכע... די הימלקראַצערישקייט איז דאָ דער אויסשליסלעכער אַטריבוט פון די בערג און ניט פון די ביניאָנים. די שטאָט איז פלאַך ווײַל זי טאָר ניט זײַן הויך, ווײַל זי לײַדט אַף אַ לײַכטן פיבער, אַף אַ קאָפ־שווינדל וואָס קומט פון אינעווייניק. אין די טיפענישן פון דער מענדאָסער ערד צוקט אַ נערוו און דערפאַר לײַדט זי אַביסל פון ערדציטערישער נערוועזקייט. עס וואַנדערט אַרום אין אירע אײַנגעווייטן אַ באַרג־פײַער און עפשער איז זי שיקערלעך פון די ווײַן־זאַפטן וואָס בורענען אין אירע טיפענישן...

ניט אַלעמאָל צוקט די ערד אַף אַ פרידלעכן אופן. ס׳טרעפט אַז זי באַקומט אַן עפילעפטישן אָנפאַל, ווי אין 1861, ווען די גאַנצע שטאָט האָט זיך, פון איין אונטערערדישן שטויס, אויסגעגליטשט און אַנידערגעפאַלן, און צעבראָכן געוואָרן אַף פיץ־פיצלעך. ביז איצט זײַנען נאָך געבליבן, ווי אַ זייכער־לעכורבן, צוויי איבערגעקערטע קלויסטערס, וואָס ליגן שוין אַזוי 100 יאָר אויסגעצויגן אַף דער ערד. פאַרוואָס גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אַף גאָטס הײַזער און פאַרוואָס מענדאָסאָ דעמאָנסטרירט דעם דאָזיקן צאָרן גראָד דורך די צעשטערטע הייליקייטן וואָס גאָט אַליין האָט אײַנגעוואָרפן, איז אַן איניען וואָס איז נאָך ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן...

הייליקטימער און הייליקע האָבן ביכלאַל ווייניק מזל אין מענדאָסאָ. אַט האָט מען מיט אַ שטיקל צײַט צוריק שטאַרק

באַאוולט די באַרימטע באַל־נעסעכע — די הייליקע „בסולע פון לורד” אין די בערג פון טשאַזשאַאַ. זי וווינט אין אַ קלייניטשקן קלויסטערל, וואָס זעט אויס פון ווייטן ווי אַ וואַליזע פון אַ וועלט־רייַזנדן, וועלכע איז פון אַלע זייַטן באַ־קלעפּט מיט האָטעל־צעטלען. אין די דרויסנדיקע און אינע־ווייניקסטע ווענט פונעם קלויסטערל זייַנען אַרייַנגעמויערט הונדערטער טאָוולען פון בראָנז, בלעך, פּאָרצעלײַ, האָלץ און שטיין, אַף וועלכע ס'איז אויסגעקריצט דער דאַנק פאַר די טויוועס און די ניסים וואָס די בסולע האָט פּערזענלעך באַוויליקט צו טאָן מיט דעם און מיט יענעם. אין קלויסטע־רל גופע איז צונויפגעזאַמלט אַ באַרג מיט קוליעס פון אויס־געהיילטע קאַליקעס, וואָס זייַנען געזונט געוואָרן אין זכום פון דער מוטערל פון טשאַזשאַאַ.

די גאַבעטע פון קלויסטערל גייט אָבער אַרום אַ שטאַרק פאַרמאָרעשכוירעטע. עס האָט זיך געפונען אַ פרעכער גאַ־נעוו וואָס האָט זיך מיט גנייווישע ניסים אַרייַנבאַקומען באַ־נאַכט אין קלויסטערל און בעדאַלעם געשטעלט די בסולע פון קאָפּ ביז די פיס, אַף אַזוי ווייַט אַז מען האָט געדאַרפט אָנ־שטעלן אַ וועכטער מיט אַ הונט אַף צו היטן די הייליקע.

מיר האָבן געפּרוווט אויפווייַזן דער פאַראומערטער גאַבע־טע אַז אין דער גנייווע שטעקט עפּשער אַן עצבאַ־עלויקים פון דער בסולע גופע, וועלכע האָט אַף אַזאַ אויפן געוואָלט פּראָטעסטירן קעגן לוקסוס און קעגן די צירונג מיט וועלכע מען באַהענגט זי, אָבער די גאַבעטע, וואָס איז די גאַנצע באַלע־באָסטע איבער דער בסולע, האָט אַפילע ניט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק אַז די הייליקע קען אויך האָבן אַ שטיקל איי־גענע מיינונג וועגן אַזוינע גאַשמיעסדיקע זאַכן ווי איר טואַ־לעט. זי, די אויטאָריטאַטיווע גאַבעטע, האָט שוין באַוויזן ווי־דער אויסצוצירן די באַגאַנוועטע בסולע, אָבער זי פאַרלאָזט זיך שוין מער ניט אַף ניסים: אַנשטאָט איידלשטיינער טראָגט שוין איצט די באַל־נעסעכע, צוליב פאָרזיכטיקייט, פייַן־אױ־מיטירטע גלעזלעך. אירע ברילִיאַנטענע ניסים, זאָגט די גאַ־בעטע, זייַנען צוליב דעם ניט פאַרגלאָזט און ניט פאַרביליקט געוואָרן; זי זעט עס קלאָר פון דער גוטער באַל־האַנעס־פּוש־קע. מיר האָבן אַ וואָרף געטאָן אַ לעצטן קוק אַפן גיפּסענעם פּאָנעם פון דער בסולע און געטראַכט זיך, אַז ווען זי קען באַווייַזן דעם נעס און נעמען ריידן, וואָלטן אירע ערשטע ווערטער געווען: „באַפרייַט מיך פון יאָד פון דער גאַבעטע, נעמט צו פון מיר די באַלעבאָסטע!”

אומקערנדיק זיך פון די צעוואַלגערטע קלויסטערס און פון דער באַגאַנוועטער בסולע צו דער ציטערנדיקער ערד, ווערט

קלאָר אַז טאַקע צוליב דער דאָזיקער טיף־ערדיקער צעציטערטקייט, וואָס רעספּעקטירט אַפילו ניט קיין הייליקייטן, איז מענדאָסאַ אויסגעשטעלט אויף שטאַטישער פלאַכקייט. זי קאָמפּענסירט אָבער איר פלאַכקייט מיט ברייטקייט. דאָס וואָס זי פאַרלירט מיט איר פלאַטשיקער אַרכיטעקטור געווינט זי מיט אירע ברייטגאַסיקע פּאַנאָראַמעס. האָריזאָנטאַל גענומען — איז זי מאַמעש הויפּטשטאַטיש, און ווערטיקאַל — קליינשטעטלדיק, אָבער דער דורכשניט איז אַ גרויסשטאָטישער. אַרום און אַרום באַקומט זיך אַז מענדאָסאַ האָט סײַ הויכקייט און סײַ ברייטקייט, אָבער זיי זײַנען ניט צוזאַמען. זי האַלט זיי אין פאַרשיידענע ערטער. איר ברייטקייט האַלט זי אין שטאָט און איר הויכקייט — אין די בערג. אַז מען לייגט אָבער צונויף אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט אין גאַס און אַלץ וואָס זי האָט צעוואָרפן אין די בערג, באַקומט זיך אַ גוויר־אַדירדיקער סאַך־הכּל פון ראַכוועס, פון פאַרנעם און פון לעבנסלוסט.

3

מענדאָסאַ, די ערעוו־באַרגיקע, די האַלב־טאַליקע, איז באַדעקט מיט אַ געקרײַזלטער, גרין־פּיאַלעטער שעפע פון ווײַנגערטנער, וואָס גיסן פונאַנדער הונדערטער מיליאָנען ליטער קרישטאַליקע זאַפטן איבער גאַנץ אַרגענטינע.

דער רויער ווײַנטרויביקער זאַפט האָרף דורכמאַכן אַ לאַנגע כעמישע דערציִונג אין די ווײַן־אַקאַדעמיעס ביז עס ווערט פון אים ווײַן. ער מאַכט דורך געניִמדיקע פערמענטאַציעס, גייט דורך פאַרשיידענע רייניקונגען, ווערט געפּײַניקט, ביז ער גיט אַרויס פון זיך אַלע אַפּזעצונגען און שטויבעלעך, ווערט געיאָגט קילאָמעטערוויַיז דורך לאַנגע אײַזערנע אָדערן, ווערט פאַרמישפּעט אויף יאָרנלאַנגער טפיסע אין פינצטערע טונען, מאַכט דורך אַלקאָהאָלישע צירופים און סיגופים, ווערט געקאָכט און געפרווירן, ווערט דורכגעזונגיקט אויף דער פרײַער לופט און געקילט אין אײַז־קאַמערן, גייט דורך דורך די שעווע־מעדוריי־גענעם פון 77 קאַנטראָלן, און וואָס מידער ער ווערט, אַלץ אײדעלער ווערט ער, אַלץ ליקערדיקער, אַלץ דורכזיכטיקער, אַלץ רוכניעסדיקער, אַלץ פאַרשיקערנדיקער...

נאָך גרעסערע פיזישע ניסיוינעס און כעמישע מאַטערנישן מאַכט דורך דער ווײַן וואָס לערנט זיך צו ווערן שאַמפּאַן. דער דאָזיקער יונגער ווײַן דאַרף אַפּפּינצטערן לעבאַל־האַפּאַ־

בעם זיינע ערשטע דריי קינדערשע יאָרן איז אַן איבערגעדרייטער פלאַש קעדיי צו פערמענטירן ווי געהעריק און אָפּליגן זיין גאַנצע שמוץ. איז טאַקע ניט יעדער ווײַן געדולדיק און געהאָרכיק. מיר האָבן געזען אין די ווײַן־פאַבריקן הונדערטער צעזעצטע ווײַן־פלעשער, וואָס האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן דעם רעוואָלוציאָנערן דרוק פון יונגן פאַרשפּאַרטן ווײַן. די דיקע פלעשער האָבן געמוזט פּלאַצן און פאַרגיסן זייער ווײַניקן בלוט אַסאַך פריִער איידער דער טפּיסע־טערמין פון דריי יאָר איז אַריבער...

ערשט נאָך די אַלע פאַרשיידענע מאַטערנישן און פאַרפּאָלגונגען, באַקומט דער געצווימטער און ציוויליזירטער ווײַן זיין קאָמערציעלן טואַלעט. מען גיסט אים אַרײַן סיראָפּלעד קעדיי ער זאָל באַקומען אַ באַשטימטן טאַם, מען טויפט אים מיט אַ גלעקלדיקן נאָמען, מען טוט אים אָן זיין דעפיניטיוון גלעזערנעם מונדיר, מען הענגט אים אָן אַ קאָקאַרדע, מען באַקלעפּט אים מיט טהילעם־ווערטישבאָכעם און מען שיקט אים אַרויס פונאַנדערטראָגן מענדאָסער פליסיקע ליכטיקייט און מענדאָסער פרייד איבער די גראָע ברייטן און לענגן פון לאַנד. אינעווייניק, אין די ווײַן־פאַבריקן, ציִען זיך קוואַרטאַלן גאַנצע פון צווייסטאָקיקע טונען מיט זייערע גלאַנציקע, דעמבענע ליוויאָסן־בײַכער. אַף קאַרקן פון די טונען רײַטן פעסער, און אונטער די טונען — רוישט אַ ווײַניקער גענעם. אין פאַרמאַכטע צעמענטענע בונקערס, גרויס ווי די גרעסטע שווים־באַסיינען, וואַרפן זיך אין די זודיקע פערמענטאַציע־פּראָצעסן רוישיקע ווײַן־כוואַליעס. מיקראָבישע אָרגאַניזמען ווערן דאָרט געבוירן און גייען דאָרט אונטער אין געציילטע סעקונדן, און דאָס איינציקע וואָס דערגייט צום געהער איז דער ליאַרעם פון געבורט און פון אונטערגאַנג, צווישן די געוויטערן פון צעשטורעמטן ווײַן.

אַז מען פאַרזוכט אין די טאָלן אַ קעלישיקל אַנדישן ווײַן, ווײַס מען גאָרניט וויפל שווערע גילגולים די שפּילעוודיקע, איידעלע פליסיקייט האָט דורכגעמאַכט אין מענדאָסאַ און וויפל סוידעס פון יעצירע און אונטערגאַנג עס באַהאַלטן זיך אין יעדן טראָפּן אירן.

4

די בערג גופע ווילן ניט וויסן פון קיין פּרוכטבאַרקייט און פון קיין ווײַן־טרעגערישקייט. זיי זיינען צו שטאָלץ און צו פאַרריסן אַף דעם. איין זאַך וויסן זיי — שפּיציקייט, שטיי־

ניקייט, זאַמדיקייט, קאַלכיקייט. די שטיינערנע זייערע איז אָבער ניט קיין גראָ־שטומע נאָר זי רעדט מיט דער פאַרבן־שפּיל פון אירע קוואַרצן און גראַניטן, פּאַרקיילעכיקטע שטיינבלאָקן און נאַטירלעך־געטעסעטע פלאַסטן, קופּערנע ביינגלאַנצן און מירמלנע שמייכלען, קויליק־שוואַרצן בערויגעז און הויך־שנייאיקער בעדווע.

דאָס פייער וואָס יאָגט זיך אַרום אין זייערע מעטאַלענע אינגעווייטן קען ניט נערן דעם ווייץ־זאַנג און קען ניט אָנטרינקען דעם ווייַן־קוסט. און ביכלאַל זיינען זיי גאָרניט שולדיק דעם מענטשן די דאָזיקע געקאַרבטע פעלזן־ווענט; זאָלן די אונטערטעניקע, צעטראָטענע טאָלן האָבן צו טאָן מיט אים און קאַפּיטולירן פאַר אים...

אָבער אויך די בערג האָבן זיך פונדעסטוועגן ניט געקענט אַרויסדרייען און האָבן זיך געמוזט אויסקויפן באַם באַצווינגער פון די טאָלן. זיי האָבן געמוזט לאָזן צאַפּן פון זיך הייַלונג און ליכט דורך זייערע צווייערליי וואַסערן. אין זייער היים־שוועבלדיקן אינגעווייט־וואַסער האָט מען גענומען שעפּן געזונט פאַר גאַנץ אַרגענטינע און אין זייערע אויבערפלאַכיקע באַרג־וואַסערן — עלעקטריע פאַר גאַנץ מענדאָסאַ.

אין קאַטשעוטאַ האָט מען גענומען אין געפענגעניש אַ הייסן שוועבל־קוואַל, אַנגעטאָן אים אין אַ בעטאָנענעם מאַלבעש און פאַרמאַכט אים אונטער אַ שלאָס. דורכן לעכל פון שלאָס טריפט אַ באַרגיק־פייַערדיקע רעפוע־שליימע, ניט פאַר אַלעמען דערווייַל, נאָר פאַר די וואָס דער רעוומאַטיזם זייערער איז אַ געווירישער...

פון קאַטשעוטאַ ביז דער הויפּטשטאָט ציט זיך אַ שמאָלער טאָליקער דורכרים, וואָס דער טייַך מענדאָסאַ האָט מיט זייַן מעסערדיקן שטראָם אויסגעשניטן צווישן די בערג. אינעם גערונצלטן דורכרים האָבן זיך, אויסערן טייַך, אַרייַנגעשפּאַרט אַ באַרג־וועג וואָס פויזעט ווי אַן אַספאַלטענער באַרג־וואָרעם קיין פּאַטרעריזשאָס און דער שמאָלער אייַזן־וועג פאַרן בענדל וואָס בויערט זיך, דורך טונעלן, קיין טשילע. אַלע 3 הענגען זיך אַן אַזוי נאָנט איינער פון אַנדערן און ס'איז פאַראַן אַזויפיל אַנגעשטרענגטקייט אין זייער קלעטערן, אַז ס'דוכט זיך אויס אַז עס גייט אַן אַ לויף־געיעג צווישן וועג, טייַך און רעלסן־פלאַנט, און אַז אַספאַלט, זילבער און שטאָל האָבן זיך פאַרמאָסטן צווישן זיך ווער וועט פריִער אַרויספלאָנטערן זיך פונעם באַרג־געדריי.

אַ פערציק קילאָמעטער פון מענדאָסאַ האָט מען דעם צע־

ספּוזשעטן טײַך אָנגעכאַפּט פאַר זײַן שוימיקער גריווע, אַרײַנגעקוועטשט אים צווישן שטאָלענע האַלאַבליעס, אײַנגעשפּאַנט אים אין טורבינעס און געצוווּנגען זײַנע וואַסערן צו פּראָדוצירן ליכט אַנשטאָט פּוסטער שפּריצעכץ.

נאָכדעם ווי ער דערפילט זײַן עלעקטרישן כוח, פליסט ער ווײַטער, אָבער קײן באַשטימטן פליס־ציל האָט ער ניט. ס׳איז אַ יאָסעמדיקער טײַך, ווײַל ער האָט ניט קײן גרעסערע וואַסער־היים וווּהין אַרײַנצוגיסן זיך. אײדער ער באַווײַזט נאָך ערגעץ אַרײַנצופאַלן, צערײַסן אים די דורשטיקע מענדאָסער ערדן טראָפּנווײַז און טרינקען אים אויס אַפן מיטן וועג. ס׳איז אַ ניט־געענדיקטער טײַך, אַ טײַך אָן אַ סאָף, אַ טײַך וואָס גייט אויס אין סאַמע מיטן, אַ טײַך מיט אַן אָפּגעשטאָרבענער העלפט. מען לאָזט אים ניט דערטראָגן זײַן באַרגיקן שנײ־געברום צו די יאַמיקע פלאַכקייטן. ס׳איז אַ וואַסער וואָס קומט צו קווורע אַף דער ערד...

5

די באַרגיקע פּײַזאַזשן ענדיקן זיך ניט אין די בערג נאָר האָבן אַ פאָרזעצונג אין געמיט פון מענדאָסער מענטשן. פאַראַן אַ באַרגיקע רויִקייט, אַ נאַטירלעכע באַזאַכטקייט אַ גוטמוטיקע צוגעלאָזטקייט אין מענדאָסער כאַראַקטער, און ס׳איז אינגאַנצן ניט קענטיק אין אים די נערוועזקייט און אומגעדולדיקייט פון די ברעג־ און טאָל־מענטשן.

ס׳וואַרפט זיך אין די אויגן אַלץ אָפטער דער טשילענער טיף פרויען־שײנקייט. וואָלע אײלבערט־פּענעמער און גרויסע שוואַרציאַמיקע אויגן. אויגן פון סעוויליע און פון גראַנאַדע. אָבער ניט אַזוי די גרײס און די פּראַכט פון די דאָזיקע אויגן איבעראַשט, ווי די רויִקייט זײערע. אַפילע אין מאָמענט פון גרעסטער עמאָציע פאַרלירן זײ ניט זײער שטיל־אָזיערדיקע שאַלווע, אין דער צײַט ווען אין די טאָליקע גרויסשטעט איז מען געווינט אַז אַ פרויען־אויג זאָל רעאַגירן ווי אַ סייסמאָגראַף און אַז אין אַ מאָמענט פון שאַרפער איבערלעבונג זאָל אַ פרויִשער שוואַרצאַפּל מאַמעש ספּאַזמירן פון עמאָציע.

פון אָנהײב ביזן סאָף, פונעם באַרג ביזן מענטש, איז מענדאָסאַ אײַנגעטוליעט אין רו, אין זײַדענער שאַלווע און אין זוניקן פרידן.

6

אַז מען נידערט אַראָפּ פון די מענדאָסער הויכקייטן צוריק צו דער פּאַמפּע צו, נעמט מען מיט אין אויג באַהגיקע ליבטיקייט, אין האַרצן — ווייניקע פרייד, און אין געמיט — די ווייסע לעבעדיקע טויב אַפן רוקן פון שאַרפנעגלדיקן קאָנדאָר ווי אויך די צעפּליקטע שקלאַפן־קייט אַפן סעראָ דע לאַגלאָריאַ.

אין דער אָנפּלייצנדיקער בענקשאַפט נעמען זיך וויגן די מענדאָסער ווענן, דורך טונעלן פון גרינס, און עס כוואַליעט זיך די מילדע שאַלווע אַף די בערג און אַף די מענטשן.

און אין באַרייכערטן באַוווּסטזיין איז אויך ליכטיק. דאָרט הערט ניט אויף צו האַמערן דער מענדאָסער געבאָט: וואַרטן דאַרף מען גייענדיקערהייט! דער בעסטער אויפן פון וואַרטן איז גיין פאָרויס!, — ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט, אַף אַ יידישער קולטור־סימכע, אַ באַרימטער אַרגענטינער אַרבעטער־פירער, ווען די דיקטאַטור האָט געשטיקט און געדריקט, און געוואָרגן...

אַ שטאָט אין דאָרעם

1

דאָרט ווו דער געאָגראַפֿישער סילועט פֿון אַרגענטינע נעמט זיך אײַנציִען, דאָרט ווו דאָס לאַנד באַקומט אַ שטיקל „טאַליע“, געפֿינט מען אױפֿן ברעג פֿון יאַם די שטאָט פֿון „ווײַסן אײַנגוס“ (באַהיאַ בלאַנקאַ).

די דאָזיקע ברעג־שטאָט ליגט פּונקט אונטערן פּעטן, אַרוּמגעמאַרטשענדיקן בױך פֿון דער פּראָווינץ בוענאָס־אײַרעס. ביז דאָרט ציט זיך דער גרינגראָזיקער, שטילער פּאַמפּע־יאַם, אַ יאַם וואָס ווימלט ניט מיט פֿיש נאָר מיט פֿי. פֿון דאָרט, פֿון די שלאַנקע אײַנגוס־לענדן, נעמען זיך ציִען אױף אַראָפּ די פּאַטאַגאָנישע ענדגלידער פֿון לאַנד.

ס'איז ניט קײן גרענעץ צווישן אַ פּעטן בױך און אַ דאַרער פֿאָלקע, ס'איז ניט קײן פּאַרקן צווישן אָרעם און רײַך, נאָר צווישן צוויי מינים רײַכקײטן. די טאַליע פֿון ווײַסן אײַנגוס איז אַ גרענעץ־ליניע צווישן צאָפּנדיקן פֿלײש און ווײץ, און דאָרעמדיקן וואָל און נאַפֿט. צווישן בײַכיקן צאָפֿן און שלאַנקן דאָרעם איז אַרײַנגעשניטן אַ יאַם־צונג און אָט אױפֿן דאָזיקן אָקעאַנישן צונג ליגט אַ גרויסע שטאָט. זי ליגט אַביסל אָנמעכטיק און פֿאַרשלאָפֿן, און ס'דוכט זיך איר אָפֿט אַז דער יאַם שטעלט איר אַרוּים אַ צונג...

אַדמיניסטראַטיוו און געאָגראַפֿיש איז זי דער סאַמע ראַרעמדיקסטער רעזערוואַר פֿון בײַכיקן צאָפֿן, אָבער אינדערעמעסן ציט איר צו דאָרעמדיקער זעלבשטענדיקײט. טוט זי פֿויל צאָפּנדיקע צווייטראַנגיקע אַרבעט און בענקט נאָך דאָרעמדיקער גרויסקײט און ערשטראַנגיקײט...

2

ס'איז אַ ראַנד־שטאָט וואָס בענקט נאָך צענטרישקײט, נאָך הויפּטשטאָטישע פֿונקציעס, נאָך אַ באַזונדערן זכות, נאָך אַן אײגענעם הינטערלאַנד. דאָס זײַנען ניט סתּם קײן כאַ־

לוימעס פונעם טיף „איבער באבע יאכנעס דאך איז א קו געפלויגן". די שטאט האט הויפטשטאטישע מעגלעכקייטן און ס'איז פאראן פאר איר א הינטערלאנד, אבער פון די זאכלעכע כאלוימעס אירע קלעפט זיך נאך דערווייל ניט אויס קיין ווירקלעכקייט. די כאלוימעס זיינען טאקע מאמאשעסדיקע, אבער די ווירקלעכקייט איז נאך אלץ א פארכאלעמטע...

אין דער שטאט לויפן זיך צונויף די שטאל־אדערן פון א צענדליק באן־ליניעס און זי שפארט זיך אן אפן וואסער מיט גאנצע דריי פארטן: צוויי ציווילע און א מיליטערישן, אבער איר ברייטפארנעמיקייט איז ווי א מונדיר פון א גיגאנט אף א קארליקל. גוטע מענטשן זאגן אז דאס קארליקל איז ניט אזוי א קארליקל ווי א קינד וואס וועט נאך אויסוואקסן און וואס וועט נאך פאראדירן אין מונדיר. לויט די יארן האט שוין דאס קינד געמעגט זיין א דערוואקסנס, אבער ווען מען איז געניגט אויסצולייגן אלץ צום גוטן, קען מען זאגן אז ס'איז פאראן אין דאזיקן קארליקל אזא מין ווונדערקינדישקייט וואס לאזט אים ניט וואקסן צו גיך.

פון די דריי פארטן איז בלויז דער מיליטערישער פול מיט קאך, יאריד און הארמידער. ער פיפקעט פון ווייטן זיינע אן א שיר שיף־ און פאבריק־קוימענס, און לאזט קיינעם ניט צו צו זיך. אין די איבעריקע צוויי פארטן הערשט אייביקער שאבעס. זיי ליגן פראנק און פריי אף גאטס באראט, באטש נעם און טראג זיי אוועק. עס דוכט זיך אויס ווי עמעץ וואלט זיי פארלוירן אפן ברעג פון יאם און אז ס'געפינט זיך אפילע ניט קיין באלן וואס זאל זיי אויפהויבן.

דער וויכטיקסטער פון די צוויי פארטן — אינזשעניער ווייט, — זעט אויס ווי געליימט. ס'איז דארט שטיל ווי אין אן אויער. די הויבקראנען מיט די פארריסענע ארעמס גליווערן אינדערלופטן און די ריזיקע אייזערנע הויבערס וואס הענגען אף זייערע קייטן זעען אויס ווי איבערגעקערטע פראגע־צייכנס. דער אנטשוויגענער ארום ענטפערט ניט אף די אייזערנע פראגעס מיט קיין פארט־גרילצערייען און סירענע־פייפערייען. אויך די כוואליעס ענטפערן ניט; אן פאטשעריען און שפריצערייען גייען זיי אויס פאמעלינקעם אונטער די בעטאן־ווענט פון די דאקן. אפילע קיין מעוועס שערן ניט די לופט און אפילע וואראבייטשיקלעך קומען ניט אויפזוכן א פארלוירענעם קערנדל. בלויז די זון סארפעט דעם זשאווערדיקן פארט און פרעגלט אים אף ריינער שטילקייט... דער האפן זעט אויס ווי אן אויפגעזאמל פון גראנדיעזע פארט־דעקאראציעס, וואס אט־אט וועט מען זיי צענעמען...

און גראד אין דאזיקן פארט געפינען זיך די גרעסטע טוווע־

שפילערס פון ארגענטינע. הויכע, צענגארנדיקע ברויט־טורעמס הויבן זייער צעמענטענע מאסיווקייט אין די הייכן און צעשפרייטן זייערע געדרייטע בלעכענע אָרעמס ביז צו די סאמע אנלאדונג־דאכן. א העלפט ווייץ־שעפע פון דער אויבערשטער בייכיקער פּראווינץ פלעגט זיך פונאנדערשיטן איבער דער וועלט דורך די דאזיקע ברויט־טורעמס, אבער איצט איז קיין ברויט ניטא. אט איז א בראזיליאנער שיף, וואס איז מיט א פוסטן מאגן געקומען אנעסן זיך מיט ארגענטינער ווייץ, אבער זי מוז צוריק אוועקפירן איר פוסט־מאגנדיקע קלעמעניש...

אבער אפילע אין בעסערע ווייץ־צייטן איז דער פּארט האלב־געליימט, ווייל יארנלאנגע פאליטיש־עקאנאמישע ניט־פארגינערישקייטן האבן אוועקגענומען דאס כּיעס פון די דאזיקע ברעגן. דערפאר בענקט די שטאט נאך אן אייגענעם הינטערלאנד, און דאס דאזיקע הינטערלאנד געפינט זיך טאקע א שפאן פון דער שטאט. דאס איז די טעריטאריע פון לא פאמפא וואס האט ניט קיין אייגענעם אויסגאנג צום יאם און וואס איז אקערשט דערהויבן געווארן צו א פּראווינץ.

די דאזיקע פאמפא־פּראווינץ גייט אויס נאך אזא הויפּט־שטאט ווי באהיא בלאנקא, און באהיא בלאנקא כאלעשט נאך אזא פּראווינץ ווי לא פאמפא. ס׳איז די הארמאנישסטע געאגראפישע באשערטקייט וואס קען נאר געמאלט זיין, אבער ניט אלעמאל וויקלען זיך אויס סיטואציעס לויט דער ליניע פון באשערטקייט, גערעכטיקייט און לאגיק.

איז באהיא בלאנקא דערווייל א קראד וואס קען נאך ניט אויסנוצן איר איינגעבוירענע הויפּטשטאטישקייט, אבער דערווייל האט זי כאטש געקומען אפּרייסן בא לא־פּלאטא אוניווערזיטארישע כשיועס. זי האט אויסגעקעמפט א פּאר פאקולטעטן און זי טורעמט אף אימפּאזאנטע רושטאוואניעס א טעכנאלאגישן אינסטיטוט פאר גאנץ דארעם־ארגענטינע.

וואס שייך בילדונג און געלערנטקייט, ווייל די שטאט קאנקורירן מיט דער אילוישער קארדאבא. אט גיט זי אייך א ווייז איר ריוואדאוויא־ביבליאטעק — די גרעסטע ארגענטינער פאלקס־ביבליאטעק, וואס לייט אויס אהיים אריבער זיבעציק טויזנט בענד. זי היט אפ אייפערדיק איר אויטאנאמיע און ווערט אויסגעהאלטן פון פאלק. זעלטן ווו מען קען געפינען אזא פאכמענישע ארגאניזאציע, אזא אקאדעמישן קאטאלאגן־סיסטעם, אזוינע מאלכעסדיקע שטודיר־זאלן, אזא אטמאספער פון געלערנטקייט. אט עלטערט זיך נאך אף א ראג דאס קאפע־הויז, וואס דער ארגענטינער שאלעם־

אַליבעם, — ראָבערטאָ פּאירא, האָט באַשריבן אין זײַן קאָסרילעווקער „פּאַגאַ טשיקאָ, אינפּיערנאָ גראַנדע". אָט איז דער פּאַלאַץ פון דער גרויסער צײַטונג „נועווא פּראָווינסיאַ" וואָס איז געלעגן אין הינערפּלעט אין די צײַטן פון דער דיקטאַטור. אָט איז דער גרויסער גרופּן־מאָנומענט פאַר ריוואַדאַוויאַן אין צענטער פון שטאָטישע הויפּט־פּלאַץ, און אָט דערשײַנט אַ זאַך אַף וועלכער מען האָט זיך אינגאַנצן ניט געריכט...

3

אַז מען גייט אַרויף אַפן שטאָטישן הויפּט־פּלאַץ, באַגעגנט מען זיך אינגאַנצן אומגעריכט מיט אַ יידישן סיורפּריז, מיט אַן אינטענסיווער יידישער איבערלעבונג.

אין דער שטרענגער סוויווע פון מאַיעסטעטיש־שטאָטישער אָפיציעלקייט, צווישן קלויסטערס און רעגירונגס־ביניאַנים, גיט מיטאַמאָל אַ לויכט אַרויס, פון סאַמע הויפּט־פּלאַץ, דער יידישער סיורפּריז — אַ ווײַסער יידישער מאָנומענט. דער סיורפּריז ווערט נאָך מער סיורפּריזפולער ווען פונעם ווײַסן מירמלשטיין קוקן אײַך אַרײַן גלײַך אין די אויגן די גרויסע, דרײַסטע יידישע אויסיעס, געגאָסענע אין בראָנז: „באַראָן הירש".

אין 1928, ווען די שטאָט פון ווײַסן אײַנגוס איז אַלט געוואָרן 100 יאָר, האָט די באַהיאַ־בלאַנקער יידישע קאָלעקטיווי־טעט אויפגעשטעלט דעם דאָזיקן מאָנומענט לעזייכער פון דער דאַטע. פון איין בראָנזענעם מאָנומענט־טאָוול שײַנט אַראָפּ דאָס באַקאַנטע באַראָנישע פּאָנעם, און אַף אַ צווייטן — גיט אַ יידישער אימיגראַנט אַפּ שאָלעם אַ קריאַזשאַ בען גאָוטש. די איבעריקע צוויי ווענט פון מאָנומענט, וואָס האָבן אויך געזאָלט באַטאָוולט ווערן מיט בראָנז, זײַנען אינגאַנצן נאַקעט, ווײַל ווי מען גיט איבער, האָט אויסגעפעלט אַפּויטיקע אַף צו פאַרדעקן די נאַקעטקייט. איז טאַקע פאַרדראָסיק די דאָזיקע האַלב־נאַקעטקייט, וואָס נעמט זיך פון אַ מעשונעדיקער קאַמצאָנעם, פון ניט קענען באַהויכן נאָך צוויי בראָנזענע טאָוולען. דאָס איז אויך אַ שטיקל סיורפּריז...

דער אַנגענעמער סיורפּריז ווערט אָבער נאָך אַנגענעמער ווען מען באַמערקט אַז אַפן הויפּט־פּלאַץ זײַנען פאַראַן בלויז דרײַ מאָנומענטן: דער ריוואַדאַוויאַ־מאָנומענט אין צענטער, אַן ענגלישער מאָנומענט — פון איין זײַט, און דער יידי־

שער מאנומענט — פון דער צווייטער זייט. ארגענטינע צווישן ענגלאנד און „יידנלאנד" — אזא איז דאס דרייפעלקערדיקע בילד אפן באהיא־בלאנקער הויפט־פלאץ. די מאנומענטן פון אלע איבעריקע קאלעקטיוויטעטן, אריינגערעכנט שפאניער, איטאליענער און אפילע אראבער, זיינען צעווארפן איבער פארשיידענע פארקן, ווייט פון צענטער.

זינט דער יידישער מאנומענט איז אויפגעקומען, איז ער געווארן דער שטענדיקער שאס־ציל פון נאציאנאליסטישע אלקיטראן־באמבעס און קיין איין יידישע פערזענלעכקייט האט נאך ניט געכאפט אזויפיל קלעפ ווי דער באהיא־בלאנקער בראנזענער באראן הירש. דער מאסיווער יידישער מאנומענט, מיט זיין קייט מירמלנע מאגן־דאווידלעך און מיט זיין ווייסער קויל אויבן, האלט אבער אוים און ס'פעלט ניט קיין קויצוי־שעל־יוד פון די צען יידישע אויסיעס.

א קונסט־קריטיקער, א שטיקל סנאב, האט פארגליכן דעם אויסזען פון מאנומענט צו א פלעשל אניס, אבער די איבעריקע צוויי מאנומענטן האבן בא אים נאך ערגער אפגעשניטן. קיין שום קונסט־קוואליפיקאציע, ווי אומגינסטיק זי זאל ניט זיין, קען אבער ניט שטערן די עמאציע וואס עס רופט ארוים דאס בעקאוועדיקע יידישע דערשיינען אף אן ארגענטינער גרויסשטאטישן הויפט־פלאץ.

איז טאקע זייער אנגענעם צו שפאצירן אפן באהיא־בלאנקער שטאט־פלאץ און צוצוקוקן זיך צו זיינע „דריי גרויסע": ארגענטינע, ענגלאנד און... באראן הירש... נאך טשיקאווער איז צוצוקוקן זיך ווי אזוי די יידישע באראן־אויפשריפט קוקט זיך שטאלץ איבער מיט דער אויפשריפט „אווע מאריא" אף איינעם פון די דערבייאיקע קלויסטערס...

נאַפּט אין פּאַלערמאָ

די יוביל-אויסשטעלונג פון אַרגענטינער נאַפּט

ביאָגראַפיע פון אַרגענטינער נאַפּט. וואָס איז נאַפּט און פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? טויט און לעבן. ביידע וועלט־סיסטעמען אַף דער אויסשטעלונג. ווו געפינט מען די 20 מעלוכעס? מער קאָקאַ־קאָלאַ ווי נאַפּט. די אַרגענטינער פּאַוויליאָנען האָבן וואָס צו זאָגן, אָבער צי זאָגן זיי אַלץ? דער סאָוועטישער פּאַוויליאָן — אַ העלפאַנט וואָס מען האָט געפּרוווט פאַרשפּאַרן אין אַ מויז־לאָך. סאָציאַליסטישע נאַפּט־כאָכמע. דער ראַטנפאַרבאַנד קען באַשיידן אַלע אַרגענטינער נאַפּט־רעטענישן.

1

דער אַרגענטינער נאַפּט איז אין יאָר 1908 געבוירן געוואָרן אין קאָמאָדאָראָ ריוואַדאַוויאַ.

אַף זײַן אויסשטעלונג האָט מען נאָר געקענט זען דעם אַל־מיטשקן הילצערנעם געשטעל, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אַרויפגעבראַכט אַף דער ליכטיקער שײַן די דאָזיקע וווּנדער־לעכע און פאַטאַלע פליסיקייט. דער זקיינישער ראָמאַנטישער געשטעל, דער דאָזיקער ערשטער בראָד־שטול פון אַרגענטינער נאַפּט, האָט אויסגעזען ווי אַ קעסטעלע פון שוועבעלעך קעגן אַ געפּאַנצערטער פײַער־קאַסע, אין פאַרגלײַך מיט די מאָדערנע עגבער־טורעמס, בויער־פּלאַטפאָרמען און דרעל־מאַשינען, מיט וועלכע מען נאָרט אַרויס דעם נאַפּט פון זײַנע טיפע ערד־באַהעלטענישן.

דער יונגער אַרגענטינער נאַפּט איז יינגער פאַרן עלטסטן וועלט־נאַפּט אינגאַנצן מיט 50 יאָר. דאָס קען מען אָבער זאָגן בלויז וועגן „ציוויליזירטן" נאַפּט, וועגן דעם נאַפּט

פון דער אויבערפלאך. דער עמעסער עלטער פון אונטער־ערדישן, רויען נאפט גרייכט צו הונדערטער טויזנטער און צו מיליאנען יארן.

די אויסשטעלונג האט זיך פארטיפט אין דער אור־געשיכטע פונעם נאפט, קעדיי צו באווייזן אז די שווארצע, פעטע פעטראל־אויצרעס זיינען ניט קיין „געשאנק פון דער נאטור", נאר פארפליסיקטע ביים־אוילעמס פון פרעהיסטארישע באשעפענישן.

פונקט ווי די אוראלטע וועלדער האבן זיך פארוואנדלט אין שטיינקוילן, אזוי האבן זיך די אוראלטע באשעפענישן פארוואנדלט אין נאפט. זייערע רעשטן, פארפליסיקטע אין בעמישע פארבינדונגען פון וואסערשטאף און קוילן, האבן זיך בעמעשעך פון הונדערטער טויזנטער יארן פילטרירט אלץ טיפער און טיפער אין די ערד־שיכטן, ביז זיי זיינען אנגעקומען צו אזויגע אומדורכדרינגלעכע גראניט־פלאסטן, וואס האבן זיי פארשפארט פון אלע זייטן. אזוי ארום האבן זיך אויסגעבילדעט אין די טיפענישן נאפט־ביטלען, וואס אייניקע פון זיי זיינען אזוי ריזיק, ווי די גרעסטע אזיערעס. אין סאודי־אראביע, לעמאשל, האט מען זיך דערגראבן צו א נאפט־ביטל פון 60 קילאמעטער די לענג אף 15 די ברייט און אף 3 די טיף.

דער גרעסטער טייל נאפט־ביטלען ליגט אונטער א צודעק פון איבער 20 פארשיידענע ערד־שיכטן. זיי זיינען פארפאנצערט אונטער 20 פארהארטעוועטע הויטן, און אט די דאזיקע 20 פארשיידענע טפיסעס דארף מען געדולדיק און פינקטלעך דורכבויערן אף א טיף פון 4 אדער מער קילאמעטער. שפעטער דארף מען דעם באפרייטן נאפט ארויפפאמפען אינדערהויך, ראפינירן און פאראיידעלן, קעדיי ער זאל קענען נעמען דרייען ווי געהעריק די רעדער פון דער פראדוקציע און פון דער אימפעריאליסטישער וועלט־פאליטיק...

טויזנט מיליאן קובישע מעטער נאפט ווערן ארויסגעצאפט יאר־יערלעך פון די גרויסע און קליינע נאפט־ביטלען. און ניט נאר אף טעכנישן און פאליטישן ברענשטאף ווערן פארנוצט די דאזיקע אויסגעגראבענע נאפט־שטארמען; מען פארוואנדלט זיי אויך אין אן א שיר אנדערע פראדוקטן, ארייננגערעכנט פערפומען...

צי האט מען זיך געקענט וואן ניט איז פארשטעלן, אז טויטע, צעלייגטע גופים וועלן, מיליאנען יארן נאך זייער טויט, שפילן אזא ראל אין אונדזער מאדערנעם לעבן?

2

ניט נאר די ערד און דער יאם־איינגוס פון קאמאדארא ריוואדאוויא געבוירן נאפט, נאר אויך נעוקען, סאלטא, מענדאסא. ארגענטינע האט עטלעכע פעטע אנגעשטאפטע נאפט־ביטלען, אף אזוי וויט אז די אינטערנאציאנאלע נאפט־פיראטן נייען א ביטל אפן ארגענטינער נאפט...

די נאפט־אויסשטעלונג האט זיך פארמאסטן צו ווייזן די ביזאיצטיקע אויפטוען פונעם לאנד אפן נאפט־געביט, אבער עפעס איז געווען אזוי פארדעכטיק שטיל ארום איר. א פארשווערונג פון שטומשווייגעניש האט געהערשט סיי אין דער פרעסע און סיי אין ראדיא, עפעס אזוי ווי געהיימע קויכעס וואלטן געוואלט אפטיילן דאס פאלק פון דער אויסשטעלונג און פארשלעפערן דעם אויפוואכנדיקן נאפט־באוווסטזיין פון די מאסן. און עפשער האט מען ניט געוואלט, אז די פאלקסמענטשן זאלן זיך באגעגענען מיטן סאוועטישן פאוויליאן, וואס האט פארכאפט אן אויג און האט געמאכט אונטערטעניק צו זיך די גאנצע אויסשטעלונג, מיטן ווייזן די גראנדיעזע אויפטוען פון דער סאציאליסטישער טעכניק...

און אט זיינען מיר פאנעם־על־פאנעם מיט דער אויסשטעלונג. באם אריינגאנג שפילט זיך א פאלערמא־ווינטל מיט די מעלוכע־פאנען פון איבער 20 לענדער, אבער אז מען גייט אריין אינעווייניק, געפינט מען ניט די 20 מעלוכעס. האט זיי דאס ווינטל ווו אוועקגעטראגן אדער באהאלטן?

געפינען געפינט מען נאר די פאוויליאנען פון ארגענטינע און פון ראטנפארבאנד. צווישן די דאזיקע 2 מעלוכע־פאוויליאנען זיינען פונאנדערגעשאטן פריוואט־קאמערציעלע שטעלעכלעך און געשטעלעכלעך פון קאל־האמינים סכוירעס. פון איין זייט — ארגענטינישע און ראטנפארבאנדישע מעלוכע־מאיעסטעטישקייט, פארנעם, נאציאנאלער שטאלץ, קאלעקטיווער פארמעסט; פון דער צווייטער זייט — פריוואטע צעברעקלטקייט, אייגננוץ, קליינקייט, פראפיט־דורשט, קאמערציעלע רעקלאמע פון א פאר הונדערט פירמעס, ארגענטינישע און אויסלענדישע.

ווו איז צאפן־אמעריקע? ווו איז דער פאנאמעריקאניזם? מען קען אבער פונדעסטוועגן ניט זאגן אז צאפן־אמעריקע איז ניטא. זי לאזט זיך הערן פון אלע זייטן מיט אירע פאנאמעריקאנישע קאקא־קאלא־לאזונגען. צענדליקער טרובאדורן און העראלדן פון קאקא־קאלא פארהילכן די אויערן... אזוי ווי סטאנדארד־איל איז דאן אין קאעם געווען אף ארגענטינע, האבן די פאראייניקטע שטאטן ניט געקענט אנטייל נעמען

אין דער אַרגענטינער נאַפט־אויסשטעלונג מיט קיין אַנדער נאַפט־פּראָדוקט ווי מיט קאָקאַ־קאָלאַ...

אַ פּאָר פּיליאַלן פון צאָפן־אַמעריקאַנער פירמעס, ווי „עסאָ" און „קאַטערפּילאַר", שטעלן פונדעסטוועגן אויס די פּראָדוקטן פון זייער קאָמערציעלער גירעקייט (אין דאָלאַרן...)

די איינציקע אויסלענדישע מעלוכע, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ פּאַוויליאָן און געהאָלפן באַווירדיקן די אויסשטעלונג, איז דער ראַטנפאַרבאַנד; ניט צוליב רעקלאַמע און סאָכרישע קאַלקולאַציעס, נאָר מיטן אָנבאָט פון ברידערלעכער הילף (ניט אין דאָלאַרן...) די 2 פאָנען וואָס פלאַטערן איבערן סאָוועטישן פּאַוויליאָן, די אַרגענטינישע און די ראַטנפאַרבאַנדישע, זיינען די איינציקע 2 עמעסע פאָנען פון דער אויסשטעלונג. די איבעריקע פאָנען זיינען ניט מער ווי שפּילציייג פאַרן מילדן פּאַלערמאָ־ווינטל...

ס'איז אַן אויסשטעלונג מיט 2 פּנעמער. פון איין זייט — די פּאַקטישע נאַפט־אויסשטעלונג אין די פּאַוויליאָנען פון אַרגענטינע און פון ראַטנפאַרבאַנד; פון דער צווייטער זייט — אַ סאָכרישער יאַריד, אַ האַנדל־וואַנדל־טומל אונטער די אַקאָרדן פון קאָקאַ־קאָלאַ, אַ הו־האַ וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט נאַפט און מיט דער באַשיידונג פון אַרגענטינער אָנגעווייטיקטע נאַפט־פּראָבלעמען.

3

די געשמאַקפולע אַרגענטינער פּאַוויליאָנען זיינען פול מיט עקספּאָנאַטן פון פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער.

דיאַגראַמעס, פּלאַכע און פּלאַסטישע מאַפּעס, באַוועגלעכע ערד־קוילן, אויפגעשניטענע ערד־איינגעווייטן, באַפאַרבענע ערד־פּלאַסטן, מאַקעטן און פונקציאָנירנדיקע מאָדעלן פון די פּרעציזסטע אַפּאַראַטן, באַמיִען זיך אויפצוקלערן אַף טריט און שריט די געאָלאָגישע, טאָפּאָגראַפישע און טעכנאָלאָגישע באַכמע פון „דערטאַפּן" און אַרויסקריגן נאַפט.

צאַפּלדיקע נעאָן־פייערן טויכן אויף מיט אַן עלעקטרישן קנאַק און ווייזן באַשיינפערלעך ווי אַזוי עס קאָמבינירן זיך די אַטאָמען פון קויל און וואַסער־שטאָף אין די וויכטיקסטע פּעטראָל־שטאָפן.

טאַנצנדיקע מיניאַטור־לעמפּעלעך אַף אַ וועלט־מאַפּע דערציילן ווו און וויפל נאַפט עס ווערט פּראָדוצירט אַף אונדזער פּלאַנעט און הונדערטער לעמפּעלעך אַף אַן אַרגענטינער ריזן־מאַפּע ווייזן די צאָל נאַפט־ברינעמער אין לאַנד. די דאָ־

זיקע מאַפּע זעט אויס ווי אַן אויסגעשטערנטער הימל, און קוקנדיק אַפן דאַזיקן ליכטיקן „אויסשיט”, כאַפּט מען זיך ערשט ווי רײַך מיר זײַנען אַפילע איצט, ווען מיר זײַנען נאָך אַזוי אָרעם... דער ווונק פון די דאָזיקע לעמפּעלעך גיט צו פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס אינטערנאַציאָנאַלע אויל-מאַגנאַטנטום וויל אַרײַנשטעקן אַ פּוס אין אַרגענטינע...

מען זעט אויך דאָס האָב און גוטס, וואָס אי. פּע. עפּע.*) האָט אָנגעלעבט, מיט אירע באַשיידענע מיטלען, אין 5 יאָרצענדליקער: אַן אייגענעם פלאָט פון טאַנקשיפן, ציסטערנעס, רעפינעריעס, אינסטאַלאַציעס און פאַרשיידענע אַנדערע „געשיר” פון פולער נאַפט-באַלעבאַטישקייט. מען באַקומט אויך אַן אָנונג וואָס ראַדאַר איז און ווי אַזוי עס קלאַפּן די בליציקע טעלעקאָמוניקאַציעס.

אינדרויסן אַרבעט אַן עמעסער בויער-טורעם, וואָס רײַסט זיך מאַיעסטעטיש אין די הימלען און גראָבט טיף אין דער ערד, אָבער דאָס איז ניט מער ווי אַ געהילף-טורעמל פאַר פלאַכע נאַפט-ברינעמער פון קוים 1.000 מעטער די טיף...

קעדיי צו געבן אַ פולן געשיכטלעכן בילד פון דער ערד און פון מענטשלעכן פּראָגרעס, ווערט נאָך אַף דער אויסשטעלונג געוויזן די אַנטשטייונג פון אוניווערס מיט 5.000 מיליאָן יאָר צוריק און די שפּעטערדיקע עטאַפּן, ביז צו די צווישנקאָנטינענטאַלע ראַקעטן און צום ספּוטניק. אַפן בעשבן פונעם נאַפט האָט מען שוין אויך געוואָלט באַווײַזן די ברעקלדיקייט פונעם מענטשן און די גראַנדיעזקייט פון זײַנע אויפטוען...

מען זעט, אַגעוו, אויך דעם יענקישן „וואַנגוואַרד”, ווי ער גרייט זיך צו זײַן שטאָלצן שפּרונג אין די העכערע הויכן. ווי אַזוי ער האָט שפּעטער געפּלאַצט — דאָס דאַרף מען זיך שוין אַליין פאָרשטעלן... פאַרבײַגייענדיק דערוויסט מען זיך, אַז אויך אַרגענטינע האָט שוין אַן אייגענעם ראַקעט, וואָס פליט אַף אַ מעהאַלעך פון 10 קילאָמעטער, מיט דער שנעלקייט פון 200 מעטער אין אַ סעקונדע...

אין אַנדערע זײַטיקע מעלוכע-פּאַוויליאָנען זעט מען די אַרגענטינער קריגס-אינדוסטריע. עס רופט די אויפמערקזאַמקייט אַ זעקס-רעדריקער האַרמאַט, מאָנטירט אַף אַ טאַנק, וואָס כאַפּט דעם אָנבליק פון אַ סאָוועטישער „קאַטיושאַ”. אויך די אוויאָנען-אינדוסטריע נעמט זיך שטעלן אַף די פיס אין קאָרדאָבאַ.

מיט איין וואָרט — אַרגענטינע האָט אַלץ צו ביסלעך,

---

*) ראָשע-טייווס פון „מעלוכישע נאַפטקוואַלן”

אָבער דאָס אַלץ וואָס זי האָט צו ביסלעך, קען זי האָבן אַסאַך. איז טאַקע פֿאַרדריסלעך וואָס זי קען און זי האָט ניט, ביפֿראַט אַז נאַפֿט קען זי האָבן פּונקט אין אַזאַ שעפֿע ווי ווייץ און ווי רינדער...

די לאַגע איז אָבער אַזאַ, אַז מער ווי אַ העלפֿט פֿונעם נאַפֿט, וואָס זי דאַרף פֿאַר איר ענערגעטישער אויסקומעניש, מוז זי אַרײַנפֿירן פֿון דאָלערדיקן אויסלאַנד. און טאָמער איז עס נאָך ווינציק, לויערן די אינטערנאַציאָנאַלע פּעטראָל־באַנדיטן אַפֿן אַרגענטינער נאַפֿט־באָדן און ווילן אים אַרײַנשפּאַרן צו זיך אין וועסטל־קעשענע.

ווען די דאָזיקע 2 גרונט־פּראָבלעמען שווײַגט די אויסשטעלונג, אָבער זיי שוועבן אַלץ איינס אַרום ווי 2 שוואַרצע רויבפֿייגל איבער אַלע סטאַנדן און עגבערן זיך אַרײַן אינעם געמיט.

ווי אַזוי זאָל מען קענען שעפּן דאָס וואָס מען האָט בעשעפֿע און ווי אַזוי זאָל מען זיך ראַטעווען פֿון דער דאָלערדערשטיקונג? — דאָס זײַנען 2 ברענענדיקע פֿראַגן, וואָס ברענען שוין זינט יאָרן און ברענען אויס טיפֿע לעכער אינעם ווײַלזײַן פֿון אַרגענטינער פֿאָלק.

אַף די דאָזיקע שווערע פֿראַגן זײַנען פֿאַראַן לײַכטע און קלאָרע ענטפֿערס. אַף די דאָזיקע ענטפֿערס דאַרף מען זיך ניט ברעכן דעם קאָפּ און מען דאַרף זיי ניט זוכן אין האַצעפּלאַץ. זיי זײַנען פֿאַראַן אַף דער אויסשטעלונג גופֿע. זיי ליגן ווי אַף דער האַנט, אַף איין שפּאַן בלויז פֿון די פֿראַגעס, און געפֿינען קען מען זיי — אין סאָוועטישן פּאַוויליאָן.

4

דער סאָוועטישער פּאַוויליאָן איז פֿאַרוואָרפֿן אין אַ העק, אין אַלע אויסרײַסענישן, און פֿיגורירט אַפֿילע ניט אינעם אָפּגעדרוקטן פּלאַן פֿון דער אויסשטעלונג, עפּעס ווי עמעצער וואָלט געוואָלט אַז ער זאָל זיך צופֿיל ניט וואַרפֿן אין די אויגן און מען זאָל אים אַזוי לײַכט ניט געפֿינען...

אָבער וויפֿל מען זאָל ניט צווינגען דעם פּאַוויליאָן צו שפּילן זיך אין באַהעלטעניש, געפֿינט אים דער עולם גאָר שנעל און בלײַבט שוין דאָרט ווי צוגעשמידט. מען זעט ניט אינעם פּאַוויליאָן קיין אײנצלנע מענטשן, נאָר קאָמפּאַקטע גרופּעס, אין דער צײַט ווען איבער די איבעריקע סטאַנדן בלאָנקען אַרום יעכידים.

עס מאַכט דעם אײַנדרוק ווי דער צענטער פֿון דער אויס-

שטעלונג וואלט זיך פארקליבן אין א ווינקל. ווען די אויסשטעלונג וואלט געווען א שיף, וואלט זי זיך אויסגעבויגן אף איין זייט, צוליב דעם וואס קימאט די גאנצע מאסע, די גאנצע מענטשן-לאדונג, האט זיך איבערגערוקט אפן זייט פון סאוועטישן פאוויליאן...

כאטש דער פאוויליאן פארנעמט ניט קיין קליינעם שעטעך, איז ער אבער, אין פראפארץ צו די פריוואטע סטאנדן און צו די ריזיקע ארגענטינער פאוויליאנען, צו קליין און צו ענג. נעמענדיק אין אכט אז דאס איז א מעלוכע-פאוויליאן און אז דער ראטנפארבאנד האט אזויפיל וואס צו ווייזן און צו ווייזן, וואלט דער שעטעך געדארפט זיין לעכאלהאפאכעס דריי מאל אזוי גרויס. אבער אויך דא האט זיך קענטיק ארייַנגעמישט א ניט-פארגינעריש אויג...

עס זעט אויס ווי עמעצער וואלט געזאגט צום סאוועטישן העלפאנט: נאדיר א מויזן-לאך און שטיק זיך אין איר; אבער דער העלפאנט האט זיך פונדעסטוועגן אזוי אייַנגעארדנט אין דער ענגשאפט, אז אפילע אייַנגעקארטשעטערהייט זעט מען זיין טיטאנישע קראפט און זיין מעכטיקע מוסקולאטור...

5

2 אונטערשיידן צווישן דעם סאוועטישן און די ניט-סאוועטישע פאוויליאנען ווארפן זיך אין די אויגן.

דער סאוועטישער פאוויליאן איז ניט קיין גאלפאן, ניט קיין שנעל-צונויפגעשלאגענער שאלאש פון אומגעהובלטן האלץ און גערונצלטן בלעך, אזוי ווי די מערהייט פון די איבעריקע, נאר א ביניען פון סטילפולער עלעגאנץ און ארכיטעקטאנישער געשמאקפולקייט. ער האט אן אייגענעם סאוועטישן אויסזען, סייַ אין דרויסן און סייַ אינעווייניק, און אין זכום פון דאזיקן אויסזען, זעט די גאנצע אויסשטעלונג אויס שענער...

אויסער אלץ און אויסער דעם אינהאלטלעכן טאד זייַנעם, גיט דער סאוועטישער פאוויליאן א לעקציע פון עסטעטיק...

דער הויפט-אונטערשייד איז אבער אן אנדערער. די ניט-סאוועטישע טיילן פון דער אויסשטעלונג זייַנען סטאטישע, דרוזקע, קימאט בלויז באווייַזערישע. שווי-פענצטער, שווי-פענצטער, שווי-פענצטער, און הינטער די שווי-פענצטער — לאנגווייַליקע פענימער פון אויסגעסטראיעטע מידע מיידלער, וואס פרעגלען זיך אין דער נאכמיטיקדיקער היץ און וואס די קעפ און די טרוימען זייערע זייַנען אין מאר דעל פלאטא...

דער סאָוועטישער פּאַוויליאָן, אָבער, ספּעציעל זײַן הינ־טערשטער דרויסנדיקער טייל, איז פול מיט אַ מעטאַלענעם האַרמידער.

אומעטום — אַ טראַסקעריַי פון מאַשינען, פון הויבקראַ־נען, פון מעכאַנישע גראַבאַיַזנס. ריזיקע קאָמיאָנען מאַכן קאַזשעלקעס און „דרייען זיך אַפן קאַרעק". אינדערלופטן שוועבן און וויגן זיך, אַפן שפּיץ פון אומרויִקע פלינקע אינ־סטרומענטן, אײַזנס, קרוקעס, שטאַנגען, רידלען, צעבערס, רערן, בערוועגעס, קראַקוועס. כאַפּסט מיטאָמאָל אַ ציטער, ווײַל דו מיינסט אַז אָט וועט דיר אַזאַ מין פלויענדיקער אײַ־זערנער מעכאַניזם טרעפן אין קאָפּ אָדער אַ שנעל טאָן אין באָז, אָבער ווו דו זאָלסט ניט שטיין, טראָגט ער זיך קונציק פאַרבײַ אַ פּאָר סענטימעטער פון דײַנע אַנגעשפּיזטע ברעמען און פון דײַן אומזיסטער מוירע...

אין הינטערגרונט רײַסט זיך אין די הימלען אַ שלאַנקער סאָוועטישער נאַפט-טורעם מיט אַלע זײַנע קלאַפּערגעצײַג און שאַרפזיניק-אויסגעדריידלטע צוראַטן. מיט זיכערקייט און אַנטשלאָסנקייט קוקט ער אין דער הויך, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: ניין, קיין שום געטלעכע קראַפט און קיין שום באַוועל־אַקצידענט וועט ניט קענען צעמישן מײַן שפּראַד...

מען קוקט אַף די אַקראָבאַטישע שטיק פון די מעכאַניזמען אינדערלופטן און מען הערט זיך צו צום אָרקעסטער פון די פאַרשיידענע מאַשינען, וואָס שפּילן אויס, אַלע צוזאַמען, די סימפאָניע „נאַפט"... די „אינסטרומענטן" שפּילן און די „שפּילער" זיצן אין קליינע בודקעלעך, אַף די ריזיקע מאַשינען און גיבן בלויז אַ קוועטש פון צײַט צו צײַט אַזאַ אָדער אַן אַנדער קנעפּל...

אַרום און אַרום — אָפענע מײַלער, פאַרריסענע קעפּ, שמייכעלעך פון באַוווּנדערונג און קאָלעקטיווע אַנטציקונג. מען איז אַרײַן אַף דער אויסשטעלונג אַף אַ שאַ־צווייַ, אָבער מען ווערט פאַרפאַלן אַף 4 און 5, און נאָכדעם אַפילו כאַפּט מען זיך, אַז מען האָט נאָך ווייניק וואָס געזען.

שולדיק אין דעם איז דער סאָוועטישער פּאַוויליאָן...

6

דאָס אַלץ וואָס מען האָט ביז איצט געזען פון דרויסן פּאַ־וויליאָן געפינט זיך אין זײַן דרויסנדיקן טייל, אין אָפענעם, הינטערשטן הויף. אינעווייניק איז „אויך" דאָ וואָס צו זען...

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד האָט געקענט

באוויַיזן אַף זיַין ברעקל אַרגענטינער טעריטאַריע בלויז קליי־נע און מיטעלע מאַשינען. די מעטאַלענע ריזן פון דער סאָ־וועטישער מעכאַניק זיַינען ניטאָ, אָבער עס זיַינען פאַראַן אַ פּאָר מאָדעלן זייערע, אָדער בעסער געזאָגט מיניאַטורן, וואָס וויַיזן ניט נאָר ווי די גיגאַנטישע אָריגינאַלן זעען אויס נאָר אויך ווי אַזוי זיי אַרבעטן.

אַ מיניאַטור פון אַזאַ מין מעכאַניזם זעט מען אין אינע־וויניקסטן טייל פונעם פּאַוויליאָן. דאָס „מיניאַטורעלע" אַליין, וואָס זעט אויס ווי אַ נאָרמאַלע מעכטיקע הייב־מאַשין, שטייט ניט רויק, נאָר אַרבעט מאַיסים און דרייט זיך אַרוי־פיק און אַראָפּיק, אין אַלע זיַיטן, אין העסקעם מיט אַ פעסט־געשטעלטן אַרבעטס־פּלאַן.

דאָס איז אַ גראָב־מאַשין, וואָס טוט די אַרבעט פון פופצן טויזנט מענטשן. דאָס רידל אירס איז גרויס ווי אַ לאָד־קאַסטן פון גרעסטן קאַמיאָן, און אָט מיטן דאָזיקן „שופעלע" אָדער „צוקער־לעפעלע" גיט זי אַ גראָב אויס און אַ נעם מיט איין מאָל 20 קובישע מעטער ערד, און גראָבן קען זי ביז 35 מעטער די טיף... עס וויַיזט זיך אָבער אַרויס אַז אין ראַ־טנפאַרבאַנד זיַינען פאַראַן נאָך מעכטיקערע מאַשינען פון דעם מין...

אַ צווייטע מאַשין, אַ טורבאָ־גרעבער, וואָס זעט אויס ביז גאָר באַשיידן, קען אַרויסקריגן ערד־מוסטערן פון אַ טיף פון 3.000 מעטער...

אַרום די דאָזיקע יוסטע מאַשינען שוויבלט און גריבלט מיט „קליינוואַרג", מיט „קיַי־און־שפּיַי": 6פּאַזיקע טאַקער־מאַשי־נען פּאַר שטאָל, שנייַד־מאַשינען, צענדליקער פאַרשיידענע קאָמפּלעטן פון דעליקאַטע אינערלעכע מאַשין־צודאַטן, אַגרי־קולטור־מאַכשירים, עלעקטראָניִשע מיקראָסקאָפּן, אַ קייט מע־לעוויזיע־אַפּאַראַטן, 3 טיפּן אויטאָס, אַן אַ שיר מוסטערן פון פּאַטאָ־אַפּאַראַטן און... מער האָט שוין אין פּאַוויליאָן גאָר־ניט געקענט אַריַינגיין...

די מאַשינעריע צייכנט זיך אויס ניט נאָר מיט איר הויך־טעכנישער אויסטויגעוודיקייט, נאָר אויך מיט איר דרויסנדי־קער שיינקייט, אָפּגעטאָקטקייט און עלעגאַנץ. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז מאַשינען זאָלן קענען אַזוי שיין זיַין. אַפן ערשטן אויגנבליק גיט מען זיך אַ פרעג: זיַינען עס מאַ־שינען צי סקולפּטורן?...

פון די בראָנזענע וויזיט־קאַרטלעך אָדער געבורט־מעטרי־קעס, וואָס יעדע מאַשין טראָגט אַף זיך, ווינקען אַרויס צענד־ליקער ראַטנפאַרבאַנדישע שטעט: מאָסקווע און קוטאַיס,

גארקי און מינסק, כארקאָוו און וולאַדימיר, קיעוו און קראַ־מאַטאָרסקי, קאָוורעוו און סווערדלאָוו.

די סאָוועטישע שטעט ריידן אָבער צום אויליעם ניט נאָר מיט דער שפּראַך פון זייערע מאַשינען, נאָר אויך מיטן ברייטן שמייכל פון זייערע פּלעצער און בולוואַרן. עס זיינען אויסגעהאַנגען דריי־מעטערדיקע ריזן־פּאָטאָס פון די הויפּטשטעט פון די סאָוועטישע רעפּובליקן און אויך אַ פּאַנאָראַמיש בילד פון דער ערשטער עלעקטראָ־אַטאָמישער סטאַנציע הינטער מאָסקווע, וואָס איז די איינציקע וואָס אַרבעט אויסשליסלעך פאַר פרידלעכע צוועקן...

די אויסשטעלונג פּאַרלאָזט זיך אָבער ניט בלויז אויף די מאַשינען און בילדער. איבער אַ צענדליק צעשמייכלטע סאָוועטישע יאַטן, מיט סלאַווישע און אָריענטאַלישע פּנימער, גיבן דערקלערונגען אין אַ גאַנץ פיינעם שפּאַניש.

ס'איז אַ דעמאָנסטראַציע פון קראַפט, שיינקייט, איידלקייט און ליבנסווירדיקייט. ס'איז דאָ וואָס צו זען, וואָס צו הערן און וואָס צו פאַרגעדענקען...

7

טאָמער איז עס נאָך ווינציק, באַגעגענען אייך אויף טריט און שריט טאַבעלן מיט פאַרגלייך־סטאַטיסטיק, וואָס קאָמפּלעטירן געשיכטלעך דאָס בילד.

אין פאַרגלייך מיט די צייטן פון צאַרישן רוסלאַנד האָט זיך די שווערע אינדוסטריע פאַרגרעסערט אויף זעכציק מאָל. די אַלגעמיינע אינדוסטריע האָט זיך פאַרגרעסערט אויף דרייסיק מאָל.

פאַר די צאַרישע צייטן האָט נאַפט געטריפט טראָפּנווייז, און איצט, ווען די נאַפט־קוואַלן געפינען זיך אין די הענט פון פאָלק, איז פאַראַן איבערגענוג פאַר זיך אַליין און מען קען נאָך באַזאָרגן מיטן דאָזיקן מאַשינען־געטראַנק אַ האַלבע וועלט.

מיט איבער 40 יאָר צוריק האָט דאָס אַלטע רוסלאַנד אימפּאָרטירט די סאַמע איינפאַכסטע מאַשינען; איצט, איז די סאָציאַליסטישע מעלוכע גרייט דורך איר אָרגאַניזם „מאַשינ־עקספּאָרט", צו מעכאַניזירן מיטן שענסטן און מיטן בעסטן אַלע לענדער פון דער וועלט, אויף אַ פריינטלעכן, אומדאַלערדיקן אופן...

פאַר די וואָס האָבן נאָך ביז איצט ניט באַנומען ווי געהעריק די אַרגענטינער נאַפט־סיטואַציע, גיבן זיך מיטאַמאָל

אַ שטעל אַוועק אַף דער אויסשטעלונג, קלאָרע סאָוועטישע ענטפערס אַף די 2 פּײַנפולע נאַפט־פראַגעס.

אַף דער פראַגע: „ווי באַוואָרנט מען דעם אַרגענטינער נאַפט קעגן דער גיריקייט פון די אינטערנאַציאָנאַלע נאַפט־באַנדיטן?", ענטפערט די 40־יאָריקע סאָוועטישע דערפאַרונג: „די אַרגענטינער נאַפט־קוואַלן — בלויז און אויסשליסלעך אין די הענט פון אַרגענטינער פאָלק!".

אַף דער פראַגע: „ווי קריגט מען אַרויס די נאַפט־אויצרעס פון דער ערד, אַן דער הילף פון די דאָזיקע באַנדיטן?", ענטפערט „מאַשינעקספּאָרט": אַליין מיט דער הילף פון דער מעכטיקער מאַשינעריע, וואָס די סאָציאַליסטישע לענדער זײַנען גרייט צוצושטעלן, אַן פּאָליטישע הינטער־געדאַנקען און אַן דאָלערדיקע באַוואָרענישן".

די דאָזיקע איינפאַכע ענטפערס זײַנען עפשער צו פּאַשעט אָדער צו „סאָציאַליסטיש" פאַר אַ געוויסער טראַדיציאָנעל־אַרגענטינישער קרומקעפּיקייט, אָבער דאָס זײַנען היסטאָרישע גרונט־ענטפערס, און דאָס פאָלק וועט זיי דערהערן!

8

מיטן געפיל פון האָבן בלויז אַ קוק געטאָן און ניט געזען אַלץ גרינטלעך, גייט מען אַרויס פון סאָציאַליסטישן פּאַוויליאָן.

אַרום און אַרום צאַפּלען זיך די עלעקטרישע ליכטס פון די רעקלאַמע־פײַערן און עס טראָגט זיך די גרילצערײַ פון די פּאָקאָ־קאָלאַ־אויסרופן. מען פאַלט ווידער אַרײַן אין אַ וועלט פון ביליקייט, פון אימיטאַציע, פון שווינדל...

מען פילט ווי איבער די שטילע, פאַרשלעפערטע אַרגענטינער פּאַוויליאָנען שוועבט אַרום די פּײַנלעכע נאַפט־פראַגע: וואָס וועט זײַן, וואָס וועט זײַן?, אָבער פון שטענדיק־וואַכן, שטענדיק־פאַרהאָוועטן סאָוועטישן פּאַוויליאָן הילכט דײַטלעך אַרויס דער ענטפער און די טרייסט:

ניט געדײַגעט!

דער אויפקום פון
אַ קינדער-טעריטאָריע
(צו דער געשיכטע פון „זומערלאַנד")

צײַט און געשיכטע

ווען מען וואלט מיט 10 יאר צוריק געבראכט א ווילד־פרעמדן מענטשן אין „זומערלאנד" און געוויזן אים דעם נײַעם געזעלשאפטלעכן סיידער וואס האט אנגעהויבן צו הערשן אין אלטן עקס־מאגנאטישן גוט, וואלט ער מיסטאמע גלײַך א שאט געטאן מיט אזוינע שײַלעס: צי קען מען ווײסן אין וועלכער צײַט איר לעבט? וואס איז דאס פאר א מין איבערקערעניש בא אײַך? אין זכות פון וועלכן סאציאלן אכרים־האיאמים איז ארײַנגעפאלן צום איקוף אזא פריצישער מאיאנטעק?

וואלט מען אים בארויקט און פארזיכערט אז עס גייט נאך די אלטע צײַט. מען וואלט אים אבער אויפגעקלערט אז דער איקוף האט זיך מאקדים געווען, צוגעאײַלט זיך און פארלאפן דעם וועג, קעדיי מיט אייגענע מיטלען צו טאן אכרים־האיאמימדיקע ארבעט...

מען וואלט אים אויך דערציילט אז דאס איצטיקע „זומערלאנד" איז ניט סטאם א פריצישער מאיאנטעק, נאר געוועזענע דײַטשישע טעריטאריע און אז דער איקוף האט אזוי ארום ניט נאר סאציאליזירט א פריצישע נאכלע נאר אויך פארייִדישט א דײַטשע שטיק ערד. פונקט ווי מען האט אין די ערשטע לעבנסטעג פון ייִסראעל פארוואנדלט די דארטיקע דײַטשע קאלאניע סאראנא אין א ייִדישער האקיריא, אזוי האט דער איקוף פארוואנדלט דעם גערמאנישן גוט „העלענא" אין א ייִדישן „זומערלאנד"...

א פאר יאר אײדער אמכא האט דעראבערט דעם מאיאנטעק, האט דארט געהערשט א טיפיש־דײַטשע אטמאספער פון יעקישער אפגעשלאסנקייט און פון גײַוועדיקן „ניט רירער

מיך אן". ביזן יאר 1945 איז די דאזיקע אפגעשלאסנקייט געווען אן אומדורכדרינגלעכע פאר דער נידעריק־ראסיקער איטאליעניש־קריאזשישער סוויווע און נאך מער — פאר די ערשטע יידישע קאלאניסטן פון דער דערבייאיקער „כוליא לעווין". אבער נאכן דייטשן בראד־יאר, נאכדעם ווי בערלין איז צעקוועטשט און צעבויגן געווארן ווי א פוסטע קאנסערוון־פושקע, האט עפעס א מארעשכוירעדיקער נעפל איינגעהילט דעם דייטשיש־העלעניסטישן „שלאס". ביסלעכווייז האט זיך דער אפגעשלאסענער שלאס גענומען אויפשליסן און ס'האט גענומען ווייען פון אים מיט אפגעלעבטקייט, מיט יערידע, מיט אפגאנג...

אפילע די סאמעט־שווארצע רייין־בלוטיקע הינט פון דער דענישער דאבערמאן־ראסע זיינען געווארן מילדער און אויפגעהערט צו שטשירען מיט די בייזע ציין. מען האט שוין געקענט בעקאווער־גאדל אריינדרינגען, דורך די שאטנדיקע אלייען, ניט נאר אפן הויף נאר אפילע אינעווייניק אין די פריצישע זאלן. אומעטום האט געהערשט א וויסטע פארשטויבטע פוסטקייט און א מאסיווע יונקערישע געשמאקלאזיקייט.

די נאקעטקייט און די העל־קוואדראטע פלעקן אף די ווענט האבן געמאסערט, אז מיט געציילטע טעג צוריק האט מען דא אראפגענומען בילדער און אפצייכנס, אז מען האט דא אף גיך אראפגעכאפט עפעס און פארבארגן פון א ניט־דייטשער אין־הארע... פון די האלב־פארכוישעכטע ווינקלעך האבן בלויז ארויסגעסטארטשעט די פארכמורעטע, פאראוולטע סקולפטור־וואנצעס פון ביסמארקן און פון ווילהעלם דעם צווייטן; עס האבן געזשאווערט מעדאלן און אייזערנע קרייצן, און צווישן נירענבערגער און שטוטגארטער פארצעליי האט זיך אויסגעטיילט א מוסטער פון דייטשן געשמאק און שארפזין: א זענעפט־שאלעכל אין פארם פון א מיניאטור־קליינעם ביים־האקיסיי. דער קאליר פון זענעפט האט, הייסט עס, אינספירירט דעם דייטשן פארצעליי־קינסטלער, און דער טיפזיניקער איינפאל זיינער האט געפונען כיין בא דייטשע באלעבאסטעס...

דא און דארט זיינען אויך געהאנגען האנטעכלעך מיט זיסטמימעסדיקע שפריכווערטער און סענטענצן וואס צארטע גרעטכען־פינגער האבן מיט ראזן וואל אויסגענייט אפן ווייסן ליוונט. אף איינעם אזא האנטעכל האט זיך געראזיקט די אויפשריפט „ארבייט מאכט פריי"; די זעלבע דריי ראזעווערטער האבן אויך באצירט דעם הויפט־טויער פון אשוויענטשים...

פונקט אין יענעם דייטשן בראד־יאר האט זיך אנגעהויבן

צו פאַרשטאַרקן די יידיש־קלאַניסטישע און סטאַם־יידישע אַרומרינגלונג־באַוועגונג אַרום דײַטשן מאַיאַנטעק. אין די ווײַטערדיקע עטלעכע יאָר איז דער הויכער דײַטש געוואָרן אַלץ נידעריקער, און זײַן פּאָרדל איז געוואָרן אַלץ צעטראָסקעטער און צעטראַסקעטער. ער האָט אויספאַרקויפט זײַנע ריין־ראַסיקע הענער, צעשאָנקען זײַנע ריין־ראַסיקע קלאָווים און אַלץ אָפטער געצוווּנגען געוואָרן אָנצוקומען צו אַ יידישער טויוועלע. אָפטמאָל פלעגט ער בלײַבן שטיין „כעני בפתח" (ווי אַן אָרעמאַן באַ דער טיר) אַפן אַדמיניסטראַציע־הויף פון „כוליאַ לעווין" און ס'איז געווען קענטיק אַז ער וויל זיך אונטערגעבן אַפילע אומקאָנדיציאָנעל; אַ „גאָט בעהיט" ניט צו די „יודען" נאָר צום קנאַקענדיקן „יודען־געלד"...

סאָף־קאָל־סאָף האָט ער קאַפּיטולירט, און אַ שטיק אַרגענטינער ערד איז דורכן איקאָ אויסגעלייזט געוואָרן פון דײַטשע הענט.

נאַטור און געוויקסן־וועלט

„זומערלאַנד" איז דאַן אײַנגעראַמט געווען אין אַ הויכן גרינעם פּירעק. פיר מויערן, געמויערטע פון אייקאַליפּטישן גרינס, האָבן אַרומגעגאַרטלט די צענהעקטאַריקע טעריטאָריע. די אייקאַליפּטוסן, פון וועלכע עס זײַנען געווען אויסגעפלאַכטן די לעבעדיקע, גרינע גרענעץ־ווענט, זײַנען געשטאַנען ווי 30-40־מעטערדיקע צעשויבערטע ריזן, וואָס סאַמע אינדערהויך, אויף די סאַמע שפּיצן זייערע, האָבן געוווינט מילדע ווינטלעך, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען טאָג און נאַכט מיט שפּיצבוימיקער טרייסלעניש און שאָקלעניש...

גלײַך הינטערן פראָנט־אַרײַנגאַנג וואַקסט נאָך ביז איצט אַ ברייטער, גענוי אויסגעצירקלטער קרײַז פון נאָדל־בוימער און אין סאַמע מיטן פון קרײַז ביינדלט זיך אַ שלאַנקע פאַלמע, אַן אײַנגעהילטע אין ברייטבלעטערדיקע, שורשנדיקע שלייערן. זייער אָפט קומען ווינטן טאַנצן מיט דער פאַלמע, אונטערן טאַקט פון דער נאָדלדיקער קאַדריל־מוזיק פון די צעשאָקלטע קרײַז־בוימער...

פון ביידע זײַטן בוימער־קרײַז צעפלעכטן זיך צוויי פּאָר האַלבקרײַזיקע אַלייען וואָס שלײַכן זיך אַוועק צו דער העלער רעזידענץ און צו ביידע אינעווייניקסטע הויפּטגאַסיקע אַלייען, וואָס שפּרייטן זייער שאָטנדיקע גראָדליניקייט צו מיזרעוו און צו צאָפן.

ווער עס נעמט־אויף און דערשפירט די נאטור ניט נאר מיטן אויג און מיט די נאז־לעפלען נאר אויך מיטן אויער, וועט באנעמען אז „זומערלאנד" האט ניט נאר אן אייגענעם אויסזען און אן אייגענע דופטיקייט נאר אויך אן אייגענע שטים... יעדע גרופע פון די 25 הארט־שטאמיקע געוויקסן־מינים (בוימער און קוסטעס) און פון די 60 ווייך־שטאמיקע (גראזן און ראר־פלאנצן), וואס זיינען איינגעווארצלט אין „זומערלאנד", האט זיך איר אייגענעם געשורש, געשושק, געשארך, געשעפטש, געציש, געסקריפ, געפרעפל, געפלאפל, געמורמל, געפליסטער. פון אלע פארשיידנמיניקע געשורשן ווערט איין כאראלער גערויש און דער דאזיקער קאלעקטיווער גערויש איז די נאטירלעכע שטים פון „זומערלאנד"...

פאר אן אויפמערקזאמען, מוזיקאלישן אויער איז ניט שווער צו דערקענען דעם דאזיקן סימפאנישן קאל פון „זומערלאנד"...

ווען דער פארנאכטיקער ווינט גיט א שפיל איבער די בוימער, און טוט א גרימפל איבער די שקויע־שטראלן, ענטפערט אים „זומערלאנד" מיט די אייקאליפטישע, נאדלדיקע, קומטישע און גראזיקע אינטאנאציעס פון זיין שטים. און ווען דער צעשטיפטער ביין־האשמאשעס איז שוין שטארק פארדווייקעט אין זיין ווינטיקן געזאנג, גיט זיך א טראג, אנטקעגן דער געוויקסן־שטים, די צווייטע שטים פון „זומערלאנד" — די קינדער־שטים פון דער זומערלאנדישער באפעלקערונג.ביידע שטימען, ביידע געזאנגען גיסן זיך צוזאמען אין איין הימן צום לעבן, צום וואקסן, צום צוויט...

גרעגעצן, שטעט, באפעלקערונג

פון איין זייט גרענעצט זיך „זומערלאנד" מיט יידישע דערנער פון „כוליא לעווין", און פון די אנדערע דריי זייטן מיט בעבלעד, קירבעסן, אלפאלפע, וויינטרויבן און פערעשקע־בוימער פון איטאליענישע פויערים. טיפער אין „כוליא לעווין" איז אויך פאראן זאפטיקער יידישער גרינס און ניט וויט פון „זומערלאנד" זיינען אויך פאראן איטאליענישע דערנער, אבער אף די גרענעצן פון „זומערלאנד" זעט זיך אן א ניט־יידישע זאפטיקייט און א יידישע דערנערישקייט. דאס זעט אויס ווי א מין ארויסרוף צו „זומערלאנד": זייט דו, „זומערלאנד", א מוסטער פון יידישער זאפטיקייט!

די צוויי גרעסטע „שטעט" פון „זומערלאנד" זיינען דאן,

מיט 10 יאָר צוריק, געווען: „קינדער־קאָלאָניע" — אין פאַראַדעס מיזרעד, און „קאַמפּאַמענט" — אַף דער סאַמע מיזרעווודיקער גרענעץ, אַף די איטאַליענישע „קרעסן".

„קינדער־קאָלאָניע" איז פונאַנדערגעשפּרייט געווען איבערן גאַנצן געוועזענעם דײַטשן קראַד: אין פּריציש־פּריצישן פאַלאַצעטל; אין די קאַזאַרמעדיק־פּרײַסישע קאַמערן און קעמערלעך, וווּ מען קען שפּילן אין קאַמער־קאַמער־הויז; אין די אַנגעשאָטענע שטיבלעך, שטעלכלעך, שפּיזאַרניעס, שײַערן, בײַדלעך, הינער־שטאַלן, גאַלפּאַנדלעך, וואָס זייער אַלטדײַטשע מאַרע האָט גענומען קריגן ביסלעכווײַז אַ מאָדערנעם אויסזען. אַרום און אַרום איז עס געוואָרן אַ שטאָט וואָס איז פּאַרטיקעהייט אָקופּירט געוואָרן דורכן איקופּישן קליינוואַרג.

דער צווייטער קראַד, די גרענעץ־שטאָט, איז שוין אינגאַנצן געווען אַן אייגענע און איז געמויערט געוואָרן פון ליײַוונט... ס'איז געווען אַ שטאָט פון שפּיציקע פּאַלאַטקעס און פון אייקאַליפּטישע שאָטנס, אָבער זי האָט אויך געהאַט אַ געשיכטלעכן ייִכעס. די פּאַלאַטקעס אירע האָבן געשטאַמט פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט זיך נאָך ניט געריכט אַף קיין דריטן וועלטקריג, האָט זי גענומען אַראָפּוואַרפן פון זיך און אויספאַרקויפן איר מילכאָמע־אַנטוועכץ; זײַנען עטלעכע אויסגעטאָנענע געצעלטן אויך אַרײַנגעפאַלן צו דער איקופּישער יוגנט. אַזוי אַרום זײַנען ביידע ייִדישע איקוף־שטעט פון „זומערלאַנד" געבויט געווען פון עקס־יעקישן און עקס־יענקישן מאַטעריאַל...

די ייִנגערע קליין־שרעטלדיקע באַפעלקערונג האָט געוווינט אין פאַרנטדיקן מיזרעד, און די עלטערע, דער יונגבוימיקער קאַדעטן־קאָרפּוס, — אין הינטערשטן מיזרעוו. ביידע שטעט זײַנען געווען פאַרבונדן מיט אַ ברייטן טראַקט, אַן אויסגעפלאַסטערטן מיט אייקאַליפּטישע שאָטנס. דער דאָזיקער צענטראַלער קאָמוניקאַציע־טראַקט פון „זומערלאַנד" איז שטענדיק פול געווען מיט געאײַל, מיט פאַרשמײַעטקייט און מיט לעבן, און האָט אויסגעזען ווי אַן עמעסער מוראַשקע־וועג.

זינט דאַן איז די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אין „זומערלאַנד" געבויט אַף קאָלעקטיווע, אינאײַנעמדיקע, בעכאַוורוסעדיקע יעסוידעס, וואָס זײַנען ווי געהעריק אונטערגעמויערט מיט כאַווערשאַפט, אַלטרויִזם, קעגנזײַטיקער הילף, איבערגעגעבנקייט, מרײַהײַט, סאָלידאַריטעט. דערפאַר איז דער העכסטער ערן־טיטל אין „זומערלאַנד" — „אַ גוטער כאַווער".

„זומערלאַנד" האָט באַפרײַט אַ קליין קינדערפאָלק. מען האָט אַרויסגעפירט פון אונטער די מאַמישע פאַרטעכער איינ־

צלנע וועוריקלעך און צונויפגעבראכט זיי אונטער איין קאָ־לעקטיוון דאַך. מען האָט זיי אַרויסגענומען פון אונטער דער זיס־מאַמישער פאַרטעך־קנעכטשאַפט און גענומען לערנען מיט זיי דעם ניי־פאַרכאַפנדיקן אַלף־בית פון אַן אַנדער לעבן, פון ווערן טיילעכלעך פון אַ קאָלעקטיוו, פון ווערן פּאַראַנט־זואַרטלעכע יחידים פון אַ געזעלשאַפט.

כאַראַקטערן האָבן זיך גענומען בייטן. פאַרפּיעשטשעטע קינדער האָבן אויפגעהערט צו וואַרטן אַז עמעץ זאָל פאַר זיי אָפּטאָן דאָס וואָס זיי קענען אַליין טאָן. פּוילִיאַקעס האָבן זיך מיט סימבע אַקטיוויזירט. עס האָבן גענומען וועלקן אַזוינע עכט־קינדישע ווילדגראַזיקע כאַראַקטער־בלימעלעך ווי: עגאָיִ־זם, ניט־פאַרגינערישקייט, קאַרגשאַפט, ברוטאַלקייט, אַפּלאַכע־ריי. ווי אַ באַגלייט־דערשיינונג פון אַלע טואונגען איז אויפגע־קומען די מידע פון געזאַנג. מיט געזאַנג עסט מען אַפילו די פאַרהאַסטע זופּ און מיט די זינגעדיקע ציינגלעך לעקט מען אויס די טעלער...

כעוורע שלייפט אויך דעם גייסט. אין פּריוואַטע און קאָ־לעקטיווע שמועסן שניידט מען דורך אין אַלע ריכטונגען דאָס אייגענע קינדערשע וועלטל און אויך די גרויסע וועלט מיט אַלע אירע שיינקייטן און אומשיינקייטן. כעוורע פאַר־שטייט אַן אייסעק און בלאָנדזשעט ניט. אַ רעזולטאַט פון קינדערשן פילן און דענקען איז דער פרעסע־וועזן פון „זו־מערלאַנד" — דער וואַנט־אָרגאַן, וואָס איז פול מיט קינדער־שער געמיטלעכקייט, פּאָעזיע, לאָקאַלע איינדרוקן, וויציקע אַריינזאָגעכצן, זומערלאַנדישן פּאַטריאָטיזם און אַפילו פּי־לאָזאָפיש־ליטעראַרישע באַטראַכטונגען...

די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אין קאָלאָניע איז אַ האַלב־סקויטישע, מיטן געהעריקן צערעמאָניאַל, מיטן קולט פאַר דער פאָן, מיט שטרענגע אינספּעקציעס, מיט אַ סאַניטאַרן פונקט. ווען די כעוורע געפינט זיך אין מאַרש־פאָרמאַציע און גיט אַ שמעל אַ פרײדיקן טראָט, גיט אַ טרעשטש די ערד און די אייקאַליפּטישע שאָטנס אונטער די פיס ווערן צעפּליקט אַף פּיץ־פּיצלעך און צעפליִען שטיקלעכווייז...

די סקויטיש־ספּאָרטישע אָרדענונג איז אָבער בלויז אַ פאָרם־זאַך. סטאַם סקויטישקייט איז ניט דער אינהאַלט פון „זומערלאַנד". אויסער פיזקולטורישקייט איז אויך פאַראַן גייסטקולטורישקייט, וואָס די באַזע אירע איז זעלבסטפאַר־וואַלטונג און כאַווערישקייט און וואָס די צוויי הויפּטצילן אירע שטיצן זיך אַפן אידעאַל פון סאָציאַלן יוישער און אַף וועלטלעכער קולטור.

די יאָטן און יאָטעכעס ווערן צוגעוווינט צו געזעלשאַפט־

לעבער קריטיק און זעלבסטקריטיק, און צו יענער געוויסנהאַפ־טיקער גײַסט־היגיענע אין וועלכער עס קען ניט געמאָלט זײַן קיין אָרנטלעכקייט, קיין אָפנהאַרציקייט, קיין דרייסטקייט, קיין איבערגעגעבנקייט, קיין קאָרבאָנעס־גרייטקייט. עס ווערט אַנט־וויקלט דער גײַסט פון פרײַנטלעכן פאַרמעסט, פון אויספילן און אַריבערשטײַגן נאָרמעס, פון אַרויסהעלפן דעם שוואַכערן. באַם אַרײַנגאַנג אין ערשטן „קאַמפּאַמענט" איז געווען אויפ־געטורעמט אַ ריזיקע טאַבעלע אין פאָרעם פון אַ טערמאָמע־טער, וואָס האָט געוויזן וועלכע פון די גרופּעס גייט פאָרויס; וועלכע האָט אַ גרעסערן פונקטן־אַקטיוו, וועלכע האָט מער געזעלשאַפטלעכע וואַרעמקייט.

אַלע טואונגען זײַנען אײַנגעהילט אין פרײַוויליקייט און אויסגעפּוצט אין הומאָר. די יוגנטלעכע פרייד, די האַלאָצע־ווער [?], די צעלידלטקייט, די גוטמוטיקע אַרײַנזאָגערישקייט שפּריצט אַרויס פון אומעטום און פון אַלעמען, פון יעדן פרײַען שפּעלטעלע צווישן איין פאַרנומענער מינוט און דער צווייטער. ניטאָ אין דער דאָזיקער נאָכאַנאַנדיקער אויפגע־לייגטקייט קיין כויזעק, קיין ציניזם, קיין בעקיוונדיקע אָפּלאַ־בערישקייט, קיין ווייטוענדיקע שטעכווערטלדיקייט.

שוין די ערשטע „קאַמפּאַמענט"־מענטשן האָבן ניט אַרויס־געוויזן קיין דערוואַקסענע גאַדלעס לעגאַבע דער באַפעלקע־רונג פון „קינדער־קאָלאָניע". דאָס וואָס זיי האָבן יאָ אַרויס־געוויזן איז דערוואַקסענע ברודערשאַפט. זיי, די ריזן, האָבן געשיקט נאָכאַנאַנד אין דער ליליפּוטן־שטאָט שליכים און דעלעגאַטן, וואָס האָבן געטאָן אינסטרוקטאָרישע אַרבעט צווי־שן קליינוואַרג. ביידע „שטעט" האָבן זיך געהאַלטן קעסיידער אין איין קעגנזײַטיקן וויזיטירן און אין איין אײַנאָרדענען שוטפישע יאָנטויווים. די גרויסע זײַנען ניט געווען גרויס־האַלטעריש און די קליינע זײַנען ניט געווען קליינהאַלטעריש. אַלע זײַנען, אַזוי צו זאָגן, געווען מיטלהאַלטעריש.

דאָס פאַרכאַפּנדיקסטע, פאַנטאַסטישסטע און פאַרווײַלנדיק־סטע איז דאָס באַנאַכטיקע לעבן אַרום שײַטער. סײַ ווען די ווינטלעך דרעמלען אין זייערע הויכע אייקאַליפּטוס־נעסטן און סײַ ווען אַ רײַסיקער ווינט פליקט די ביימער, פלאַקערט דער שײַטער און אַרום שײַטער פלאַקערט די פרייד. כעוורע פרעגלט אָפּ אַפּן שײַטער די פריילעכסטע מײַסעס, די מעשו־נעדיקסטע פאַראָדיעס, די קאָמישסטע לידלעך, און אויך דאָס האַרציקסטע, ווייטיקדיקסטע און האָפענונגספולסטע פון דער אַלגעמיינער און ייִדישער פּאָעזיע. פול מיט מידער פרייד טור־ליעט מען זיך שפּעטער צו די געלעגערס, און אין דרויסן

נעמט איבער די „גרענעץ־וואך" אין אירע הענט די באַנאַכ־טיקע זיכערקייט פון „זומערלאַנד".

פון ציַיט צו ציַיט איז אין „זומערלאַנד" אַ יאַריד. דער יאַריד שטעלט זיך אין די זונטיקן און האָט אָפּטמאָל אַ שאַבעסדיקע האַקדאַמע. אָפּן יאַריד איז אַן אַנגעפּאַר און אַן אָנגעפּלי פון פאַרפלאָמטע טאַטע־מאַמעס, וואָס ברענגען פּור־לע וועגענער מיט פּילטאַגיקער בענקשאַפט נאָך די ווערויק־לעך. אין יענעם טאָג באַקומט „זומערלאַנד" אַ דריטע שטים — די יאַנטעוודיקע שטים פון טאַטע־מאַמישן יאַריד...

פּערספּעקטיוון

„זומערלאַנד" איז אויפגעקומען ווי אַ „לאַנד" פון פּערס־פּעקטיוון. אַף אַסאַך פון די אַמאָליקע פּערספּעקטיוון קען מען שוין איצט קוקן רעטראָספּעקטיוו ווי אַף אַ זוניק־גריַנער ווירקלעכקייט...

ביז איצט פאַרמאָגט נאָך ניט די באַפעלקערונג פון „זו־מערלאַנד" קיין איין גראָען האָר, ניט רעכענענדיק די עטלע־כע גראָע האָר פון זיידן פּיַיערמאַן, אָבער צווישן די יונגע פּערספּעקטיוון פון 10 יאָר צוריק איז נאָך אַלץ ניט פאַר־שווונדן דער געדאַנק פון בויען אין דער קאָלאָניע „שטעט" אויך פאַר גראָהאָריקע, שיטערהאָריקע און אָנהאָריקע... די פּערספּעקטיוו פון אַריַינגעמען יעדן יאָר אַ מאַסנהאַפטיקע זומער־אימיגראַציע שטייט נאָך אַלץ פאַר די אויגן פון די ניכטערע טרוימער...

מען וועט נאָך אויסנוצן יעדן ווינקעלע אַף אויפשטעלן ווענט און אַף פלאַנצן שיינקייט. „זומערלאַנד" וועט אָבער ניט זיַין קיין אָרט פון סטאַם גאַשמיַעסדיקן אָפּרו, פון נאַטור און פוסטקייט, פון נאַטור און לאַנגוויַיליקייט, נאָר פון נאַ־טור און קולטור. עס איז אָבער ניט סטאַם אַזוי זיך נאַטור און קולטור. ס'איז אַ נאַטור וואָס איז אויסגעלייזט געוואָרן פון דיַיטשישע הענט און ס'איז אַ קולטור וואָס האָט אין זיך אַן אידעישן יאַדער.

אינטעגראַלע, פולע איקופישע אָפּרו־קולטור, אַף באַפריַי־טער עקס־דיַיטשישער ערד — דאָס איז „זומערלאַנד". אַז מען וויל, איז עס ניט נאָר אַ פּאַקט, נאָר אויך אַ סימבאָל...

ייִדן אַף
סאַן־מאַרטינישער ערד

דער קאָלאָניסטישער
באַל-שעם-טאָוו פון ענטרע ריאָס

(ד״ר נויעך יאַרכי־יאַרטשאָ)

„ער איז געווען פון יענעם מין אָריגינעלע מענטשן וואָס מען טרעפט זיי אין קישעף־מײַסעס אָדער אין געשיכטעס פון פּאָעטן. ...מען האָט דערציילט מאָפּסים וועגן דעם ווי ער היילט קראַנקע, מען האָט אים נאָכגעזאָגט מויפעסדיקע ווערטער. אין וואָס זײַנען באַשטאַנען די מאָפּסים אָדער די וווּנדער? קיינער האָט זיי ניט אויפגעקלערט, אָבער קיינער האָט אין זיי ניט געצווייפלט".

אַ. גערשונאָוו („יידן גאַוטשן")

1

אַף פּאַרנעפּלטע, גרײַז־גראָע פּאָטאָגראַפיעס פון 50 יאָר צוריק קאָן מען אים נאָך לײַכט דערקענען.

אין סאַמע צענטער פון צענדליקער קאָלאָניסטישע בערד — אַ פּאָר אַראָפּהענגענדיקע, דאַרע וואָנצעס און אַ פּאָר שמאָלע, מירמלנע הענט אָנגעלענטע אַף אַ דינעם שפּאַציר־שטעקן. אין מיטן פון קאָלאָניסטישע דעמבענע פּלייצעס און איבעריקע הענט — אַ דינע זאַנגיקע געשטאַלט. אין מיטן פון וואַלדיקע שטאַמען — אַ שמאָלער קוסט.

ווי אַן איידלשטיין איז ער אײַנגעפּאַסט אין סאַמע מיטן פון געדיכט־געפּלאָכטענע קאָלאָניסטישע גרופּעס. אַן אָפּשײַן פון קוים־געצוימטער פרייד פינקלט אַרום אַף די אַרומיקע האַריקע פּענעמער, און דער דאָזיקער אָפּשײַן איז אַן ענט־פער דעם מיטלסטן איידלשטיין, דער שטראַליקער צאַדיקיש־לאַמעדוואָווישער געשטאַלט.

קיינער האָט אים ניט געבראַכט אַף די ענטרע־ריאָסער

סטעפּעס, קיינער האָט אים ניט געשיקט און קיינער האָט אים ניט גערופן. פון זיך אַליין איז ער דערשינען. מיט 70 יאָר צוריק האָט ער זיך באַוויזן, און 20 יאָר האָט זיין מילדער שמייכל געלויכטן איבער דער האַרבער קאָלאָניסטישער ווירקלעכקייט.

קאָלאָניסטישע טהילים־ייִדן האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף א געהיימנישפולער מאַטאָנע פון גורל, ווי אויף א מין אומגעריכטער הויסאָפע צו באַראָן הירשס גנאָד און ווי א פאַרגיטיקונג פאַר דער אַדמיניסטראַטיווער האַרטקייט פון די ערשטע איקאָישע „שטאַטהאַלטערס".

זיין דערשיינען אין דער ווילדער, פּיאָנערישער סוויווע האָט אויסגעזען ווי א נעס. דער קאָנטראַסט איז געווען א געוואַלדיקער. דאָס לאַנד איז געווען ווילד, די גאַוטשן — ווילד, די אָקסן — ווילד, די געוויקסן — ווילד, די וועטערן — ווילד, דער היישעריק — ווילד, די איקאָ־אַדמיניסטראַטאָרן — ווילד; און מיטאָמאָל: אין מיטן פון אַזאַ מין געדיכטער ווילדקייט — אַזויפיל לויטערע איידלקייט, אַזויפיל מענטשלעכקייט, אַזויפיל אַלטרויזם.

ס'האָט אים געקלעקט גוטסקייט פאַר אַלעמען, אויך פאַר ניט־ייִדן, אָבער ער האָט שטענדיק אונטערגעשטראָכן אַז די מינים־טויווים זיינע טוט ער ווי א ייִד.

גאַנץ ענטרע־ריאָס האָט שנעל דערשפּירט זיין איידלקייט: פון גובערנאַטאָר אין פּאַראַנאַ ביז די האַלב־כאַיעשע מעסערשטעכער און פּיגאַנאַווים אין די וועלדער. די ייִדישע קאָלאָניסטן־מאַסע האָט אים אויסגערופן מיט אַלע ייִדישע נעמען פון אונדזער שטיין־רייכער פאָלקס־טראַדיציע, און דאָס גרויסמוטיקע גאַוטשישע קריאָזשע־פאָלק האָט אים באַשאָנקען מיטן פאָלקס־טיטל „דער פאַטער פון די אָרעמע".

2

יאָרטשאָם וויסרוסיש־ליטווישע קינדהייט איז פאַרלאָפן אין סלוצק און זיינע יונגע יאָרן האָבן זיך געבאָכערט אין אוקראַיִניש־שוואַרציאַמיקן מאַריופּאָל. דאָקטאָרישע סמיכע האָט אים געגעבן קיִעוו.

די יוגנט זיינע איז ניט געווען קיין לייכטע, ווייל ער האָט זי געדראָפּט שפּייזן מיט די אייגענע הענט. ער איז געווען א גימנאַזיאַלער שטוב־לערער בא די מאַריופּאָלער סאָכאָראָווס.

דאָס פליִסיקע באַכערל איז געגאַנגען אין שאָלעם-אַליי־כעמס לעריש-ראָמאַנטישע וועגן: איינס פון די פיר סאַכאַ־ראָוו-מיידלעך איז געוואָרן זיין ווייב, און איינס פון די דריי סאַכאַראָוו-יינגלעך איז שפעטער געוואָרן אַ מין יאַרטשאָ דער צווייטער אַף די זעלבע פעלדער פון דער יידישער אַר־גענטינע. דער צווייטער יאַרטשאָ — מיגעל סאַכאַראָוו — איז, אין מאָראַליש-אידעאַליסטישן זינען, געווען אַ גייסטיקער באַשאַף פון יאַרטשאָ דעם ערשטן.

פאַרן דרייסיק-יאָריקן יאַרטשאָ האָט דאָס האַרטע לעבן ענדלעך אַ גאָר ברייטן שמייכל געטאָן און מעכאַבעד געווען אים מיט אַלדאָס-גוטס: אַ יונגע פרוי, אַ רייכער שווער, אַ פרישער דאָקטאָר-טיטל אין האַנט. ער האָט אָבער ניט גע־וואָלט, פאַרן פרייז פון פערזענלעכן גליק, פאַרבינדן זיין לע־בן מיט דער צאַרישער פאַגראָמען-ערד. זיין פערזענלעכער ווילזיין אין זשאַנדאַרמיש-כוליגאַנישן לאַנד האָט אים אויס־געזען ווי אַ ניסאָיען, ווי אַ פרווו פון גוירל אונטערצוקויפן אים, און ער האָט באַשלאָסן אַרויסצורייסן זיך פון די זיי־דענע פענטעם. ס'איז נאָך דאַן געווען 10 יאָר פאַר קישע־ניעוו, אָבער אַ סאַך יידיש בלוט האָט שוין געשריען פון דער אוקראַינישער שכיטע-ערד, און באַ יאַרטשאָן אין געמיט האָט געקאָכט דער יונגער צאָרן...

גראָד האָט דאַן אַ שפיל געטאָן פאַר די אויגן פון רוסישן יידנטום די פאַנטאַסטישע באַראָנישע וויזיע, דער נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישער פלאַן פונעם באַראָן הירש אַרויסצונעמען פון אונטער די צאַרישע נעגל איבער 3 מיליאָן יידן און ברענ־גען זיי אין אַרגענטינישן קנאַאַן. די וויזיע האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט צו ווערן און האָט גענומען באַקומען דעם אויסזען פון פראַקטישן מעשיכיזם.

די יידיש-רוסישע אינטעליגענץ איז פונדעסטוועגן נאָך אַלץ געווען סקעפטיש און האָט זיך ניט געכאַפט פאַקן די פעקלעך. אַגעוו, האָבן דעם באַראָנס ווערבירער ניט אַפע־לירט צו איר און אַפילע ניט אינטערעסירט זיך מיט איר. מען האָט קוידעם-קאָל געזוכט אויסגעפרווטע אַרבעטסמענ־טשן, קליינשטעטלדיקע האָרעפאַשניקעס, קעדיי צו שאַפן אַ פויערישן אַוואַנגאַרד אַף די אומבאַקאַנטע פאַמפישע בסולע־ערדן.

יאַרטשאָ איז אָבער געווען דורך און דורכגעשטראַלט מיט דער באַראָנישער וויזיע און האַגאַם דער באַראָן האָט אים ניט געדאַרפט און ניט געשיקט נאָך אים, האָט ער זיך, אַף אייגענער אַכראַיעס, אַוועקגעלאָזט צוזאַמען מיט זיין צאַרט-בלאַסער פרוי, — דער אויסגעאיידלטער באַלעבאַטי־

שער טאָכטער, צו די פֿריש־געיידישטע אַרגענטינער ווילדענישן.

קעדיי צו איראַפּעזירן און געשיקטער מאַכן זײַנע מעדיצינישע קענטענישן, האָט ער זיך נאָך אָפּגעשטעלט אַף 5 כאָדאָשים אין לאָנדאָן, וווּ ער איז די גאַנצע צײַט אַרומגעגאַנגען אַרום יידישע כוילאָים אין דאָרטיקן יידישן שפּיטאָל.

אין לאָנדאָן האָט ער געהאַט מעגלעכקייטן גאָר פֿײַן אײַנצופֿונדעווען זיך, אָבער אין אַפּריל 1893 איז ער שוין געווען אין בוענאָס־אײַרעס. אין בוענאָס־אײַרעס זײַנען אים אָנטקעגנגעקומען נאָך שענערע פּערספּעקטיוון, אָבער אין 9 טעג אַרום איז ער שוין געווען אין ענטרע־ריאָס.

אַנשטאָט צו פֿאַרזיכערן זיך אַ רויִקע בוענאָס־אײַרעסער עקזיסטענץ הינטערן שויץ פֿון אַ מעשן בלעכל „אויפֿנאָם־שאָען פֿון 15 ביז 18 אַזייגער” און לעבן עפּשער 2 מאָל אַזויפֿיל וויפֿל ער האָט געלעבט, איז ער „אַוועק אין פֿאָלק” און אין איינע 19 יאָר האָט דאָרט זײַן לעבן אויסגעברענט, ווען ער איז נאָך ניט אַלט געווען אַפֿילע קיין 50 יאָר.

ס'ראָוו דאָקטוירים, וואָס זײַנען געפֿאָרן אין די טיפֿע פּראָווינצן פֿון די דאָרעם־אַמעריקאַנער לענדער, האָבן עס געטאָן ווי קאָלאָניאַלע קאַריערימטן און האָבן דאָס גאַנצע לעבן געהאַלטן אין איין ראַכמאָנעס האָבן אַף זיך. געווען אויך שפּעטערצו אַזוינע יידישע דאָקטוירים אין די יידישע קאָלאָניעס. יאַרטשאָ איז אָבער געווען דער סאַמע הייפּעך פֿון דעם אַלעמען. ער איז ניט געקומען אָנשטאָפּן זײַנע קעשענעס, נאָר אויסליידיקן זײַן האַרץ; און וואָס מער ער האָט זײַן האַרץ אויסגעליידיקט, אַלץ מער איז עס אָנגעפֿילט געוואָרן פֿונדאָסנײַ.

ביזן לעצטן מאָמענט פֿון זײַן פֿאַרשניטן וועדן, איז ער געווען גליקלעך צווישן זײַן פֿאָלק, צווישן צעוואַקסענעם יידישן פֿויערטום, וואָס האָט געזוכט אַביסל אַרגענטיניש־באָדאָנישע מענוכע אַף דער צווישנטײַכיקער (ענטרע־ריאָסער) ערד.

3

אַף זײַן סולקעלע אָדער ברישקע פֿלעגט ער זיך אַרומהאָצקען איבער די טיפֿע, שמאַלציקע בלאָטעס פֿון דער גוסדעגנדיקער און טײַכיקער געגנט. די הונדערטער רײַסיקע טײַכלעך פֿלעגן אַרויספֿלאַצן פֿון זייערע געלעגערס, צעגיסן זיך און אָפּווישן די געציילטע עטלעכע וועגן. איז דער ענטרע־ריאָסער נויעד האַלב־געשווומען, האַלב־געגליטשט זיך

אין זײַן טייווע, ווײַל קיין אַנדער ברירה איז ניט געווען: מען האָט גערופן פון אַלע זײַטן און ס'האָט גאָרניט געקענט געמאָלט זײַן אַז ער זאָל ענטפערן „ניין" אַף אַ מענטשלעכן רוף.

צענדליקער נאַקעטע קילאָמעטערס אין דער לענג און צענדליקער — אין דער ברייט: אַזאַ איז געווען זײַן מעדיציניַשער קאַבינעט, און קיין מעשן בלעכל מיט שטרענגע אויפנעם־שאָען איז אַפן דאָזיקן קאַבינעט אויך ניט געהאַנגען...

ווי אַ מויפעסדיק פײַערל פלעגט זײַן ברימשקעלע אַרומפינקלען אין די טיפע, בלאָטיקע נעכט, אין געאײַל צו צעטערדיקע געווינערינס און צו פאַרזינדיקטע, צעשטאָכענע גאָוטשן, וואָס באַטאָג איז פאַר זיי געזינטער ניט צו ווײַזן זיך... דורכן טאָג פלעגט ער פאַרפאָרן אין די שוואַרצע לײַמענע ראַנטשאָס און אין די ווײַס־געקאַלכטע קאָלאָניסטישע שטיבלעך פון ראָש־פּינע און פון סאַן־אַנטאָניאָ, פון קיריאַט־אַרבאַ און פון סאַנטאַ־איזאַבעל, פון קאַרמעל און פון עספינדאָלאַ.

די יונגע קאָלאָניעס זײַנען פול געווען מיט יעסורים: דעם באַראָנס אומגעניטע קאָסרילעווקער פויערים פלעגן זיך נאָכאַנאַנד צעמאַזיקן אין פעלד; הונדערטער ייִדישע ווײַבלעך האָבן געגומען פרוכטיקן און פלעגן גאָר אָפט פאַרגיין אין געבורט־ווייען; קינדערלעך האָבן געליטן פון אַלט־באַקאַנטע און נײַ־אַרגענטינישע שלעק. ווי אַ פײַערלעשער פלעגט זיך דער מאַריופּאָלער דאָקטער אַרומטראָגן, אַ צעטרייסלטער און אַ צעמאָלענער, איבער די צענדליקער קאָלאָניסטישע גרופּעס, געיאָגט זיך נאָכן מענטשלעכן ווייטיק, געלאָשן אים און ניט באַמערקט אַז גלײַכצײַטיק לעשט ער אויס זײַן אייגענעם געזונט.

ערשט שפּעטער האָט ער אין דאָמינגעז, — דער הויפּטשטאָט פון קאָלאָניע קלאַראַ, אויסגעקעמפט אַ שטיקל בלעכענעם שפּיטאָל. אין דאָזיקן בלעכענעם גאַלפּאָן פלעגן טאָגטעגלעך פאַרקומען שפּיטאָל־יאַרידן: די קאָלאָניע פלעגט פון האַסט־ווײַט צונויפפירן אירע ווייטיקן און קראַנקייטן און אָפּזעצן זיי באַם צעשמייכלטן דאָקטער... נאָכן שפּיטאָל־יאַריד פלעגט דער דאָקטער ווידער אַרויסלאָזן זיך אַף זײַן סולקעלע איבער די בלאָטעס, קעדיי אויפצוקויפן נײַע ווייטיקן, ווייטיקן וואָס זײַנען אַזוי שווער, אַז דער קאָלאָניסט קען זיי אַליין ניט ברענגען אין שפּיטאָל אַפן ווייטיק־יאַריד...

זײַן גרויסקייט האָט זיך אָבער אויסגעדריקט ניט אַזוי אין זײַן אַרבעטזאַמקייט און אין זײַן טעכנישן הייל, ווי אין

זיין פסיכישן באַווירקן דעם מענטשן און אין זיין אַרייַנהיימישן זיך אין דער נעשאָמע פון ליידנדיקן.

און געליטן האָט מען ניט נאָר ווען אַ קראַנקייט האָט זיך פאַרקליבן אין די ביינער. דער קאָנטראַסט צווישן דער באַראַנישער אילוזיע און דער האַלב־ווילדער ווירקלעכקייט איז, די ערשטע יאָרן, געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַ סך דעקלאַסירטע „איידעלע ייִדן" צווישן די קאָלאָניסטן האָבן זיך געפילט אָפּגענאַרט, געוואָרן היסטעריש און באַקומען אַ קרענקלעכע נייגונג צו פסיכישער אויפגערייצטקייט, צו אַוואַנטוריסטישקייט, צו אומבאַזיניקטקייט. דעם דאָזיקן עפּידעמישן קריזיס האָט יאַרטשאַ געהיילט סיכל־האַיאָשערדיק און באַקעמפט מעדיציניש מיטן זעלבן אייפער ווי ער האָט געקעמפט קעגן דער עפּידעמיע פון טיפוס. מיט ביידע עפּידעמיעס האָט ער זיך גאַנץ פיין אַן אייצע געגעבן...

אַ ווירטואָז איז ער אָבער געווען אין באַווירקן אינטים דעם פאַרצווייפלטן יאָכיד. אין לאַנגע, פסיכאָלאָגיש־אויסגערעכנטע און פּאָעטיש־פילאָזאָפישע שמועסן, פלעגט ער אַרויסציִען באַם ליידנדיקן די סיבעס פון זיין פאַרביטערונג און נאָכדעם אויסלייגן אַלץ צום גוטן, און דערווייַזן דעם כוילע וויפל נאַטירלעכע ליכטיקייט עס איז פאַראַן אין אים אַפן אָרט פון זיין קינסטלעכער פאַרפינצטערטקייט. נאָך אַזוינע האַרציק־עמאָציאָנעלע שמועסן פלעגן זיך פאַראומגליקלעכטע שוואַנגערע מיידלעך נעמען פילן דערהויבן, שווערע באַלע־מומים פלעגן זיך באַפרייַען פון זייער מאָרע־שכוירעס און סטאַם כוילאָים פלעגן זיך איבערציַיגן אַז 90 פּראָצענט פון זייער קראַנקייט איז אייַנרעדעניש. אין יעדער שווערער סיטואַציע פלעגט ער אויסגעפינען די גרויסע דאָזע איבערגעטריבנקייט און פלעגט אָנווייַזן אַף די ריזיקע מעגלעכקייטן וואָס זייַנען פאַראַן באַ יעדן מענטשן איבערצוקליגן דאָס בייז.

ער פלעגט ניט זשאָנגלירן מיט פּראָפעסאָרישע אָנשטעלן און פלעגט ניט פאַרטרינקען די כוילאָים מיט אַפּטייק־וואַסערלעך, מיט רעפועס און מיט רעצעפּטן. ער האָט געהאַלטן אַז די בעסטע רעפוע איז גוטע שפּייַז, און זייער אָפט פלעגט ער טאַקע שיקן זייַנע כוילאָים ניט אין אַפּטייק נאָר אין שפּייַזקראָם. אַזוי אָבער ווי עס זייַנען געווען קאָלאָניסטן וואָס האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו קויפן קיין „רעפועס" אין שפּייַזקראָם, פלעגט דער דאָקטער געבן זיי אַ יעדידי־ברייוועלע צום קרעמער און בעטן אים אַז ער זאָל געבן פּראָדוקטן אַף זייַן, יאַרטשאַס, כעשבן... אַזוינע אָריגינעלע רעצעפּטן פלעגט יאַרטשאַ אָפט שרייַבן און זיי פלעגן ווונדערלעך העל־

פֿן, ניט אַזוי מיטן פּונט מעל און מיט דער קילאָ צוקער, ווי מיטן עצעם זשעסט פֿון מעשונעדיקן דאָקטער.

עס האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן פֿון אים די מידע פֿון גוטסקייט און זײַן מעטאָד איז שטענדיק געווען „מיט גוטן". ער פֿלעגט זאָגן: „מיט גוטן מאַכט מען פֿון אַ וואָלף אַ לעמעלע און מיט שלעכטן ווערט פֿון אַ לעמעלע אַ וואָלף", אָבער טאַקע אין נאָמען פֿון דער דאָזיקער גוטסקייט פֿלעגט ער ווערן אַ וואָלף מאַמעש, ווען ער פֿלעגט זיך דערוויסן אַז מען באַגייט אַז אוולע קעגן יידישע קאָלאָניסטן, מעג עס אַפֿילו זײַן אין אַנדערע, ווײַטע קאָלאָניעס.

אַזוי ווי די סאַמע גרעסטע אוולע־באַגייער זײַנען געווען די יִקאַ־סאַטראַפּן, פֿלעגט ער גיין קלאַפּן מיט רוגזע אין זייערע אַדמיניסטראַציע־טישן און דערמאָנען זיי אין נאָמען פֿון באַראָן הירש, אַז די קאָלאָניעס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר די קאָלאָניסטן און ניט פֿאַר די אַדמיניסטראַטיווע געוועלטיקער — די נויגשים און שויטרים.

די יידישע פּויערים, וואָס האָבן באַ אים קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט ווי „מײַנע ברידער קאָלאָניסטן", האָבן אים אויך אין אַלע ניט־מעדיצינישע איניאָנים אויסגעטיילט ווי זייער „קרוין פֿון קאָפּ". ער האָט געטראָגן אָף זיך די ערן־פּרעזידענטשאַפֿט פֿון אַלע געזעלשאַפֿטן, כעוורעס און קאָאָפּעראַטיוועס, פֿאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין דער מיזרעד־וואַנט פֿון אַלע קאָלאָניסטישע צוזאַמענפֿאָרן און אַפֿילו געמוזט אָפּגאַנווענען צײַט באַ זײַן סולקעלע קעדיי אַנטייל צו נעמען אין פּראָפּאַגאַנדע־טורן איבער אַנדערע קאָלאָניעס לעטויוועם קאָלאָניסטישע קלאַל־אינטערעסן.

ביסלעכווײַז איז ער געוואָרן אַ פּאַטריאַרך פֿון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, שיר ניט דער צווייטער פּאַטריאַרך נאָך באַראָן הירשן.

אין דער מאָס ווי ער איז אַרײַנגעוואַקסן אין האַרעפּאַשנעם יידישן פֿעלדלעבן, איז אין אים געוואַקסן די לײַדנשאַפֿט רײַן צו האַלטן דעם יידישן נאָמען און צו זײַן שטאָלץ מיט אים. ווי אַ ייד, וואָס איז אין זײַן יוגנט געווען האַלב אַסימילירט און וואָס האָט זיך נאָכדעם אַזוי אינטים פֿאַרבונדן מיט זײַן פֿאָלק, האָט ער געפֿילט אַ נויטווענדיקייט צו מאַניפֿעסטירן זײַן יידישקייט.

אין קאָנטאַקט מיט ניט־יידן פֿלעגט ער אָפּטמאָל אָף אַן איבערגעטריבענעם אויפֿן אונטערשטרײַכן זײַן אָנגעהעריקייט צום יידישן פֿאָלק, צי מען האָט עס יאָ גענדאַרפֿט צי ניט. עס פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז ער פֿלעגט נישט וועלן נעמען קיין האָנאָראַר פֿאַר מעדיצינישע וויזיטן באַ רײַכע גוטבאַ־

זיצער, קעדיי זיי זאָלן ניט מיינען אַז ייִדן זיינען געלטגייַ־ציק... יעדנפאַלס, פלעגט ער יעדן אומבאַקאַנטן קריסט מעל־דן אַז ער איז „על מעדיקאַ כודיאַ"...

אין יענע צייטן איז אַ דאָקטער אין דער פּראָווינץ געווען אַ יקאַר־האַמציעס און אַזאַ דאָקטער ווי יאַרטשאַ — אַן עוון־טאָוו. די רעגירנדיקע פּניי פון דער פּראָווינץ האָט זיך געגרויסט מיט אים און מען האָט אים אפילו געגעבן אָנצו־הערן אַז ער וועט קענען באַקומען אַ בענקל אין דעפּוטאַטן־קאַמער פאַרן פּרייז פון באַזעצן זיך אין דער הויפּטשטאָט פון דער פּראָווינץ. מען האָט זיך אויך באמת ארויסצוזע־מען אים קיין בוענאָס־אייַרעס, אָבער דער דאָקטער פון די בערדיקע ייִדן האָט זיך נאָך מער צעשמייכלט ווי שטענדיק, ווען מען האָט אים געמאַכט די דאָזיקע אַלע פּאָרשלאָגן, און האָט פאַרזיכערט אַז ער איז איבערגליקלעך מיט זיין שפּיטאָל און מיט זיין סולקעלע, מיט זיינע בינען און מיט זיינע פייגל, מיט זיינע ברידער ייִדן און מיט זיינע היימישע גאַוטשן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַ סאַך פאַרהאַרטעוועטע באַנדיטן, וואָס זיינען דורך אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעמעלעך...

די, וואָס האָבן אָנגעבאָטן גליקן דעם ד"ר יאַרטשאַ, האָבן גאָרניט געקענט פויעלן בא אים מיט אַלע זייערע צוזאָגעכצן. האָבן זיי געהויבן מיט די אַקסלען און בעשום אופן ניט גע־קענט פאַרשטיין דעם דאָזיקן „פּאַעטישן פילאָזאָף", וואָס איז פרייוויליק פאַרזונקען געוואָרן אין די ייִדישע בלאָטעס...

4

די נאַכטיקע שווערע עקספּעדיציעס איבער די אומוועגן פון ייִדישן ענטרע־ריאָס האָבן געהאַלטן אין איין אייַנברעכן דעם שוואַכן און דריבנעם דאָקטער, און אין יאָר 1912 האָט ער זיך איינגעבראָכן אינגאַנצן. זיין יונג געביין איז באַהאַלטן געוואָרן אַפן ביים־אוילעם־בערגל פון זאַנגענפעלד — סאַן גרעגאָריאָ, — אַ ווינקל ענטרע־ריאָסער ערד, וואָס טראָגט סימבאָליש סיי אַ ייִדישן, סיי אַ ניט־ייִדישן נאָמען...

די פיגור פון גרויסן הומאַניסט איז ביז איצט געבליבן גאַנץ אין דער פאָלקס־געדעכעניש און אינעם פאָלקס־האַרץ. צענדליקער עפּיזאָדן פון זיין לעבן ווערן נאָך אַלץ דערציילט פון מויל צו מויל. אַ סאַך פון די דאָזיקע עפּיזאָדן זיינען דורכן פאָלקס־סענטימענט באַצירט געוואָרן מיט לעגענדאַרי־שער אָרנאַמענטיק און עס איז, פון זיך אַליין, געשאַפן גע־

וואָרן אַ מין יאַרטשאַ־מיטאָלאָגיע, אָבער דער גרונטקערן פֿון די דאָזיקע אַלע לעגענדאַריזירטע עפּיזאָדן וואָרצלט אין דער מאָראַלישער זויבערקייט און דורכזיכטיקייט פֿון ענטרע־ריאַסער באַל־שעם־טאָוו.

עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט וואָס די דאָזיקע געשטאַלט האָט אויך צוגעצויגן צו זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַזאַ בעלעטריסט ווי אַלבערטאָ גערשונאָוו. אין זײַן בוך „ייִדן גאַוטשן" איז פֿאַראַן אַ קאַפּיטל „דער דאָקטער דער באַל־מויפֿעס", ווּו ד"ר יאַרטשאָס געשטאַלט ווערט געצייכנט אין רעליעף, עקספּרעסיווע שטריכן, האַגאַם די ספּעציפֿיש־ייִדישע מאָמענטן, וואָס האָבן געדאַרפֿט פֿאַרנעמען דעם פֿאָדערגרונט, זײַנען ווינציק אַקצענטירט. אויך דער געוועזענער היגער שרײַבער פּינכעס ביזבערג האָט 2 רירנדיקע דערציילונגען וועגן יאַרטשאָן אין זײַן בוך „נײַע היימען".

דאָס לעבן פֿון ד"ר יאַרטשאָ, אַפֿן פֿאָן פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע, גיט אויך מאַטעריאַל פֿאַר אַ רײַכן פֿילם־סצענאַר, און מיר שטעלן זיך פֿאָר אַז אַזאַ אַרטיסט ווי פּאָול מוני וואָלט אויסגעמײַסטערט אַ וווּנדערלעך־רעאַלן יאַרטשאָ.

פֿון וועלכער לעבנס־זײַט און פֿון וועלכן קונסט־ווינקל מען זאָל ניט אָנקוקן די יאַרטשאָ־געשטאַלט, ווירקט זי פֿאַרכאַפּנדיק און אינספּירירנדיק. עס איז איינע פֿון יענע גוט־ייִדישע געשטאַלטן, וואָס זײַנען אײַנגעוויקלט אין פֿאָלקס־ליבע און וואָס געהערן צום הומאַניסטישן פֿאָלקס־פֿאַרמעגן פֿון אַלע ייִדישע דורות.

באָרעך בענדערסקיס גרינע וועלט

1

די פּעטע, שוואַרצע ערדן פון ענטרע־ריִאָס זיינען אַזוי פּרוכטיק און מאַזל־בראָכעדיק, אַז זיי האָבן באַוויזן אַרויסצוגעבן פון זיך ניט נאָר יידישן ווייץ, יידישן ליאָן, יידישן מאַיִס און יידישע שאָר־יעראָקעס, נאָר אויך יידישע ליטעראַטור...

די זעלבע ווייצן, ליאָנען און מאַיִסן, וואָס זיינען אויפגעגאַנגען אַף דער יידישער ערד און געצויגן זיך צו דער אַרגענטינער זון, האָבן גענומען וואַקסן ליטעראַריש אין די ווערק פון אַרגענטיניש־יידישע שרייבער. זייער כיינעוודיקסטן אויסדרוק האָבן זיי געפונען אין באָרעך בענדערסקיס אידיליש־לירישע דערציילונגען, אין זיינע פּסיכישע עטיודן איבער דער „שטומער צונג", אין די שטייגעריש־געמיטלעכע סקיצן, אין די סאָציאַלע אַלעגאָריעס און אינעם קינדער־מייסעלע.

די זעלבע דאָראַדיזשאָס, סיינאָס, ראָסיזשאָס, טאָרדיזשאָס און מאַלאַקאַראָס, וואָס האָבן אַרומגעגאַלאָפּירט אין די פּאַטרעראָס האָבן גענומען גאַלאָפּירן ליטעראַריש אַף די זייטלעך פון בענדערסקיס ווערק. די זעלבע נאָווישאָס, טעלעצעס, עקסלעך און בוהייעס, וואָס האָבן געצופּט גראָז אַף די ליכטיקע לאָנקעס, האָבן גענומען צופּן זאַפטיקן גראָז אין בענדערסקיס ליטעראַרישע אַרבעטן. די זעלבע געשפּרינקלטע באַטאַראַסן, מילד־וויייסע לעגהאָרנס און רויטע ראָד־איסלאַנדס, וואָס האָבן געקוואָקעט און געקרייט אַף די קאָלאָניסטישע הויפן, האָבן גענומען וויזן זייערע הינערישע פיינקייטן אין בענדערסקיס שריפטן...

אויך די וויניקער לאַנדווירטשאַפטלעכע באַלע־כאַיִם, ווי הינט,קעץ, קראָליקלעך, פייגעלעך און פלאַטערלעך, האָבן זיך אַריינבאַקומען אין בענדערסקיס גרינער וועלט; און אַפילע די אומסימפּאַטישע כאַיעס און כאַיעלעך, ווי טכוירן, מאַרדערס, כאַזיירים, קאַראַיטשאָס, שלאַנגען, ווערעמלעך און

שפינעו, האבן אויסגעקעמפט בא בענדערסקין אן ארט אונטער דער זון...

די גאנצע כאיעשע „געזעלשאפט” פון יידישן קאמף און דער גאנצער נאטירלעכער כיין פון ענטרע־ריאס איז אריינגעדרונגען אין בענדערסקים ווערק, און צוזאמען מיט דעם — אויך דער יידישלעכער כיין פון די קאסרילעווקער און טונעיאדעווקער גאוטשן, וואס זיינען געבראכט געווארן קיין ארגענטינע קעדיי ארויסצובאקומען פון די באוואקסענע פאמפעס די צוגעזאגטע באראנישע שעפע. צוזאמען מיטן אלגעמיינעם כיין איז אויך אריינגעדרונגען דא און דארט דער סאציאלער אומכיין פון אויסנוצונג און אונטערדריקונג.

אין יענע פיאנעריש־העראישע צייטן, ווען דער 14יאריקער בענדערסקי איז געבראכט געווארן פון דער אלטער בעסאראביע אף דער יונגער ענטרע־ריאסער ערד, איז נאך די נייע גרינע וועלט געווען ווילד און שטעכיק, און דראענדיק. די געוויקסן, די אקסן, די „פונדיקעס” און די יקא־אדמיניסטראטארן האבן געהאלטן אין איין ווילדעווען און האבן ניט אויפגענומען מיט קיבעד די גנילאפיאטעווקער קאנקיסטאדארן...

פראסטיק זיינען געווען די פארטאגן און סארפעדיק־היים — די דעצעמבערדיקע זון; שווער איז געווען די פראצע און קארג איז געווען די נאטור; ביטער איז געווען די מאטע און הארט — דער אסאדא, און ס'האבן אן אויפהער געשראקן די מעסער־העלדישקייטן פון אנארכישן, אומגעצוימטן גאוטש.

ס'איז געווען א האלב־העפקערדיקע, אבער א שיינע וועלט, און אט די דאזיקע רויע שיינקייט פון דער נייער סוויווע און די נייע פירפיסיקע פעלד־פערסאנאזשן האבן זיך פארקליבן אין געמיט פון יונגן קאלאניסטישן זון, און דאס וואס ער האט דערפילט מיטן הארצן האט ער גענומען ארויסברענגען אפן פאפיר.

2

מיט א 20 יאר צוריק האב איך נאך באוויזן צו באפריינדן זיך מיטן דאזיקן פיינפילעוודיקן פעלדמענטש, וואס איז שוין דאן געווען פארבונדן ארום 45 יאר מיטן ענטרע־ריאסער באדן.

איך בין דאן געווען א יונגיטשקער איראפעישער ערד־

ספּעץ, וואָס איז דורך דער יִקאַ געשיקט געוואָרן אין דער קאָלאָניע קלאַראַ, אַפּן דאָמינגעזער אָפּשניט פון ברייטן קאָלאָניסטישן פּראָנט. כ'האָב זיך דאָרט, אַף דער ערשטער פּייער־ליניע, געדאַרפט אויסלערנען די כאָכמע פון יִקאַ'ישער אַדמיניסטראַציע, די טוירע פון צודרינגלעכער געלט־מאַנעגיש און פון שטרענגער אויפזעערײַ...

3 געפילן האָבן זיך דאָ געפלאָנטערט אין מײַן האַרצן: אַ ביסעלע פרייד, ווײַל איך בין געפאָרן צו אַ נײַעם יִדישן לעבן; אַ ביסעלע מער פאַרדרוס, ווײַל מײַן טעכנישע שליבעס, ווי טעכניש־אַגראָנאָמיש זי זאָל ניט האָבן געווען, האָט זיך פאַרט געפונען אין אַ געוויסער סטירע צו מײַן אידעאָלאָגישן' קוק אַף זאַכן; און אַסאַך אומעט, ווײַל מען האָט מיר שוין געהאַט אָנגערעדט פון אַלע זײַטן וועגן אונטערגאַנג פון דער יִדישער קאָלאָניזאַציע.

וואָס ווײַטער איך בין אָבער אַרײַנגעפאָרן אין ענטרעריאָס, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דאָס ביסעלע פרייד און אַלץ קלענער — דער גרויסער אומעט. דער פאַרדרוס, ווידער, האָט זיך צײַטווײַליק אײַנגעשרומפּן און אָפּגערוקט אין הינטערגרונט.

ס'איז געווען האַרבסט און ס'האָט געגלאַנצט די שמאַלציקע בלאַטע, אָבער ס'האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאַרבײַטראָגן פאַרבײַ מיר צענדליקער ווײַסע הײַזקעלעך אײַנגעוויקלטע אין זון. די קאַמפּן זײַנען געווען אָפּגעשאָטן מיט כקאָט, און פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט האָט זיך געוויקלט איין שטיק יִדיש לאַנד. די מאַמע־ערדישע בילדערישקייט פון יִדישן דרויסן האָט גלײַך אימפּאָנירט, און שפּעטער, ווען כ'האָב דערפילט אונטער מײַנע וואָגל־טריט די 120.000 יִדישע העקטאַרן פון דער קאָלאָניע; ווען כ'האָב זיך באַקענט מיט די יִשובֿים, מיט די מענטשן, מיט די קאָאָפּעראַטיוועס; ווען כ'האָב דערשפּירט דעם געזונטן פעלד־אָטעם פון אַ יִדישער פויערים־מאַסע, האָט מײַן פּריצײַטיקער אומעט גענומען אויסרינען און כ'האָב אַרויסגעזען אַז די קרעכצער קרעכצן אומזיסט. ווען זיי וואָלטן מער פאַרשטאַנען און געקעמפט, און ווייניקער געזאָכצט און געקרעכצט, וואָלט ניט געווען צוליב וואָס צו קרעכצן.

ווייניקער פון אַלץ, אָבער, האָב איך זיך געריכט צו טרעפן אַף דער דאָזיקער ערד אַ יִדישן שרײַבער און דערצו נאָך פון אַזאַ קאַליבער ווי בענדערסקי. אויב עס איז פאַראַן אַזאַ פּײַנער שרײַבער, וואָס גיט אַן אויסדרוק דעם אַרומיקן לעבן, האָב איך געטראַכט, איז עס דאָך דער בעסטער סימן אַז דאָס דאָזיקע לעבן איז ניט אונטערגעגאַנגען. אַ לעבן און אַ

סוויווע, וואס בעט זיך אין דער ליטעראטור אריין, א לעבן וואס איז דערוואקסן צו ריידן ליטעראַרישע רייד, איז א לעבעדיקס און א געזונטס, ווייל אז אפשטארבנדיק לעבן האט ניט קיין לאשן און קיין ליטעראַרישע אמביציעס.

און נאך מער בין איך געווען איבעראַשט, ווען כ'האב דערזען דעם שרייבער אליין — ניט קיין פונאנדערגעוואקסענעם אין דער ברייט, ווי ס'ראוו יידישע קאלאניסטן. ניט קיין איינגעבויגענעם דורך די יארן, נאר א הויך־געשטרעקטן און א לייכטן, מיט א פאר אויגן ווי 2 צעבליטע בלאע ליאנפעלדער.

ס'האט פון אים געטראגן עפעס א מין אנגלאזאקסישקייט, א מין אויסדרוק פון נאטירלעכער זעלבסטווערדע, אבער אן קאלטקייט און אן דעם מינדסטן סימען פון אנשטעל. עס האט זיך ניט אפגעטאן פון זיינע דיסקרעטע ליפן א קוים־בקיצירט, גוטמוטיק־איראניש שמייכעלע און ס'האט שטענדיק געווייט פון אים אן ערדיש־פרישער אפטימיזם און א פויעריש־פעסטע איינגעגלויבטקייט אז ס'וועט זיין גוט און אז ס'מוז זיין גוט.

ער האט גערעדט בילדעריש, מעשאלימדיק און פאלקסטימלעך, און אין זיין אפשאצונג פון מענטשן און געשעענישן איז געווען קעסיידער א טאן פון אפענער קריטיק קעגן די פארשיידענע סאציאלע אוולעס, אבער שטענדיק אן העפּקערדיקע אויסדרוקן און אן אריינפאלן אין וווּלגארקייט, אפן שטייגער פון געוויסע קאלאניסטישע פסיידא־רעוואלוציאנערן. ער איז געווען א טיפער געפיל־מענטש, אבער א באשיצטער מיט א שאל פון דיאלעקטישער ניכטערקייט. קוקנדיק אף אים האט מען געקענט זאגן: אט איז א פויערישקייט וואס איז גייסטיק און אריסטאקראטיש, אין בעסטן, פאלקסטימלעכסטן זינען פון דאזיקן ווארט.

עס איז געווען א דערפרישונג ארויפצוכאפן זיך בארגארויף קיין סאן־גרעגאריא און צוקומען מיט דער גאלעמלאנגער, יידישער דארפס־גאס צו בענדערסקיס גרין־פארפוצטן שטיבל, פון וועלכן ס'פלעגט ארויסקוקן א ביכערפארפוצטע וואנט און א שמייכל־פארפוצטער פאנעם פונעם קינסטלער פון דער ענטרע־ריאסער ערד.

אף דער דאזיקער לאנגער גאס זיינען פארלאפן קימאט זעכציק יאר פון זיין לעבן. אין צאפנדיקן שפיץ פון דער גאס האט זיך געפונען זיין הייזקע, און אין דארעמדיקן שפיץ — רוט איצט זיין קייווער. צווישן די דאזיקע ביידע גאסן־עקן פון סאן־גרעגאריא ליגט דער קאלאניסטישער און שרייבערישער לעבנסוועג פון בארעד בענדערסקין.

ס'איז טאַקע ניט מער ווי אַ גאַס, אָבער די האַזיקע גאַס איז דער ראַנד פון אַ גאַנצער וועלט — די גרינע וועלט פון ייִדי־שן פּויער אין אַרגענטינע.

3

באַרעד בענדערסקי האָט אַרײַנגעבראַכט אַ ביז גאַר אָרי־גינעלן און אַרגענטיניש־אײַגנאַרטיקן טאָן אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

מיט קינסטלערישער געצווימטקייט, פּסיכאָלאָגישן שאַרף־זין און לײַכטן הומאָר האָט ער קוידעם־קאָל געגעבן אַ וואָרט דער „שטומער צונג" פון די ייִדישע פעלדער. ער האָט זיך אָבער ניט באַגרענעצט אויף דער כאַיע און אויף דער בעהיי־מע; ער איז ניט נאָר אַרײַנגעדרונגען, דורך סובטעל־פּסיכי־שע קאַנאַלן, אין דער ניט־מענטשלעכער נעשאָמע, נאָר איז אויך געווען אַ שילדערער פון צווישנמענטשלעכע באַציִונגען און אַ באַשרײַבער פון דער קינדערישער וועלט, וואָס איז אַזוי אומענדלעך גרויס אין איר קלוימערשטער קלײנקייט און באַגרענעצטקייט.

אָבער אַפילו דאָרט ווו ער שילדערט כאַיעס, שילדערט ער זיי אָפטמאָל סימבאָליש און ער מיינט מיט דער כאַיע דעם מענטשן, קעדיי אַרויסצוברענגען, אויף אַ פאַרשטעלטן אופן, דאָס סאָציאַלע אומרעכט, אָפּן שטייגער פון די פּאָבל־שרײַ־בער.

אָפּן קאַמף דערוועקן זיך אָפט באַם פּרימיטיוון אָדער פּרימיטיוו־לעבנדיקן מענטשן כאַיעשע אינסטינקטן אָבער אַנשטאָט צו שילדערן דאָס כאַיעשע אינעם מענטשן האָט בענדערסקי געשילדערט דאָס מענטשלעכע אין דער כאַיע. ער האָט זיך דערגראָבן צו דער טיף־פאַרהוילענער נעשאָמע פון דער כאַיע, און האָט אַנטדעקט ריינקייט און שיינקייט באַ אַנסייבלדיקע וועזנס, וואָס געפינען זיך אויף אַ סאַך שטאַפּ־לען נידעריקער פון'עם מענטשן.

ער האָט ניט אַרויסגעבראַכט אין זײַנע ווערק קיין דראַמאַ־טישע סאָציאַלע קאָנפליקטן, אָבער זיכער ניט דערפאַר ווײַל ער האָט ניט געקענט, נאָר ווײַל ער האָט ניט געוואָלט. זײַן סאָציאַ־לע באַוווּסטזיניקייט, פון איין זײַט, און זײַן שילדערן מײַס־טערהאַפט די אינערלעכע דראַמאַטישע קאָנפליקטן אין דער נעשאָמע פון אַ באַל־כאַי, פון דער צווייטער זײַט, ווײַזן אַז ער האָט געהאַט אידעיִשע און קינסטלערישע מעגלעכקייטן אַרויסצוברענגען שאַרפע געזעלשאַפטלעכע קאָנפליקטן, אָבער

ער האט זיך געפונען אין אזא סוויווע וווּ קיינער האט אים ניט סטימולירט צו ליטעראַרישער גרויס־אַרבעט.

שרייַבעריש איז ער געווען איזאָלירט און האָט ניט געוואָגט צו מאַכן קיין פּאַרמעסטן. זייַן איבערגעטריבענע באַשיידנ־קייט, זייַן האַלטן זיך פאַר ניט באַרופן צו מאַכן גרויסע לי־טעראַרישע פּרוּוון און די קאָלאָניסטישע דייַגעס־פּאַרנאָסע האָבן ניט נאָר פאַרשמעלערט זייַן טעמאַטיק, נאָר אויך שטאַרק רעדוצירט די פּראָדוקטיווקייט אַפן געביט פון זייַן געווינטלעכער ליטעראַרישער אַרבעט, בעמעשעך פון די לעצ־טע צוואַנציק יאָר פון זייַן לעבן. עס איז קיין ספק ניט, אַז ווען ער וואָלט זיך געפונען אין אַ ליטעראַריש־גינסטיקערער סוויווע, וואָלט ער אויך אַרויסגעבראַכט קינסטלעריש דעם קאָלאָניסטישן ווי און די סאָציאַלע קאָנפליקטן אין ייִדיש־פויערישן לעבן.

מען דאַרף אָבער אונטערשטרייַכן, אַז אין זייַנע קליינע ווערק זייַנען פאַראַן גרויסע סאָציאַל־אויפברויזנדיקע מאָטי־וון. זייַן דערציילונג „רעבעלדע” — דאָס איז אַ גאַנצע דראַ־מע אין געציילטע זייַטלעך, און איז אַ לויבגעזאַנג צו דער בונטאַרישקייט פון יענע וועזנס וואָס קענען ניט לעבן מיט אַ יאָך אַפן האַלדז. מען האָט דעם אייַנדרוק אַז פון פאַשעטן פערד „רעבעלדע” וואָלט געקענט ווערן אַ מין באַיעשער ספּאַרטאַק, אָבער מען קען אויך אָננעמען אַז די דערציילונג איז אַ סימבאָליש בילד פון רעבעלדישקייט ביכלאַל, עפּשער מער מענטשלעכער ווי באַיעשער. דאָס ניט וועלן לעבן מיט אַ לאַסאָ אַפן האַלדז איז מער אַ מענטשלעכע אייגנשאַפט ווי אַ באַיעשע. דער נאַטירלעכער דראַנג צו פרייַהייט איז אייגנ־טימלעך פאַר אַלע באַשעפענישן און אין דער ערשטער ריי פאַרן מענטשן.

פון אַן אַפּענעם סאָציאַל־סאַטירישן כאַראַקטער איז זייַן דערציילונג, אָדער בעסער געזאָגט — פאַבל אין פּראָזע, „דער באַלטויווועניק”, ווו דער טכויר פּרוּווט, מיט אַ זיסן שמייכע־לע, אייַנריידן די הינער וואָס ער דערשטיקט, אַז ער מיינט גאָר זייער טויווע. אָט ווי דער טכויר דאַרשנט צו די הינער:

„איר פאַרשטייט גאָרניט די גרויסע טויווע וואָס אייַך קומט אַרויס, אַפילע ווען איר ברענגט אַ קליינעם קאָר־בן. אייַך קאָסט אַמאָל דאָס לעבן פון אַ קליין הינדל, וואָס איך עס אויף, דערפאַר אָבער זעט־איַין אייַער באַלעבאָסטע די נויטווענדיקייט פון אַ גוטן גאַלפאַן צו מאַכן פאַר אייַך, און דורך דעם זייַט איר שוין אויך באַשיצט פון רעגנס און שטורעם־ווינטן, פון וועלכע איך און אייַערע קינדערלעך וואָלטן אומגעקומען פון

נעץ און פֿון קעלט. און נאָר מיר האָט איר צו פֿאַרדאַנקען דעם גוטן גאַלפּאַן, אין וועלכן איר ווינט... און איצט, אַז איך קום פֿאָדערן פֿון אײַך נאָר אַ קלייניקייט, מאַכט איר שוין געוואַלדן, אַז מען קען מיינען ווער ווייס וואָס, איבערהויפּט אַז איך מיין גאָר אײַער טויווע. עד, נאַראַנים וואָס איר זײַט!"

אַ סאַך הינער לאָזן זיך אײַנריידן פֿון דער טכוירישער רעמאַגאָגיע און לאָזן זיך אויפֿעסן לעטויוועס האַקלאַל, לעטויווע האַיוישער און לעטויוועס האַלאָגיק, אָבער די יונגע הענער ווייסן שוין צו ענטפֿערן אָט ווי אַזוי:

„געווים האָט מען געמאַכט אַ גאַלפּאַן אויך צוליב דיר, אָבער לויט דײַנע רייד קומט אויס, אַז די גרינע אוגערקעס און ציבעלעס וואָס וואַקסן אין גאָרטן, דאַרפֿן דאַנקען די ציגן, וואָס צוליב זיי האָט מען געמאַכט אַ צוים אַרום גאָרטן"...

אין דער דערציילונג „די קאַרדאַ (דער דאָרן) און דער ווייץ" ווערט אַרויסגעבראַכט דער קלאַסן־אַנטאַגאָניזם אין דער געזעלשאַפֿט און עס ווערט באַוויזן די אַפּנאַרערישקייט און דער אָנשטעל פֿון פּאַראַזיט. דער ווייץ־זאַנג זאָגט צום דאָרן:

„באַ דיר איז רעכט אונדז צו האַרגענען, אַבי דו זאָלסט זיך שטיין באַקוועם און באַקומען אויך אונדזער ביילעק לעבנס־מיטל. און דו מיינסט אַז דערמיט וואָס דו לאָזט קלוימערשט אַרויס אַ רויט קוויטל וועסטו שוין אָפּנאַרן די גאַנצע וועלט, אַז דו ביסט גאָר אַ שיינע בלום און ניט קיין שטעכעדיקער דאָרן. נישקאָשע, ווער עס קומט נאָר מיט דיר אין באַרירונג, פֿילט דײַן גיפֿטיקן שטאָך".

אין זײַן באַרימטער דערציילונג „על טשאַקאַרעראַ" ברענגט בענדערסקי אַרויס, אַף אַ ביז גאָר סובטעלן אויפֿן, דעם קאָנטראַסט צווישן לידל „אָט אַזוי דרעשט אַ פּויערל ווייץ און מאַיס אָפּן פֿעלד" און דער ספּעקולאַנטישער ווירקלעכקייט. די קינדערלעך זינגען דאָס קאַסעטשע־לידל און דער וואָס מאַכט די עמעסע קאַסעטשע איז גאָר דער ספּעקולאַנט, וואָס נעמט צו דעם לעצטן קערנדל ווייץ באַם קאָלאָניסט און רופֿט אים נאָך אַן שווינדלער. די קינדערלעך מאַכן נאָך מיט זייער געזאַנג, פּאַנטאָמינע און מימיק ווי אַזוי דער קאָלאָניסט דאַרף זיך פֿרייען מיט דער קאָסעטשע, און דער באַראַבעווער קאָלאָניסט שטייט בעאיים־מיַיסע און גיסט מיט טרערן.

„אט אזא איז דער אונטערשייד צווישן פּאעטיש־קינדישן „אט אזוי דרעשט דאס פויערל" און דעם פּראזאיש־רעאלן „אט אזוי דרעשט מען אוים דעם פויערל"...

אין קימאט אלע בענדערסקיס ווערק, סיי דארט ווו די באיע סימבאליזירט דעם מענטשן און סיי דארט ווו די באיע איז געשילדערט אזא ווי זי איז, ווערן ארויסגעבראכט די ליידן פון דערנידעריקטן און עס ווערט אף א קינסטלערישן אופן געמאנט יושער. בענדערסקי איז ניט סתם א נייטראַ־לער, זאַטיקער באיעס־באשרייבער; אין אסאך פון זיינע באַ־יעס־באשרייבונגען איז פאראן דאס סאציאלע אדערל און דער פּראטעסט קעגן אומרעכט.

אין אלע זיינע ווערק איז אויך פאראן דער רייבער ערד־ און וואסער־פּייזאַש פון ענטרע־ריאס, דער ריטם און קאלאריט פון דער קאלאניע, און יענער פּיינער, עלעגאנטער, דיניטש־קער הומאר, וואס זיינע שטראלן צעשיטן זיך צווישן די שו־רעס און לויטערן־אויף דאס געמיט פונעם לייענער.

אויך אויסער זיין שרייבן איז בענדערסקי ניט געווען קיין סתם צוקוקער און קאלטער אבסערוואטאר. ער איז מיטן גאנצן הארצן געווען א פּראגרעסיווער מענטש, האט צוגע־לייגט א האנט צו פארשיידענע הילפס־אקציעס און סאלידאַ־רישע ארויסטרעטונגען לעטוויועס יענע טיילן פון דער מענטשהייט וואס קעמפן פאר א פרידלעכן לעבן, פאר א לעבן אן טכוירן, אן דערנער, אן שלאנגען, אן וועלף, אן שפּי־נען...

מיט דעם דערקלערט זיך אויך זיין סימפּאטיע צום איקוף, א סימפּאטיע וואס איז געווען וואך ביזן לעצטן מאמענט פון זיין לעבן. ניט קיין אנדערן ווי דעם יידישן קולטור־פאר־באנד אין ארגענטינע האט ער איבערגעלאזט זיין שרייבערי־שן האב און גוטס און אט די דאזיקע ליטערארישע ירושע איז טאקע דורכן איקוף ארויסגעבראכט געווארן אף דער ליכטיקער שיין.

בענדערסקים גרינע וועלט איז אזוי ארום ווידער געווארן לעבעדיק און איז פונאנדערגעעפנט געווארן פאר אלעמען.

4

באַרעד בענדערסקי איז אן עכטער ליטערארישער פּראָ־דוקט פון דער ארגענטינער ערד.

דא, קיין ארגענטינע, זיינען ניט געקומען קיין פּארטיקע שרייבער פון אייראפּע אזוי ווי דאס איז געשען אין צאפן־

אמעריקע, ווו עס האבן עמיגרירט אזוינע גרויסע און „פארטיקע" קינסטלער ווי שאלעם-אליכעם, שאלעם אש און אנדערע. קימאט אלע אונדזערע היגע יידישע שרייבער זיינען א פראדוקט פון ארגענטינע, פון ארגענטינער באדן. אין פאל בענדערסקי איז ווי אנגעמאסטן דער אויסדרוק „ארגענטינער באדן". ליטעראריש וואקסט ער ארויס פון דער היגער פויערישער ערד, פון יידיש-קריאזשישן ענטרע-ריאס. אף זיין לאנדשאפט, אף זיין כאיע, אף זיין מענטש ליגט דער כויסעם פון ארגענטינער עכטקייט און יידיש-קאלאניסטישער ווירקלעכקייט.

דער דאזיקער פרוכטיקער באדן פון דער יידישער קאלאניזאציע האט ארויסגעגעבן פון זיך נאך א ריי שרייבער, דערציילער, פאעטן, פובליציסטן, כראניקער. עס איז קעדיי צו דערמאנען, אז פון דער זעלבער ענטרע-ריאסער ערד, — פון דער קאלאניע קלארא, איז ארויסגעוואקסן אלבערטא גערשונאוו, וואס האט, אגעוו, אויך געפונען דעם איינציקן יידיש-ליטעראַרישן טיקן דורכן פארלאג פון איקוף.

ביידע שרייבער האבן געהאט פאר זייערע אויגן דאס זעלבע לעבן, אבער גערשונאוו האט אריינגעפירט אין זיין יידישער טעמאטיק א טאן פון ביבלישקייט און פון לייכטער אפאלאגעטיק. זיין רעאליזם איז געווען, אין א געוויסן זינען, אן עקזאטיש-באפארבענער, א פארשלייערטער, אין דער צייט וואס בענדערסקי האט אנגעווענדט א דורכאויס נאטירלעכן רעאליזם.

בעדערעד-קלאל קען מען אבער ניט פארגלייכן די דאזיקע צוויי שרייבער, ווייל צו גרויס איז דער אונטערשייד אין קאטעגאריע און פארנעם צווישן איינעם און צווייטן. עס איז בלויז א שאד וואס בענדערסקי האט ניט געהאט די זעלבע ברייטע מעגלעכקייטן פון ליטעראַרישער אנטוויקלונג און פערפעקציאנירונג וואס גערשונאוו, און וואס זיין לעבן האט ניט געקענט גענוג באגינסטיקן זיין שאפן.

דאס וואס ער האט באוויזן אויפצוטאן מיט זיין ניט-פרעטענציעזער, קאלאניסטישער פען איז אזוי לעבעדיק-אריגינעל און ליטעראַריש עכט, אז זיין נאמען וועט פארבלייבן אין דער גאלעריע פון יענע מענטשן וואס האבן פארשענערט און דערהויבן דאס יידישע פויערישע לעבן אין ארגענטינע. די דאזיקע גאלעריע, וואס אין שפיץ פון איר שיינען די גוטיידישע נעמען פון ד"ר נויעך יארטשא און מיגעל סאבאראוו, און וואס באשטייט איינגאנצן פון א 6-5 אנדערע נעמען, וועט אויך אנטהאלטן דעם נאמען פון בארעך בענדערסקי.

עס איז א פרייד פאר אונדזער ליטעראטור וואס דער דא־

זיקער נאָמען בענדערסקים געהערט צו איר אייגנס און וואָס זיין שאַפן האָט אַריינגעבראַכט אַזויפיל אַרגענטינישע נייַסן און נייַקייטן אין דער ייִדישער בעלעטריסטיק. אַז מען פאַרגלייכט דעם אינהאַלט פון בענדערסקים שאַפן מיטן אינהאַלט פונעם שאַפן פון אונדזערע קלאַסיקער, זעט מען ערשט ווי ווייַט אונדזער לעבן האָט זיך געענדערט און אַוועק פאָרויס. עס דוכט זיך אויס, אַז הונדערטער טויזנטער קילאָמעטער טיילן אָפּ מענדעלעס געפייגערטע קליאַטשע פון בענדערסקים צעהירזשעטן אָגער, שאָלעם־אַליינעמס פאַסטנדיקע ציג פון בענדערסקים קעמפנדיקן בוהייַ, ספּעקטאָס אָפּגעקראָכן קאָפּאָרע־הינדל פון בענדערסקים מעכטיקן באַטאַראַס...

עס איז אויך אַ פרייד פאַר אונדז וואָס אונדזער קאָלאָניסטיש לעבן איז געווען אַזוי לעבנספעיִק און אַזוי אויסדרוקפול, אַז עס האָט מיט אַזאַ קראַפט אַריינגעדרונגען אין דער ליטעראַטור; און פון דער צווייטער זייַט, איז פאַר אונדז אַ פרייד וואָס בענדערסקים טאַלאַנט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט געקענט געבן אַ ליטעראַרישן אויסדרוק דעם נייַעם לעבן דורך אַזאַ מין שווערן, פּסיכיש־קאָמפּליצירטן מיטל ווי די נעשאָמע פון דער כאָיע.

זייַן ייִדיש לעבן און זייַן ייִדיש שאַפן זייַנען געווען אַרגענטיניש דורך און דורך, און זייַנען אַ באַווייַז פון ייִדישער צוגעבונדנקייט צו אונדזער לאַנד, פון ייִדישער ליבע צו דער יונגער סאַנמאַרטינישער ערד.

בענדערסקי איז געווען אַן עכטער פּויער און אַן עכטער שרייַבער, אין אַן עפּאָכע ווען סיי אַקערן די ערד און סיי אַקערן שרייַבערישן פּאַפּיר איז געווען אַ פּיאָנערישע אַרבעט. מיט דער דאָזיקער דאָפּלטער פּיאָנערישקייט זייַנער, מיט זייַן פּראָגרעסיווער אידעיִשקייט און מיט זייַן גאַנצן שאַפן פאַרנעמט ער איינעם פון די סאַמע ערשטע ערטער אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע.

50 יִדישע פּאַמפּע־יאָרן

(דער לעבנסוועג פֿון דער קאָלאָניע „באַראָן הירש”)

1

די וויטיקדיקע ראָמאַנטיק פֿון יִדישן ערד־שידעד מיט אַרגענטינע איז, ניט איין מאָל, אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך אַ ריי מעמואַריסטישע, בעלעטריסטישע און פּאָעטישע ווערק.

דער האַלב־מעשיכישער כאָלעם, מיט וועלכן אַ יִדישער באַראָן האָט אויפגעשטורעמט די צאַרישע קאַסרילעווקעס און טונעיאַדעווקעס, און די שפּעטערדיקע ביטערע און דאָך לעבנספולע ווירקלעכקייט, זיינען געשילדערט געוואָרן אַף פאַרשיידענע אופאַנים דורך צענדליקער מעכאַברים, כאָטש דאָס גרויסע עפּאָפּעיִש־קינסטלערישע אָדער וויסנשאַפטלעך־היסטאָרישע ווערק איז נאָך אַלץ ניטאָ.

דאָ און דאָרט, באַ בענדערסקין און באַ גערשונאָוון, באַ אַלפּערסאָנען און באַ קאַצאָוויטשן, באַ ביזבערגן און באַ מי־כל האַקויהען סינאַי, אין דער קאָלאָניסטישער פּרעסע און אין יוביליי־זאַמלביכער, אין אַרטיקלען און לידער, אין צעזייט און צעשפּרייט, צעוואָרפן דאָס לעגענדאַרישע און דאָס מאַמאָשעסדיק־רעאַליסטישע פֿון דער יִדישער ערד־איינאָרדענונג אין אַרגענטינע.

פֿון די דאָזיקע פּראַגמענטן, פֿון די דאָזיקע טויזנטער פונקען וועט נאָך זיכער אויפקומען דאָס צענטראַלע ליטעראַרישע אָדער היסטאָרישע ווערק, אָבער דערווייל איז גוט וואָס די ביבליאָגראַפיע ווערט באַרייכערט און וואָס עס קומט צו ערנסטער דאָקומענטאַלער שטאָף.

גאָר אַ סאַך ערשטראַנגיקע מאַטעריאַלן ליגן נאָך געפאַנגען אונטער פינצטערע אַרכיוו־שטויבן, ספּעציעל באַ דער „יִקאַ”, און די יִדישע היסטאָריאָגראַפיע איז אָפּגעשלאָסן

פון זיי. פון דער צווייטער זייט, קען מען נאך ראטעווען פון אויסלעשונג די לעבעדיקע פיאנערישע זיכרוינעס פון א הייפל וועטעראנען, — געוועזענע פראנט־סאלדאטן און באראן־גרענאדירן פון דער גרויסער טראנסאטלאנטישער ערד־עקספעדיציע קיין ארגענטינע.

אלץ וואס איז ארכיווירט אין פאפיר און אין לעבעדיקן זיקארן מוז וואס שנעלער ארויסקומען אף דער ליכטיקער שיין, קעדיי דער היסטארישער עמעס פון אונדזער ארגענטינער אנהייב זאל דערשיינען אין זיין גאנצער קלארקייט.

2

עס ליגט פאר אונדזערע אויגן א ווערטפולער מאטעריאל וועגן די 50 פיאנערישע יארן פון דער קאלאניע „באראן הירש", וואס איז צעשפרייט איבער א שעטעך פון 110.000 העקטאר און וואס איר הויפטשטאט איז ריווערא. אויפגעקומען איז די קאלאניע אין א ליכטיקער דאטע פון א בארימטן יאר — אין מיי 1905.

דער דאקומענט איז א 260־זייטלדיק בוך, אין שפאניש, וואס הייסט „פיאנעראס". דארט ווו אין א בוך איז געווינטלעך אנגעגעבן דער נאמען פון מעכאבער, פיגורירט די אויפשריפט: „באוועגונג פון עקס־קאלאניסטן, איינוווינער פון דער הויפטשטאט"; און דארט ווו מען געפינט געווינטלעך דעם נאמען פון פארלאג, זאגט זיך: „רעדאקציע־קאמיסיע: שאמשן דרוקאראוו (סעקרעטאר), ארן פיקסעל, בערנארדא הערשהארן, עליאס שניידער". אף דער לינקער זייט שארבלאט זיינען אנגעגעבן נעמען פון ארויסהעלפער און שטיצער.

ווען מען כאפט א קוק אין פארווארט, ווערט די זאך קלארער. צווישן אנדערן זאגט זיך דארט אט־וואס:

„אין דאזיקן בוך איז גארניט אויסגעטראכט. ס'איז די פרוכט פון קאלעקטיווער אויסארבעטונג מיצאד צענדליקער מענער און פרויען, וואס האבן דורכגעלעבט אינגאנצן אדער טיילווייז די עפאפעע פון דער פיאנערישער עפאכע. זיבעציק און אכציק־יעריקע האבן דערציילט וועגן זייערע ערשטע טריט אף דער בסולעדיקער פאמפע, צושטעלנדיק, דורך די עמאטיווע זיכרוינעס פון זייערע סאמע ערשטע איבערלעבונגען, דעם לעבעדיקן רוישטאף פאר דער צונויפשטעלונג פון דאזיקן בוך. די רעדאקטארן האבן צונויפגעקליבן די פאקטן, האבן פארצייכנט די עפיזאדן און אינטערפרעטירט זיי. מער ווי א סיפער־האמייסעדיק בוך, איז עס, ווי געזאגט, א דאקומענט פון היסטארישער אפשאצונג".

איצט איז שוין די זאַך פאַרשטענדלעך: די גאַנצע קאָלאָניע האָט צונויפגעשטעלט דאָס בוך. ס'איז אַ מין קאָלעקטיווע אויטאָביאָגראַפיע וואָס 4 „אייניקלעך פון באַראָן", 4 אויטענטישע זין פון דער קאָלאָניע, האָבן אויסגעסידערט און רעדאַגירט.

כאָטש דאָס בוך איז רייך דאָקומענטירט, האָבן פונדעסטוועגן די צונויפשטעלער ניט געהאַט קיין צוטריט צו דאָקומענטן פון קאַרדינאַלער וויכטיקייט.

אונדז איז באַקאַנט, אַז אין היגן „יִווא" האָט דער קאָלאָניסט, עקס־אַדמיניסטראַטאָר און וויסנשאַפטלער אַרטור באַב איבערגעלאָזט אַ פאַרכאַסמעטע מאָנאָגראַפיע וועגן דער קאָלאָניע, מיט דער אויפשריפט: „עפענען נאָך מײַן טויט און נאָכן טויט פון מײַן פרוי". דוכט זיך, אַז ביידע זײַנען שוין טויט. אויסער דעם ליגט סעקוועסטרירט אין דער „יִקאַ" די העכסט־וויכטיקע דאָקומענטאַציע וועגן די ערשטע 10 יאָר עקזיסטענץ פון דער באַראָן־הירשער קאָאָפּעראַטיווע, וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ שטיקל געזעלשאַפטלעכע געשיכטע פון דער קאָלאָניע.

אַף דער דאָזיקער דאָקומענטאַציע, וואָס שימלט אונטערן שלאָס אין „יִווא" און אין דער „יִקאַ", האָט קיינער קיין רעכט ניט. זי געהערט צום פאָלק און צו דער יִדישער געשיכטע אין אַרגענטינע. די דאָזיקע דאָקומענטן, וואָס פאַראַ „דעליקאַטע סוידעס" זיי זאָלן ניט פאַרמאָגן, מוזן באַפרײַט ווערן און געשטעלט ווערן צו דער דיספּאָזיציע פון די פאָרשער.

אונדז זײַנען ניט באַקאַנט די סיבעס פאַרוואָס דאָס בוך איז דערשינען בלויז אין שפּאַניש. עס קען גרינגלעך זײַן, אַז די קאָלאָניסטישע זין און זייערע קינדער, וואָס וווינען אין דער הויפּטשטאָט, איז לײַכטער צו לייענען שפּאַניש, אָבער פון אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, און נעמענדיק אין אַכט די עכט־יִדישלעכע פאָלקסטימלעכקייט פון דער קאָלאָניע און די דורכויס־יִדישע שפּראַך־אַטמאָספער, אין וועלכער עס האָבן זיך אויסגעוויקלט אַלע דראַמאַטיקע געשעענישן פאַר די לעצטע 50 יאָר, וואָלט דאָס בוך געדאַרפט דערשײַנען אויך אין יִדיש. אַ יִדישער טעקסט וואָלט אויפגענומען געוואָרן מיט מער וואַרעמקייט און וואָלט געהאַט אַ טיפערן אָפּקלאַנג דאָ און אומעטום.

אויב עס איז אוממעגלעך געוואָרן אַרויסצוגעבן דאָס גאַנצע בוך אין יִדיש, וואָלט מען עס לעכאָל־האַפּאָכעס געדאַרפט טאָן מיט די ערשטע 5 קאַפּיטלען, וואָס זײַנען מער היסטאָריש, מער הימיש־ראָמאַנטיש און בילדן אַ געוויסע, גאַנצ־

קייט. אין א 6טן יידישן קאפיטל וואלט מען געקענט סינטע־טיזירן די וויטערדיקע 15, וואס זיינען שוין ניט אזוי אנ־געלאדן מיט יענער העראישער און פיאנערישער „אלטצייטי־קייט“, וואס בעט זיך מאמעש אז מען זאל זי ניט ארויסנעמען פון איר נאטירלעכן יידישן לעוויש.

3

דאס בוך הייבט זיך אן מיט אן ארייגפיר־קאפיטל וועגן די אומשטענדן וואס האבן צונויפגעפירט דעם מיירעוודיקן אסימילירטן באראן מיט זיינע וויטזוויטע „גלויבנס־גענא־סן“ פון דער מיזרעד־אייראפעישער ארעמקייט.

דאס אריגינעלע אין דאזיקן קאפיטל איז דאס ארויסברענגען דער אונטערשייד צווישן דער פארשלאפענער, באגרענעצטער פילאנטראפיע פון דער פאמיליע ראטשילד און די דרייסטע ברייטפארנעמיקע הירש־פלענער.

ס'איז דער זעלבער אונטערשייד וואס צווישן דעם קאנ־סערוואטיוון פעאדאליזם און דעם יונגטלעד־אונטערנעמערי־שן קאפיטאליזם. די באזיצער פון די ראטשילד־קאפיטאלן, וואס זיינען אויפגעקומען אין דער פעאדאלער אייראפע, אף דער באזע פון געלטהאנדל און פון פראצענטן, האבן אין זיי־ער פילאנטראפיע ניט געקענט האבן קיין ברייטערע וועלט־וויזיעס און האבן, אויסער דעם, געדארפט אנהאלטן די מיש־פאכעדיקע געלט־דינאסטיע, וואס האט זיך ניט געקענט דער־לויבן צוווארפן מיט הונדערטער מיליאנען.

דער באראן הירש, ווידער, האט אלע זיינע ריזן־קאפיטאלן צונויפגעזאמלט אין דער בלי־עפאכע פון יונגן קאפיטאליזם און ווי א רעזולטאט פון גרויסע אונטערנעמונגען אין דער דינאמישער בורזשואזער אייראפע פון דער צווייטער העלפט 19טן יארהונדערט. אין דער צייט ווען די ראטשילדס זיינען צו אלץ צוגעגאנגען מיט דער קאנצעפציע פון וווכערניקעס, האט דער באראן הירש געקוקט אף אלץ מיטן גייסט פון אן אונטערנעמער. אויסער דעם האט ער ניט געהאט קיין יאר־שים און האט ניט געדארפט אנטאן קיין מיליאנען־קרוין אף קיינעמס מישפאכע־קאפ.

אלץ איז בא אים פלאנירט געווארן אף דער באזע פון מי־ליאנען. מיליאנען יידן, מיליאנען פראנקן, מיליאנען העק־טארן, אבער אויך מיליאנערישע שטרענגקייט און א טאקי־פעסדיקע פויסט פון אויבן.

ער האט איינגעשטעלט „זיין“ קאלאניזאציע אף קאפיטא־ליסטישע, קאמערציעלע יעסוידעס. ער האט באפוילן אז אנ־

שטאַט סענטימענט זאָל אין דער קאָלאָניזאַטאָרישער פּראַקטיק הערשן שטרענגע אָפּקלײַבערישקייט, און וואָס שייך די קאָלאָניסטן, זאָל מען זיי צוגעווינען צו אַבסאָלוטער געהאָרכזאַמקייט, און אין עקסטרעמע פאַלן געדענקען, אַז עס איז פאַראַן פּאָליציי אַף דער וועלט...

די „ייִקאַ" איז געגרינדעט געוואָרן ווי אַן אַקציע־געזעלשאַפט און איר צענטראַלער דירעקטאָרן־ראַט איז ביז איצט צונויפגעשטעלט פון דער סאַמע אַריסטאָקראַטישסטער ייִדישער אָליגאַרכיע און פּלוטאָקראַטיע פון מירעוו־אייראָפּע (ענגלישע לאָרדן און קאָלאָנעלן, פראַנצויזישע באַראָנען און עקס־מיניסטאָרן, בעלגישע באַנקירן, שווייצאַרישע ראַבינערם און לעצטנס אויך — יענקישע ביזנעס־לײַט).

הינטער דער דאָזיקער פאָרמעלער פאַנצער־ווענטל פון הויכע נאָטאַבלען באַהאַלט אויס ביז איצט די „ייִקאַ" איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט און לאָזט ניט צו צו זיך קיין ברייטן אָדער אַפילע שמאָלן געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל.

דאָס פאָלק, וואָס איז, לויטן גײַסט פון באַראָן הירשס צוואָע, דער איינציקער יורש פון די ריזיקע „ייִקאַ"־פאָנדן און „ייִקאַ"־לענדערײַען, דאַרף נעמען זוכן מיטלען ווי אַזוי צוצונעמען בא די עטלעכע „שיינע ייִדן" זייערע מאָנאַרכיסטישע פּריווילעגיעס און ווי אַזוי צו דעמאָקראַטיזירן די פאַרקילטע, מירמלשטיינערנע „ייִקאַ".

4

אַפן אָרט, ווו בלויז מיט 10 יאָר פריִער זײַנען צעגראַמירט געוואָרן, מיט פײַער און שווערד, די אינדיאַנער שוואַטים דורך די „דראַבערער פון מידבער", האָבן די טונעיאַדעווער קאָנקיסטאַדאָרן גענומען דראַבערן, מיט די נאַקעטע הענט, די ווילד־פאַרוואַקסענע פּאַמפּע.

די קליינשטעטלדיקע ייִדישע דאָרעם־אוקרײַנע האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט דער אינדיש־גאַוטשישער פּאַמפּע, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע דראַבערונג פון דער העפקערדיקער, פּוסטער און טויט־דראָענדיקער וויסטעניש.

דער צוזאַמענטרעף איז פון אָנהייב ווײַט ניט געווען קיין פריידיקער. די צעשפּילטע פאַנטאַזיע פון די קליינשטעטלדיקע באַלע־כאַלוימעס האָט זיך געגעבן אַ בראָד איבער אַפן ברעג פון דער האַרטער, שוין אַביסל צו האַרטער ווירקלעכקייט.

ניט קיין טראָפּישע פרוכטן האָבן צו זיי אַראָפּגעוווּנקען, ניט קיין זילבערדיקע קוואַל־וואַסערלעך האָבן געוואַרט אַף

זייערע אויסגעטריקנטע גומענס, ניט קיין באַרוד־האַבאַ שמייכל האָט זיך געוויזן אַף די צעמענטענע פּענימער פון די באַראָן־מענטשן. צעקודלטער, פאַרשטיינערטער באָדן, שיידימדיקע שטורעם־ווינטן, מאַבלדיקע שלאַקס־רעגנס און אַדמיניסטראַטיווע פאַרריסנקייט פון דער „יעוויש" אָדער „יעקע" („יִקאַ") — אַזאַ איז געווען דער ערשטער אַרגענטינער קיבעד מיט וועלכן זיי זיינען אויפגענומען געוואָרן. ניט געקוקט אַף אַלץ און אַף אַלעמען האָבן זיי זיך אָבער אַריינגעוואָרפן אין דער ערדשלאַכט און אַריינגעביסן זיך מיט האַרעפּאַשנער אַקשאָנעס אין דער קאַרגער און פּיינטלעכער פּאַמפּע.

געקומען זיינען זיי מיט האַק און פּאַק — מיט רוסישע וועגענער און מיט געשפּאַן פּאַר צענדליקער פערד, מיט אַלטמאָדישע אַלמערס, אין וועלכע עס קען אַריינקריכן אַ גאַנצע שטוב, און מיט אַן אַ שיר קאַסטנס און בעבעכעס, קעדיי דאָס לעבן אין נייעם קנאַאַן זאָל גלייך פון אָנהייב ניט זיין אויסגעשטעלט אַף אַפּקומעניש און נויט.

מען איז אַרויסגעפאָרן „באַלעבאַטיש" און אַף איינצופונדעווען זיך, אָבער אַז מען איז שוין אָנגעקומען, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די ערד איז נאָך ניט גרייט, אַז קיין שטיבער זיינען ניטאָ און אַז די „יעקע" אַליין וויים נאָך ניט וואָס דאָרטן, אין דער ווייטער אויסרייסעניש, טוט זיך.

ערשט אין אַ שטיק צייט אַרום האָט מען זיך געדאַרפט נעמען שלעפּן אַליין, אָן פירער און אָן וועגן, פון דער לעצטער סטאַנציע קאַרוע ביז דער שטיק פּאַמפּע, וווּ עס שטייט ערגעץ אַ גאַלפּאָן פּאַר שעפּסן. דאָרט אַרום דאַזיקן שעפּסענעם גאַלפּאָן, וווּ 25 קאָלאָניסטישע מישפּאָכעס האָבן געדאַרפט וווינען, האָבן די קאָלאָניסטן אַליין געדאַרפט ערשט באַשאַפן די קאָלאָניע „באַראָן הירש".

אַף דורכצופאָרן די 60 קילאָמעטער צווישן קאַרוע און דעם גאַלפּאָן האָבן די גרינע פּאָרער פּאַרברויכט אַ 12‑10 טעג. מער ווי געפאָרן, האָט מען געטאַפּט אַ וואַנט, אָדער בעסער געזאָגט, געטאַפּט די פּאַמפּע, און איייניקע קאָלאָניסטן זיינען טאַקע אָט אַזוי אַ „טאַפּנדיק", פאַרפאָרן קיין האַצעפּלאַץ און שיר ניט אומגעקומען.

אַן איינגעפונדעווטער טעוויע־אָפּטימיזם האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזט דעם האָרעפּאַשנעם אוילעם. דער גאַלפּאָן, פון וועלכן עס האָט געשלאָגן אַ שטאַרקער רייעך פון שעפּסןשוויים און וואָס איז פול געווען מיט יאָרנלאַנגער אָנגעשמוציקטקייט, איז דורך קאָלעקטיווער אָנשטרענגונג שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געמיטלעכן האָטעל. עס האָבן

גענומען אונטערזיינגען די סאמאווארן; פון ליילעכער האט מען געמאכט ווענט, און מען האט זיך גלייך א נעם געטאן צו קארטשעווען און פאלמעסן די ווילדעניש און צווינגען זי צו געבוירן ברויט.

אף בויען שטיבער איז ניט געווען קיין צייט. האט מען אויסגעגראבן היילן און פראוויזאריש אריינגעקליבן זיך אהין מיטן גאנצן טונעיאדעווקער האב און גוטס. נאך דער ערשטער שטיקל ווייץ־גערעטעניש, האט מען זיך ערשט א נעם געטאן צו די שטיבער. ווער האט געבויט? אליין! ווער האט באשאפן בוי־מאטעריאלן? אליין! די פערד און די גאנצע מישפאכע, לעהאוודל, האבן געקנאטן די בלאטע און די שטרוי, און שפעטער אויסגעמייסטרעוועט ערד־ציגל פונעם איינגעקנאטענעם געמיש. נאך שפעטער האט דאס אויפגעשטעלטע שטיבל באקומען זיין ווייסן קאלך־טואלעט און פארוואנדלט געווארן אין א גאנצן „פאלאץ“.

אין שייכעס מיט דער דאזיקער היימישער בויונג, זאגט זיך אין בוד:

„בעמעשעך פון 3 כאדאשים האט די גאנצע פאמיליע געטאן קאטארגע־ארבעט. בלויז דער ריזן־אימפעט מיט וועלכן זיי זיינען געווען באהויכט, האט מעגלעך געמאכט אזא געוואלדיקע דערגרייכונג. עס קלעקן ניט קיין ווערטער אף אויסצודריקן דעם געהעריקן לויב פאר דער דאזיקער בויערישער באגייסטערונג און שעפערישער ליידנשאפט, וואס די קאלאניסטן האבן ארויסגעוויזן אין זייער קארבאנעספולן אנהייב. מיט יארן שפעטער, ווען עס איז איינגעשטעלט געווארן דאס שטאטישע אינסטיטוציאנעלע לעבן און די פרעסע־פארשטייער האבן אנגעהויבן באזוכן און באוואונדערן די יידישע קאלאניסטן, האט קיינער פון זיי ניט געהאט די מינדסטע אנונג וועגן דעם וואס עס האט מיט זיך פארגעשטעלט דער אויפקום פון דער קאלאניזאציע“.

דער זעלבער אפטימיזם און דער גייסט פון ברידערלעכן ארויסהעלפן זיך האט גענערט יענעם פיאנערישן אויסדויער, וואס איצט, אין די צייטן פון באקוועמלעכקייט און פון אלעם פארטיקן, קען מען גארניט באנעמען. באזונדערס דארף מען אונטערשטרייכן די ראל פון דער קאלאניסטקע, פון דער אייזשעס־כאיל, פון יענער יידישער פאלקס־פרוי, וואס האט ניט נאר געהארעוועט פאר פינפן, געלעגן אין קימפעט און געפירט די באלעבאטישקייט, נאר אויך צוגעגעבן מוט די מאנדזביל און געשאפן אין דער אנגעשטרענגטער פיאנערישער סוויווע יענע אינטימע היימישקייט וואס האט געמילדערט די טאג־טעגלעכע פארביטערונגען. מען קען דרייסט

זאגן, אַז אַז דער ייִדישער פּרוּו וואָלט די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע ניט דערלעבט דעם עלטער פון איבער 70 יאָר.

נאָך דער פּרייד פון דער ערשטער ווייץ־גערעטעניש און נאָך דער טויט־שרעק פון ערשטן פּאַמפּעראָ־ציקלאָן, האָט זיך די קאָלאָניע געגומען צעוואַקסן — מיט אַן אייגענעם שטעטל, מיט אַ קאָאָפּעראַטיווע און מיט אַלע איבעריקע ציוויליזאַטאָריש־פּראָגרעסיווע צוגאָבן.

מען האָט אויך פּאַרזוכט אָפּט דעם טאַם פון טריקעניש און פון היישעריק, אָבער דאָס ערגסטע איז געקומען ניט פון דער בלינדער און קאַפּריזנער נאַטור, נאָר פון די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע טוווע־מאָנאָפּאָלן, וואָס פלעגן אויפקויפן דעם קאָלאָניסטס האַרעוואַניע פאַר קינסטלעך־אָראָפּגעקוועטשטע בעהאָלע־פּרייזן און פאַרקויפן עס אין אויסלאַנד 10 מאָל טייערער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער היישעריק און די בייזע נאַטור איז אַ הונט אַנטקעגן דער פּרעס־ און פּרעס־פירמע בונכע און באָרן און אַנדערע טוווע־שפּינען. מען האָט פאַרשטאַנען אַז אַרגענטינעס עמעסע נאַטור־אומגליקן דאַרף מען זוכן ניט אַף די קאַמפּן, נאָר אין די בערזע־קאַנטאָרן פון פּאַריז און לאָנדאָן...

5

מער ווי אין וועלכן ניט איז אַנדערן קאָלאָניסטישן יישעוו האָבן זיך אין „באַראָן הירש" אויסגעטיילט 2 אינטערעסאַנטע דערשיינונגען: ייִדישע פּעאָנען און ייִדיש־קאָלאָניסטישע פּרעסע.

אין אַלע איבעריקע „יקאָ"־קאָלאָניעס איז אַ ייִדישער פּעאָן געווען אַ זעלטנקייט. ס'ראָוו פלעגט מען אָנדינגען „פונדיקעס", וואָס זײַנען געווען היימיש מיט דער פּרעמדלעכער ערד, מיט דער האַלב־ווילדער בעהיימע און מיטן גאַנצן שטייגער לעבן פונעם אַנגעברויגעזטן אַרום. אַ פּעאָן, וואָס איז ניט געווען קיין „פונדיק", האָט אין די צאַפּנדיקע קאָלאָניעס אויסגעזען עפּעס אַזוי ווי אַ געפעלשטע, ניט עכטע זאַך...

אין „באַראָן הירש" איז אָבער אויפגעקומען אַ גאַנצער שיכט ייִדישע פּעאָנען, וואָס די אַרבעטסלאָזיקייט האָט זיי אַרויסגעטריבן פון דער גרויסשטאָט. ניט פאַר איינעם וועט עס זײַן אַ נײַס, אַז גרינע באַכערים אַז לאַנד־קענטעניש און אַן אַ ספּעציעלער נייגונג צו ערדאַרבעט, זײַנען ניט געוואָרן קיין קוועטעניקעס נאָר געפאָרן אַף דאָרעם פאַרמעסטן זיך

מיט דער שווערסטער פּראָצע אויף דער וועלט. דער יונגנט־לעבער געמיט, דער שטאָטישער עלנט און די ייִדישע ערד־ראָמאַנטיק האָבן אַ סאַפּעק געשפּילט אַ ראָל אין דער דאָזיקער איבערוואַנדערונג.

אַ סאַד אַזוינע יונגעלייט זײַנען טאַקע אַרײַנגעוואַקסן אין דער ערד־ווירקלעכקייט און אין די הערצער פון קאָלאָניסטישע טעכטער, און געוואָרן שפּעטער קאָלאָניסטישע איידעמס, און נאָך שפּעטער — זעלבשטענדיקע קאָלאָניסטן.

דער שיכט פּעאָנען איז געוואָרן אַזוי אַנזעעוודיק און זייערע געמיינזאַמע עקאָנאָמישע אינטערעסן אַזוי וויכטיק, אַז אינגאַנצן 3 יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער קאָלאָניע איז שוין דאָרט אַנטשטאַנען אַ פּעאָן־סינדיקאַט און אין 8 יאָר אַרום נאָך איינער.

און אינטערעסאַנט איז, אַז די ערשטע צײַטשריפט אין דער קאָלאָניע האָבן טאַקע אַרויסגעגעבן 2 ייִדישע פּעאָנען, און זינט דאַן, זינט דעם יאָר 1916 ביז 1934, זײַנען, בעמעשעך פון 18 יאָר, דערשינען 5 פּעריאָדישע אויסגאַבעס, ס'ראָוו פון זיי קעמפּעריש, קולטור־טראַגנדיקע, יוישער־מאָנענדיקע, סײַ אויף דער פּעריפעריע פון דער לאָקאַלער פּראָבלעמאַטיק און סײַ אין אַ ברייטערן פאַרנעם.

אויפן דאָזיקן געביט פון פּיאָנערישן ייִדישן קאַמפּסוואָרט אין דער ייִדישער פּאַמפּע האָבן זיך אויסגעטיילט און אויסגעטוינגט: ייִסראָעל קאַזאַקעוויטש, מוישע לאַם, צווי שנײַדער, מוישע ראַטושני, בערל הירשהאָרן, עליאַס שנײַדער, אַרן דײַכאַווסקי, ייִצכאַק מיזראַד, שאַמשן דרוקאַראָוו. אייניקע פון די דאָזיקע קעמפּערישע נעמען זײַנען באַקאַנט אין גאַנץ אַרגענטינע, אָבער געדענקען דאַרף מען, אַז דאָס ערשטע פּײַערל פון זייער אידעאַל האָט אויפגעלויכטן צווישן ייִדישן פּויערטום און אַז דאָרט האָבן זיי זיך אויסגעלערנט צו שיסן אין ציל און צו טרעפן ווו מען דאַרף.

6

אין אַנדערע קאַפּיטלען פון בוך ווערט געוויזן די צאַפּלדיקע יוגנט פון דער קאָלאָניע און די ליטעראַריש־סצענישע פּרוכטן פון איר קולטור־אומרו.

עס ווערט געשילדערט דער געראַנגל מיט דער „ייִקאַ", וואָס האָט אָנגעווענדט די הימלשרײַענדיקע מעטאָדן פון „דעסאַלאַכאַ" און וואָס האָט נאָכאַנאַנד אַרויסגעוויזן איר האַרטע גײַציקייט און איר מוסטערהאַפטע זאָרג פאַר צוריק־

באַקומען וואָס שנעלער יעדן אינוועסטירטן גראָשן און דעם פּראָצענט פֿאַר יעדן גראָשן.

ווען די קאָלאָניע איז אַלט געוואָרן 14 יאָר, איז איר צוגעוואַקסן בײַ דער זײַט די גרופּע לאַפּין — אַ יונג קאָלאָניעלע, וואָס איז אויפֿגעקומען ווי אַ נעס און וואָס איר אויפֿקומען האָט אויפֿגעדעקט אַ טאָפּלטן שווינדל פֿון דער „יִקאַ".

פֿון איין זײַט האָט די קאָלאָניע „באַראָן הירש" געהאַט 10.000 פּעטע, שוואַרצערדיקע רעזערוו־העקטאַרן, וואָס זײַנען אין די „יִקאַ"־ביכער געווען פֿאַרצייכנט ווי אומנוצלעכע בלאָטעס און זומפּן (קעדיי מען זאָל זיי קענען פֿאַרדינגען צו פֿי־הענדלער און ניט קאָלאָניזירן...) פֿון דער צווייטער זײַט, האָט מען אינסטאַלירט קאָלאָניסטן אין נאַרסים לעווען, 100 קילאָמעטער אַפֿן דאָרעם פֿון „באַראָן הירש", אין אַן אומגליקלעכן מידבער, וואָס מען האָט דער „יִקאַ" אַרײַנגערוקט און אַרײַנגעשווינדלט ווי גוטן באָדן, און וואָס האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך בלויז זאַמד, ווינט און צאָרעס.

אַנשטאָט אַראָפּצושלינגען דעם דורכפֿאַל און אָפּווישן די ליפּן, האָט די „יִקאַ", פֿון איר זײַט, אָפּגעשווינדלט אומשולדיקע קאָלאָניסטן. 10 יאָר איז די דאָזיקע סיטואַציע געשטאַנען אַזוי מיטן קאָפּ אַראָפּ, ביז עס איז געלונגען, מיט גרינגע ווערעם, אַז די קאָלאָניסטן וואָס זײַנען געווען פֿאַרשיקט אין נאַרסים לעווען זאָלן אַרויסגעפֿירט ווערן פֿון מידבער און איבערקאָלאָניזירט ווערן אין „באַראָן הירש". אַזוי איז די אַוולע פֿון טאָפּלטן שווינדל טיילווײַז פֿאַרריכט געוואָרן.

זינט דאַן איז דאָס מעזיניקל לאַפּין דאָס געראָטנסטע קינד פֿון „באַראָן הירש". קאַמפּערישע פּראָגרעסיווקייט און סאָליד־פּויערישע אײַנגעזעסנקייט זײַנען די כאַראַקטער־שטריכן פֿון די לאַפּינער אויסגעפּרוּווטע האָרעפּאַשניקעס.

שטאַרק אָנזעעוודיק אין „באַראָן הירש" איז די קאָאָפּעראַטיוויסטישע אָרגאַניזירטקייט. 4 קאָאָפּעראַטיוועס נעמען אַרום מיט סאָלידאַרישער וואַרעמקייט און מיט עקאָנאָמישער באַשיצערישקייט דאָס גאַנצע מאַטעריעלע און אַפֿילע סאָציאַלע לעבן. די גאָר ערשטע קאָאָפּעראַטיווע איז צוליב דער אומבאַהאָוונטקייט און עפּשער אויך צוליב די ניט־גאָר־קאָשערע מאַניפּולאַציעס פֿון די טאַקיפּישע אָנפֿירער, אונטערגעגאַנגען, און די „יִקאַ" האָט זי געיאָרשנט, אָבער זינט מען האָט זיך געלערנט שערן אַף דער אייגענער באָרד און זינט די אָנפֿירונג איז אַריבער אין די הענט פֿון פֿאָלקישן עלעמענט, איז מען געוואָרן קליגער און אָרנטלעכער, און מען האָט אַפֿילע צוגעלייגט אַ פֿעסטע האַנט צו דער צענטראַליזי־

רונג פון גאַנצן ייִדישן אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוויזם אין לאַנד.

באַ אַזאַ סאָרט אַנטוויקלונג פונעם קאָאָפּעראַטיוויזם, האָט זיך געקענט שאַפן די פּאַרפירערישע מיינונג (און זי האָט זיך טאַקע געשאַפן אין געוויסע קרייזן), אַז קאָאָפּעראַטיוויזם איז שיר ניט סאָציאַליזם אָדער אַ פאָרם פון שאַרפן אַנטי־קאַפּיטאַליזם.

די דאָזיקע אידעע האָט בעמיילע געקענט פירן צום געדאַנק פון קאָאָפּעראַטיוויסטישער אַפּאָליטישקייט, פון אָפּרייסן דעם קאָלאָניסט פון די פּאָליטישע קאַמפן און פון שאַפן באַ אים דעם גלויבן, אַז עקאָנאָמישער קאָאָפּעראַטיוויזם, אין די גרעניצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער סטרוקטור, שטייט אַפילע העכער פונעם סאָציאַליזם, ווי דאָס האָבן ניט איין מאָל אַרויסגעבראַכט קאָלאָניסטישע פירער. עס איז אַ וויכטיקער פאַרדינסט פון די רעדאַקטאָרן פון „פּיאָנערן” וואָס זיי האָבן צונישט געמאַכט די דאָזיקע פאַלשע און פאַרשלעפּערנדיקע קאָנצעפּציע.

אינעם בוך איז ניט אויסגעלאָזט קיין איין ווינקעלע פון קאָלאָניסטישן לעבן, קיין איין אָפּגלאַנץ פונעם ליכט־און־שאָטן־שפּיל, וואָס עס שטעלן פאָר מיט זיך די 50 שווערע יאָרן. די ערשטע 5 קאַפּיטלען פון בוך זיינען אינטערעסאַנטער, ווייל זיי זיינען מער דערציילעריש־שילדעריש; די ווייטערדיקע קאַפּיטלען זיינען געשריבן מער כראָניקמעסיק.

וואָס פאַר אַ טייל פון בוך מען זאָל אָבער ניט אָנכאַפּן, קוועלט פון אים אַרויס דער געזונטער פּראָגרעסיווער גייסט פון אונדזער פויערים־מאַסע און די ביטאַכנדיקע געמיטלעכקייט פונעם ייִדישן פאָלקסמענטשן.

7

ווען מען לעבט זיך אַריין אין די דראַמאַטישע עפּיזאָדן פון בוך און פון ענלעכע ביכער, ווו עס לעבט און ברויזט די 70־יאָריקע געשיכטע פון דער ייִדישער ערד־איינגעזעסנקייט אין אַרגענטינע, גיט אַ טויך אַרויס דער געדאַנק: וואָס פאַר אַן ערשטראַנגיקער שטאָף פאַר אַ ייִדיש־אַרגענטינישן פילם!

די דורכשניטלעכע אַרגענטינער פילמען זיינען שוואַך און אָנעמיש, ווייל זיי זיינען אויסגעהוילט פון לעבעדיקן און היסטאָרישן רעאַליזם און ווייל זיי דרייען זיך אַרום קאָנווענציאָנעלע סאַלאָן־געשיכטעס פון פוסטן בירגערטום; אָבער, דאָ, אין אונדזער ייִדישער קאָלאָניזאַציע, ליגט אַ מאַטעריאַל, וואָס פאַרפילמירטערהייט קען ער האָבן לעכאָל־האַפּאָכעס

אזא קינסטלערישן דערפאלג ווי „לאס אגואס באכאן טור־ביאס". (*)

פון אלע אונדזערע קאלאניסטישע געשיכטעס און פון די בעלעטריסטישע פרווון אף דעם געביט, וואלט מען געקענט צושויפשטעלן א פילם־סצענאר, וואס זאל הייסן „די יידישע גאוטשן" אדער „די יידישע פאמפע", אדער נאך בעסער — „די צווייטע דעראבערונג פונעם מידבער".

דער „איפט", בעשוטפעס מיט א 4-3 אקטיארן פון דער ארגענטינער בינע און מיט גרופעס קאלאניסטישע זין, וואל־טן געווען בעקויעד פונאנדערצוּוויקלען, אין דער גאנצער פילמישער ברייט, די פויערישע עפאפעע פון אונדזער יידישן לעבנס־אנהייב אין ארגענטינע.

דער דאזיקער גרויסער אנהייב, וואס האט אזוינע וויכטיקע העמשאכים אין גאנצן לאנד, איז ווערט אז גאנץ ארגענטינע זאל וויסן וועגן אים און זאל אים דערזען אפן און קלאר אפן קינא־לייוונט.

---

*) דער בארימטער ארגענטינער פילם, וואס שילדערט דאס „לעבן" און די ווילדע עקספלואטאציע פון די לוין־ארבעטער אף די זשערבא־שטאכים פון צאפן־ארגענטינע.

אַנהייב שטורעם

(אַ פּאָר נאַכטיקע רעפלעקסן פון אַ געוועזע־נעם יקאַ־אַדמיניסטראַטאָר)

1

ס'איז טיפע נאַכט. אין שוואַרצן גרינס שטייט מײַן ווײַס פעלדשטיבל און עסט זיך אַרײַן מיט די שטרענגע שײַבעלעך אין די ווײַטקייטן פון ייִדישן קאָלאָניסטישן פלאַכלאַנד.

מײַן פעלדשטיבל איז דאָס קאַפּיטאַן־בריקל פון דער קאָלאָניע און איך, — דער ייִנגסטער רודערער פון באָראַנס פלאַט — שטיי באַם רודער...

די לעוואָנע איז ערגעץ אויסגערונען און מײַן ווײַס שטיבל איז פון אַלע זײַטן אַרומגעקלעפּט מיט פינצטערניש. די נאַכט איז אַ גליטשיק־שלײַמיקע און אַ צעפּאַרעטע. טויזנטער גרילן פײַלן דעם הייסן כווישעד, און צאַנקענדיקע גליפליִנעלעך און גליווערעמלעך צינדן זיך אָן און לעשן זיך אויס. זיי טריפן אַרויס פון אונטער דער אַרומגעפּײַלטער, פאַרוואונדיקטער נאַכט, ווי לויכטנדיקע טראָפּנס ווייטיק...

אַף אַ פאַרקראַמפּטן בליץ, וואָס אַ ווײַטער שטורעם האַלט אין איין אָנבינדן צווישן צוויי בוימערשפּיצן, הענגט די נאַכט און טריקנט איר פײַכטע שטאָק־פינצטערקייט. אַז דער בליץ פּלאַצט, גיט זיך דער כווישעד ווידעראַמאָל אַ וואַלגער אַרײַן אין גראָז און באַדעקט זיך מיט הייסן שטורעם־שווייס...

דער געלער בליץ איז נאָך גאָר אַ ווײַטער. שפּעטער, ווען ער וועט זיך דערנענטערן, וועט ער ווערן בלאָ־גרין און אָנגרײַפעריש. דערווײַל צאַפּלט ער אַ שטומער און גרייט זיך צו זײַן שפּעטערדיקער צעדונערטקייט. אין דער דערווײַליקער שטילקייט ציט זיך אַרײַן דער געגרימפּל פון די זשאַבעס, דער געשורש פון די פלעדערמײַז, דער צונג־געקנאַל

פון די שלאַנגען, דער געהויל פון די סאָוועס און דער געשלייך פון די מאַרדערס...

די נאַכט איז פול מיט שפּיצנעגלדיקן, שטילבײַכיקן געקראַך; מיט שטילפליגלדיקן, פאַרטײַעטן געשוועב; מיט שאַרפציינגיקן, שפּיצאויגיקן געלויער...

2

דער קרײַז ליכט, וואָס דער נאַפטלאָמפּ וואַרפט אַפן אַדמיניסטראַציע-טיש, זעט אויס ווי אַ גאָלדענער רינג אַף אַן אַרײַנגעשטופּטן פינגער פון דער נאַכט... דער פינגער טײַטלט אַפן טיש און איך צייל די לייזונג פון טאָג — קאָלאָניסטישער ווייטיק; צוואַנציקיאָריקער, צענטיאָריקער, נעכטיקער, הײַנטיקער. איך האָב שוין דעם דאָזיקן ווייטיק געציילט נעכטן און אייערנעכטן. זינט איך שטיי באַם רודער צייל איך אים, צייל און פאַרצייל, צייל און פאַרפּלאָנטער זיך.

דאָס סאַמע ווייטיקדיקסטע פון דעם וואָס עס האָט זיך געהאַט אָנגעקליבן אַפן קאַפּיטאַן-בריקל האָב איך מיט אַ שטיקל צײַט צוריק צונויפגענומען אין אַ הויפן, און אַט דעם דאָזיקן הויפן מיטן שאַרפסטן קאָלאָניסטישן ווייטיק האָב איך, — דאָס יונגע קאַפּיטאַנדל, אַוועקגעפירט אין אַדמיראַלן-הויז פון דער הויפּטשטאָט... געוואָלט האָב איך דעם הויפן ווייטיק בײַטן אַף אַ הויפן פרייד און אויסגערעכנט האָב איך אַז פון דער דאָזיקער איינפאַכער טראַנזאַקציע וועט מיר נאָך אַרויסקומען לעבאַל-האַפּאַכעס אַ גלעט איבערן האַנט.

אין אַדמיראַלן-הויז האָט מען מיט יאַם-וועלפישער רויִקייט גענומען אַ שמעק טאַבאַק פון דעם וואָס איך האָב געבראַכט און אויסגעטרייסלט מײַן האַנט אין יאַם אַרײַן...

שפּעטערצו האָט מען מיר, אַפן ווינק און אַף אָנצוהערעניש-לאַשן, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ קאַפּיטאַנישע האַנט דאַרף וויסן וואָס דורכצולאָזן דורך די פינגער-שפּאַלטן און וואָס צו פאַרשטשעמען. ביכלאַל איז סײַכלדיקער וואָס מער דורכצולאָזן, ניט נעמען אין אַכט, מאַכן צוגישט, אָבער אויב עס קומט שוין אויס צו פאַרשטשעמען, דאַרף מען עס טאָן אַזוי אַז עס זאָל רינען זאַפט פונעם פאַרשטשעמעטן...

ווייטיק? ווייטיק איז קוידעם-קאָל אַ קאָלאָניסטישע גוזמע און אויך אַן אַנשטעל, און טאַקע אויך אַ פאַראורטייל. דערפאַר דאַרף מען זיך באַגיין מיט ווייטיק ווי מיט נעגל-וואַסער, — זאָל עס אַפּרינען; אָבער קוים בלײַבט בײַזווײליק יאָ עפּעס

צוגעקלעפּט צו דער דלאַניע, דאַרף מען עס איינקלאַמערן, פאַרקוועטשן. נאָכן קוועטש קומט אַ קוויטש און נאָכן קוויטש ווערט שטיל.

גלעטן? ווער זאָגט דען אַז נישט? דער גוטער ווערט פון אַ גלעט ליגט אָבער אין דעם וואָס ער דאַרף נישט דעמאָראַליזירן דעם געגלעטן. דעריבער דאַרף מען נישט גלעטן מיט דער שלאַבעריק־ווייכער דלאָניע נאָר מיט דער פעסט־מענערישער פויסט. די גלעטנדיקע פויסט — אָט דאָס איז דאָס וואָרט און דער סימבאָל! אָט דאָס איז דער שווערעש פון יעטווידער אַדמיניסטראַטיווער מעטאָדיק, אָט דאָס איז דער סינטעז פון קראַפט און יווישער. פון איין זייט איז עס אַ גלעט און פון דער צווייטער זייט איז עס אַ וואָרענונג. עס איז אַ גלעט וואָס קיצלט נישט, נאָר וואָס ציילט די ריפּן, עס איז אַ באַוואָפנטער, מענערישער גלעט.

מיט אַ פויסטער, אויסגעטרייסלטער האַנט האָב איך זיך אומגעקערט צו מיין קאַפּיטאַן־בריקל און אַנשטאָט אַ גלעט האָב איך צוריקגעבראַכט אַ מיעסן ברי.

3

דער ניט־באַקומענער גלעט האָט אויפגעוועקט אין מיין זיקאָרן די געשיכטע פון אַ צווייטן ניט־באַקומענעם גלעט. עס האָט זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק פאַר מיינע אויגן די סאַמע ערשטע אַנטוישונג פון מיין גאָר פריסטער, צאַרטסטער יוגנט:

אין דרויסן האָט געסקריפּעט אַ ליטווישער פראָסט. אָבער אין שטוב האָט אַרומגעכוואַליעט אַ מעכאַיעדיקע וואַרעמקייט, וואָס איז צעגאַנגען שעמען־זאַיסדיק אין די ביינער. אין ווינקל איז געשטאַנען אַן אייזערן אויוועלע און פון זיינע אָנגעצונדענע איינגעווייטן האָט אַ פלאַמענדיקע פרייד אַרויסגעקנאַקט מיט בעריאָזענע פונקען. דאָס טירל פון אויוועלע האָט זיך צעגליט און צעפּורפּורט, און באַדעקט זיך איינגאַנצן מיט רויטן צוויט. די דאָזיקע ליכטיקע און וואַרעמע רויטקייט, הינטער וועלכער עס האָט געשטיפּט די פונקען־מוזיק און עס האָבן זיך געפלאַכטן שלאַנקע פלאַקערן, האָט אַ ריר געטאָן אין מיין האַרצן די ערשטע אַנונג פון שיינקייט. איך האָב ניט געקענט אָפּטרעטן פון רויט־צעבליטן אייזן און איך האָב מיטאַמאָל באַשלאָסן אַז אַזויפיל שיינקייט איז ווערט אַ גלעט. האָב איך מיט מיין גאַנצן אָנגרעגעצדיקן צוטרוי אויסגעצויגן מיין הענטל און אַ גלעט געטאָן די פור־

פורדיקע אַנגעגליטקייט. געענטפערט האָט מיר ניט די שיינ־קייט נאָר דאָס אַנגעגליטע טירל, וואָס האָט אַ ווילדן בױם גע־טאָן מיין צאַרטע הויט און געלאָזן אַ סימען אַף שטענדיק.

אין איין רעגע בין איך אַראָפּגעפאַלן פון צוואַנציקסטן שטאָק פון מיין קינדערישער באַגייסטערונג. ניט מיט ווייטיק בין איך פול געווען נאָר מיט שטוינונג. דער עמעסער ווייטיק האָט געשלאָגן נישט פון דער בראַנדוווּנד אַף מיין האַנט נאָר פון דער אומגלויבלעכער באַליידיקונג, פון דער אַנטוישונג נומער איינס וואָס דאָס לעבן האָט אויסגעברענט אַף מיין לייב און פאַרשריבן מיט פייער אַף מיין אומשולד. ביז דאַן האָב איך נאָך ניט געהאַט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס אַפּנאַרן און אָפּגענאַרט ווערן; איז געקומען אַן אייזערן טירל און האָט עס מיר געגעבן צו פאַרשטיין מיט איין אײנציקן ברען.

האָב איך טאַקע גאָר פרי גענומען פאַרשטיין אַז ניט שטענדיק באַקומט מען פאַר אַ גלעט אַ קעגנגלעט און אַז גאָר אָפט איז אַ קעגנברען די באַצאָלונג פאַר אַ גלעט; אַז ניט אַלץ, וואָס איז שיין, מעג מען גלעטן, און דער איקער, — אַז עס זיינען פאַראַן שיינקייטן וואָס ווענדן אַן זייער גאַנצע שיינקייט אַף צו קענען געבן אַ שיינעם ברען.

דאָס איז די לעקציע וואָס אַן אייזערן טירל פון אַן אויוון האָט מיר געגעבן ווען פאַלשער שיינקייט איז סאַמע קאַיאָר פון מיין קינדהייט, און וואָס האָט זיך באַוויזן מיט יאָרן שפּעטער פאַר מיינע אויגן אַפן קאַפּיטאַן־בריקל.

4

די באַראָמעטער־נאָדל פאַרצייכנט דעם הויכן בלוטדרוק פון דער פאַרכאַלעשטער נאַכט, און דער אויסגעציילטער קאַלאַניסטישער ווייטיק דריקט מיט זיין שווערער קופּערדיקייט אַף מיינע מידע הענט, אַף די דאָזיקע הענט, וואָס אַף זיי איז ניגזער געוואָרן דורכצומאַכן דעם פאַרזיכטיקן פויסטן־סטאַזש; די דאָזיקע הענט וואָס דאַרפן דורכמאַכן די אומ־באַדינגטע פאַרביינערונג, קעדיי זויכע צו זיין צו עמעסער קאַפּיטאַנישער פירערישקייט.

איך קוק אַפן צייכן וואָס דאָס אייזערנע טירל האָט גע־לאָזן אַף מיין האַנט און עס דוכט זיך מיר אַז דאָס איז אַ סימבאָל פונעם בונד וואָס איך האָב אין די יוירנדיקע יוגנט־יאָרן פאַרשניטן מיט מיין געוויסן צו האַלטן שטענדיק ריין און אַפן מיינע הענט, און צו פאַרשליסן זיי אין פויסטשלע־

סער ערשט דאן וועז מען וועט עמעצן דארפן אויסלייזן פון ווייטיק.

מיטאמאל דערפיל איך אז עמעצן גלעט — א גלעט פון מיין מאמען. איך דערזע א פאר שורעס פון אירן א בריוו וואס האט מיך אנגעיאגט גלייך ווי איך בין ארויף אף די יידישע פעלדער. די שורעס גיבן זיך מיט א בליץ-שריפט א קריץ אריין אינעם כווישעד: „...אז איך האב זיך דערוווסט, מיין זון, וווהין די וואגל-ווינטן האבן דיך פארטראגן, האב איך גלייך, צוליב דיר, איבערגעלייענט אלפערסאנס „דרייסיק יאר יידישע קאלאניזאציע אין ארגענטינע"; בעט איך דיך דעריבער, מיין קינד, און איך זאג דיר אן, און איך פארזאג דיר: טו גוטס! זאלסט טאן גוטס אפילו דאן ווען מען וועט דיר הייסן טאן שלעכטס. זאלסט לעמאן־האשעם ניט דריקן, נאר גלעטן און פארגלעטן, אוביזכוט זע וועט דיר דער אויבערשטער באלייכטן דיין וועג..."

און איך האב אין מיטן פון דער שטאק־פינצטערניש דער־זען מיין וועג...

5

א ווינטל האט אריינגעפלאטערט אין גלעזל פון לאמפ און האט אויפגעוועקט די פאפירן אפן טיש. אין א רעגע ארום האט א בלאפיינערדיקער שטורעם א לעק געטאן די שויבן און געגומען שיירן דעם כווישעד און רייבן אים מיט א בינטל בליצן.

דער קאלאניסטישער כווישעד אף מיין טיש האט זיך אויך א רודער געטאן. איך האב דערפילט אז דער דאזיקער כווי־שעד וועט איינגיכן אראפגיין פון די הארטע טישן, קעדיי צוצוגרייטן זיין אייגענעם שטורעם, קעדיי אויסצובריען זיי־נע ערשטע בליצן פון אייגענעם אויפגעוועקטן פייער.

דער ערשטער רעאַקציאָנערער אָנגריף קעגן ייִדישן ערד-לעבן אין אַרגענטינע

(פאַרשאַרבעט) (1)

דער אָפענער בריוו צום באַראָן האָראַץ גינצבורג און צו קאָל יִסראָעל (כל ישראל)

צוזאַמען מיטן נומער 144 „המליץ" („האַמייליץ"), פון יאָר 1893, האָבן די אַבאָנענטן פון דער דאָזיקער צײַטונג באַקומען אַן אומזיסטע בײַלאַגע אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט פיר מעכאַברים מיט פיר פאַרשיידענע אַרבעטן. דער ערשטער מײמער פון דעם פיראַרטיקלדיקן זאַמלהעפט איז געווען אַלעקסאַנדער צעדערבוימס „ירא(ה) הקהל וישפוט" (זאָל קאָהאָל זען און מישפּעטן).

צעדערבוימס אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרודערונג אין ייִדישע שטעט און שטעטלעך. דאָס איז ניט געווען סתּם אַזוי זיך אַ מײמער אָפּן שניט פון די איבעריקע דרײַ און האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן מיטן געוויינטלעכן שטאָף און מעיושעוודיקן טאָן פון אַ יאָנטעוודיקער אָהער ליטעראַרישער בײַלאַגע. אַנשטאָט דער פײַערלעכער מײמער-טעמאַטיק פון יענע צײַטן, וואָס איז דער איקער באַשטאַנען פון היסטאָריש-מאָנאָגראַפישע, פילאָזאָפיש-מאָראַליזירנדיקע און מאַסקיליש-אויפקלערערישע באַטראַכטונגען,

---

(1) נעמענדיק אין אַכט, אַז דאָס דאָזיקע בוך ווערט אַרויסגעגעבן ווי אַ פאָלקס־אויסגאַבע, איז אין טעקסט פון אַט דער פאַרשאַרבעט אַרײַנגעגעבן געוואָרן זייער ווייניק פונעם דאָקומענטאַציע־מאַטעריאַל און פון די וויסנשאַפטלעך־ביבליאָגראַפישע צוגאָב־באַמערקונגען, וואָס געפינען זיך אין דער גרונט־ווערסיע פון אָריגינאַל. — מעכאַבער

האט דער לאנגיאריקער רעדאקטאר פון „המליץ" בארירט אן איניען וואס איז געשטאנען בערומוי־שעל־אוילאם פון דער יידישער געזעלשאפטלעכער פראבלעמאטיק: די פערספעקטיוון פון דעם אקערשט אנגעהויבענעם ארגענטינער קאלאניזאציע־פרווו, וואס האט אין פרינציפ, לויט דעם דרייסטן בארא͏נישן אפטימיזם, געזאלט אויפפראלן די טויערן פון ארגענטינישן קנאאן פאר די 3 מיט א פערטל מיליאן יידן פון צארנלאנד.

צעדערבוימס מיימער האט געווירקט מיט א באזונדערער קראפט צוליב דריי מאטיוון: ערשטנס, צוליבן אינהאלט גופע, וואס איז פול געווען מיט פאלעמיק און מיט רעוועלאציעס; צווייטנס, צוליב דער ניט־געוויינטלעכער פארעם פון ארטיקל, וואס איז געדרוקט געווען ווי אן אפענער בריוו צום פארזיצער פון יקא־קאמיטעט אין פעטערבורג — באראן הארא״ץ גינצבורג; דריטנס, ווייל דורכן קעפל פון ארטיקל, האט צעדערבוים פארוואנדלט זיין בריוו צום בארא״ן גינצבורג אין אן עפנטלעכן דאקומענט און אוועקגעשטעלט אזוי ארום דעם גאנצן איניען ארגענטינע פארן ברייטן יידישן דאס־האקאהאל און פאר מישפעט פון קלאל.

דער ארטיקל האט אויך געווירקט צוליב דער אויטאריטעט פון מעכאבער, וואס איז זינט 33 יאר געווען דער רעדאקטאר פון דער ערשטער און בארימטסטער העברעישער צייטונג „המליץ" (1904 — 1860), פון דער יידישער צייטונג „קול־מבשר" (1872 — 1862) און „יודישעם פאלקס־בלאט" (1890 — 1881), פון די יידיש־רוסישע וואכנבלעטער „וועסטניק רוסקיד יעוורעיעוו" (1873 — 1871) און „ראזסוויעט" (1883 — 1879), און פון העברעישן כוידעשזשורנאל „המצפה" (1885).

געווירקט האט אויך דער טאן פון עפנטלעכן בריוו. ניט קיין פייערלעכער איז געווען דער טאן, ווי מען האט געקענט דערוואַרטן לויטן עלטער פון מעכאבער און לויטן געהויבענעם אדרעסאט, נאר א פייערדיקער, א פראוואקאטארישער, א ער־און־שוועבלדיקער, הא־גאם צעדערבוים האט עטלעכע מאל אונטערגעשטראכן אז ער איז נייטראל, אז עס איז אים ליב צו ליידן פארן עמעס און אז עס קומט אים אוים אפט מאקריוו צו זיין זיך, ביז מארטירערשאפט, צוליב זיינע מייכונגען.

ווען מען נעמט נאך אין אכט אז דעם דאזיקן פייערשפריצנדיקן בריוו האט געשריבן א זאקן פון 77 יאר, זעט מען ווי פריש עס האט זיך קאנסערווירט די געזעלשאפטלעכע ליידנשאפט פון דאזיקן ערשטן וועטעראן פון דער העברעי־

שער און יידישער פובליציסטיק, ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

ניט דער עצעם אנגריף מיצאד צעדערבוימען אף דער יידישער קאלאניזאציע אין ארגענטינע איז געווען דער סיורפריז, נאר די שארפקייט פונעם אויסבראד, וואס איז געקומען צום אויסדרוק שוין ניט ווי סטאם א וועלכער ניט איז מאטעריאל אין „המליץ", נאר אין א זעלבשטענדיקער פארעם, ווי אן איניען פון באזונדערער נאציאנאלער וויכטיקייט.

די דאזיקע פארביסענע אטאקע איז געווען דער לעצטער אויפפלאם פון צעדערבוימס קעמפערישער נאטור. אין עטלעכע וואכן ארום איז ער געשטארבן.

דער אפשטאם פון צעדערבוימס רוגזע

דער אנגריף איז ניט געקומען פלוצלונג, נאר איז געווען דער לעצטער סרייפע-עטאפ פונעם פייער וואס האט זיך בעמעשעך פון יארן געקלייעט אף די זייטן פון „המליץ". צעדערבוים האט אונטערגעהאלטן דאס דאזיקע פייער סיי מיט דירעקטע האלב-צוגעפוצטע קארעספאנדענצן פון ארגענטינע און סיי מיט אייגענעם פובליציסטישן ברענשטאף.

זיין הויפט-ארויסהעלפער און הויפט-צושטעלער פון פאקטן, באגרינדונגען, סווארעס און פארשיידנקאליבערדיקער דאקומענטאלער אמוניציע איז געווען אווראם ווערמאנט, וואס האט נאך מיט 6-7 יאר פאר דער גרינדונג פון „דיא פאלקס שטיממע", געשטעלט זיך פאר א ציל צו פארשווארצן אין די אויגן פון דער יידישער וועלט די אקערשט געבוירענע יידישע קאלאניזאציע אין ארגענטינע. דער איניען האט ווערמאנטן פארכאפט, ווייל עס האט קוידעם-קאל געשמעקט מיט סקאנדאל און ווייל דער גאנצער ראאש, וואס עס האט געקענט אויפגעהויבן ווערן, האט זיך געלאזט קאשערן מיט א רעוואלוציאנער-העראישער לאזונג: קאמף קעגן דער סאטראפישער יקא-אדמיניסטראציע.

צעדערבוים האט זיך אנגעכאפט אין ווערמאנטן ווי אין אן עווען-טאוו און האט געעפנט פאר אים אין „המליץ" טיר און טויער. עס איז אבער א טאעם צו מיינען אז ווערמאנט איז געווען דער גוירעם פון צעדערבוימס נעגאטיווער פארביסנקייט צום איניען ארגענטינע. צעדערבוים האט לעבאטכילע געהאט א טאכאם-כערעוו-באציונג צו דער באראן-הירש-קאלאניזאציע און ווערמאנטס ארגענטינער הילף האט אים

בלויז צוגעשפּילט אין זיין אָפּאָזיציע. זיין דעקלאַראַציע וועגן אָנהאַלטן נייטראַלקייט, אַפילע פאַרן פּרייז פון מאַרטירערישקייט, איז, בעכיין, געווען ניט מער ווי אַן אָנשטעל. דאָס איז געווען א נייטראַלקייט וואָס האָט אַלץ אויסגעטייטשט צום שלעכטן און וואָס האָט זיך ניט פאַרגונען אף קיין ברעקעלע איינזען, אַפילע לעשיים יויצע מין האַקלאַל. וועגן געפינען א זכות אף עפּעס האָט ביכלאַל קיין שום רייד ניט געקענט זיין.

מיט וואָס דערקלערט זיך די דאָזיקע פאַרביסענע און קאַטעגאָרישע קעגנערשאַפט?

ווי ס'ווייזט זיך אַרויס האָט זיך צעדערבוים א לאַנגע צייט אַרומגעטראָגן מיט אייגענע פּלענער וועגן פּראָדוקטיוויזאַציע פון די ייִדן אין רוסלאַנד, און די דאָזיקע פּלענער, וואָס ער האָט געפּרוּווט אָנטאָן אין א רעאַלן לעוווּש, זיינען אַלע אף א ביטערן אויפן דורכגעפאַלן. צעדערבוים, וואָס איז געווען שטאַרק אָנגעזען באַם צאַרישן מאַלכעס און איז דורך זיינע מעטאָדן פון שטאַדלאָנעס געווען אַן אייגענער מענטש אין מיניסטאָרישע קולואַרן, און אויסגעבונדן מיט הויכע ספאָרעס, צו וועלכע די אָפיציעלע פאַרשטייערס פון רוסישן ייִדנטום האָבן וועלטן געקענט צוקומען, איז געווען זיכער, אַז דאָרטן ווו ער איז דורכגעפאַלן וועט שוין קיינער ניט מאַצליעך זיין. דער דורכפאַל זיינער איז געווען אַזאַ:

מיט א 10 יאָר פאַרן אָנהייב פון דער באַראָן־הירש־קאָלאָניזאַציע, ווען די לאַגע פון די ייִדן האָט זיך גענומען שטאַרק פאַרערגערן, איז צעדערבוים אַרויס מיט א לאַנגן מאַניפעסט־אַרטיקל אין 3 העמשאָכים, אונטערן קעפּל „עובד אדמתו ישבע לחם" („דער וואָס באַאַרבעט זיין ערד, וועט זיך אָנזעטיקן מיט ברויט"), אין וועלכן ער האָט פּראָקלאַמירט די נייטיקייט פון שאַפן אין רוסלאַנד א ייִדישן פּויערים־קלאַס, קעדיי די ייִדן זאָלן אויפהערן צו רייסן די אויגן פון „דעת הקהל הרוסי" (רוסישע עפנטלעכע מיינונג).

ווי צעדערבוים אַליין גיט איבער, איז דער אָפּרוף אַפן אַרטיקל געווען א קאָלאָסאַלער „בכל כנפות ארצנו" („אין אַלע עקן פון אונדזער לאַנד") און אַן ערד־ענטוזיאַזם האָט אַרומגעכאַפּט ברייטע ייִדישע קרייזן וואָס האָבן אים פאַרוואָרפן מיט בריוו און באַקאָשעס.

קעדיי א טאַפּ צו טאָן דעם דויפעק פון דער מעמשאָלע איז צעדערבוים אַוועק מיט זיין פּראָיעקט צום אינערן־מיניסטער מאַקאָוו, וואָס איז טכילעס געווען קאַלטלעך צום גאַנצן אינייען און אומגלייביק, ברענגענדיק ווי א ראַיע דעם דורכפאַל פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע וואָס די צאַרישע

רעגירונגען האבן דורכגעפירט אין די טעריטאריעס פון נײַ־רוסלאנד(2). אף אַז אונטערטעניק־דיפּלאָמאַטישן אופן האט צעדערבוים געגעבן צו פאַרשטיין דעם מיניסטער די הויפּט־סיבעס פון דורכפאַל און אנגעוויזן אַז דער נײַער פּלאַן, וואָס ער ברענגט, איז ניט אויסגערעכנט אף דעם קלענסטן מאַטעריעלן כעסעד פון דער רעגירונג אדער אף האנאכעס און פּריווילעגיעס.

---

2) די צעטיילונג פון פוילן האט איבערגעלאָזט דער צאַרישער מאַכט אַ ביטערע ירושע — קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן אף די סאַמע גרענעצן פון דער אימפּעריע. דורך אַ געזעצגעבערישן אַקט פון 1840 („פּאָלאָזשעניע דליא יעווריעוו") האָט דער אימפּעראַטאָר אַלעקסאַנדער דער ערשטער געפּרוּווט אַנטשיידן די שנעל־אויסגעוואַקסענע יידן־פראַגע. קעדיי שיטערער צו מאַכן די יידישע מאַסן און אַנולירן זייער „פּאַראַזאַבנדיקן" אײַנפלוס אף דער פּויערישער באַפעלקערונג (עס איז דאַן געווען אָנגענומען פאַר אַן אַקסיאָמע אַז „די יידישע שענקערס פאַרשפּרייטן שיקרעס און עקספּלואַטירן דעם פּויער") איז אין נײַעם סטאַטוט פאַראָרדנט געוואָרן אַז די יידן דאַרפן פאַרלאָזן די דערפער. קעדיי אָבער דעם איניען זאָל טראָגן קלוימערשט אַ הומאַניטאַרן כאַראַקטער און עס זאָל הייסן אַז מען זאָרגט גלײַכצײַטיק פאַר דער אַרויסגעשטויסענער יידישער באַפעלקערונג, איז באַשטימט געוואָרן אַז יידן זאָלן אַקטיוו אַרײַנגעצויגן ווערן אין דער לאַנדווירטשאַפט. די רײַכערע יידן האָט מען דערלויבט אײַנקויפן ערד אין אַ גרעסערער צאָל גובערניעס און די אָרעמע יידן האָט די רעגירונג מאַסקים געווען צו קאָלאָניזירן, אַף איר כעשבן, אף די פרײַע ערדן פון נײַרוסלאַנד.

קיין באַלאָנים אַף דער דאָזיקער מעלוכישער קאָלאָניזאַציע האָבן נישט געפעלט. בעמעשעך פון 60 יאָר, פון 1806 ביז 1866, איז אַף אַ ספּאָראַדישן און אומרעגלמעסיקן אופן דורכגעפירט געוואָרן די דאָזיקע קאָלאָניזאַציע דורך די רעגירונגען פון 3 צאַרן: אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, ניקאָלאַי דעם ערשטן און אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. אין די לעצטע יאָרן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס קיניגן, ד"ה אַרום 1860, האָבן, לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, עקזיסטירט 51 יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע יישווים, מיט אַ באַפעלקערונג פון 64.048 יידן.

די קאָלאָניזאַציע איז אָבער דורכגעפירט געוואָרן אַף זייער אַ שלאַבערדיקן אופן און די צאַרישע מאַכט האָט געהאַט דערבײַ ספּעציעלע קאַוואָנעס. אין פאַרגלײַך מיט דער גלײַכ־

קאנקרעט האט צעדערבוים געבעטן אז די רעגירונג זאל מאסקים זיין אף דער גרינדונג פון א קאלאניזאציע־געזעל־שאפט „ישוב יהודי רוסיא ברוסיא" („באזעצונג פון רוסישע יידן אין רוסלאנד") און זאל דערלויבן צו שאפן דעם גרונט־קאפיטאל דורך געלטזאמלונגען. צווייטנס, האט ער געבעטן, אז עס זאל דערלויבט ווערן צו קויפן ערד אין טכום האר־מוישעוו און נאענט פון די שטעט, קעדיי די קאלאניזאציע זאל זיין א מין הינטערשטאטישע און זאל אזוי ארום פאר־לייכטערן דעם אגראריזאציע־פראצעס פון די שטאטישע עלע־מענטן.

מאקאוון פערזענלעך האט דער גאנצער איניען שפעטער גענומען געפעלן ווערן. אף זאמלען געלט האט מען אבער גע־

צייטיקער קאלאניזאציע פון דייטשישע און בולגארישע קא־לאניסטן, זיינען פאר די יידן אויסגעטיילט געווארן די ערג־סטע כאלאקים לאנד און יעדן קאלאניסט איז געגעבן געווא־רן א העלפט פונעם שטעטך וואס עס האט באקומען א ניט־ייד. די קרעדיטן זיינען אויך געווען נישטיקע, ניט געקוקט וואס די רעגירונג האט אסיגנירט א גרויסן טייל פון די קא־זאבקע־געלטער צו שטיצן די יידישע קאלאניזאציע. דער מיין פון צאריזם איז געווען: ארויסרופן און פארגיכערן דעם יידישן דורכפאל קעדיי מען זאל קענען דאקומענטאל בא־הויפטן אז יידן זיינען אן אומפראדוקטיווער עלעמענט.

דער דאזיקער צארישער איינשטעל, די שלעכטע גערעטע־נישן, דאס אויספעלן פון מעדיצינישער באדינונג און די דעמאלסטיקע וויסטקייט פון די ניירוסישע טעריטאריעס, האבן טאקע ארויסגערופן גרויסע קריזיסן. א סאך יידן זיינען אויס־געשטארבן, א סאך זיינען זיך צעלאפן און די גאנצע קאלא־ניזאציע האט זיך איינגעשרומפן. דאך זיינען געבליבן קערנ־דיקע יידישע יישווים אין כערסאנער און יעקאטערינאסלא־ווער גובערניעס, און אף זייער סמאך טאקע איז דער בארימ־טער עקספערט קלאאוס געקומען צום אויספיר אז די יידן האבן געשאפן „א געזונטן קערן פון עמעסע ערדארבעטערס". ער האט אויך אויפגעוויזן די עמעסע אויסעריידישע סיבעס פון יידישן לאנדווירטשאפטלעכן דורכפאל אף די אנדערע ערטער.

בא דער צארישער רעגירונג, זינט אלעקסאנדער דעם צווייטן, איז אבער געבליבן אפגעמאכט אז יידן טויגן שוין צו גארניט און אז דער לאנדווירטשאפטלעכער עקספערימענט, וואס דער צאריזם האט מיט זיי דורכגעפירט, איז א באווייז אז יידן זיינען פסיכיש און פיזיש געצייגט צו פאראזיטיש־קייט.

דארפט האבן די האסקאמע פון קייסער אליין, אדער ווי צעדער־
בוים דריקט זיך אויס אז „אשרתא דמלכא". וואס שייך, ווידער,
דאס איינקויפן ערד, האט מען געדארפט האבן די פרעלימי־
נארע האסקאמע פון פינאנץ־מיניסטער וואלויעוו. צעדער־
בוים האט אויך „איינגעביסן" וואלויעוון, אבער קעדיי דער
גאנצער איניען זאל קענען אפיציעל צוגעשטעלט ווערן צו
דער רעגירונג, האט מאקאוו געפאדערט א סטאטוטן־פרא־
יעקט פון דער געזעלשאפט. צעדערבוים האט צונויפגענומען
א גרופע געזעלשאפטלעכע טוערס (ער רופט ניט אן זייערע
נעמען) און מיט דער יורידישער הילף פון פראפעסאר יאנ־
סאן האט מען זיך אוועקגעזעצט אויסארבעטן די טאקאנעס
און סטאטוטן.

אף דער דאזיקער הייד פון די באמיונגען און צוגרייטונ־
גען איז מיט א מאל געקומען דער דורכפאל. גענוי פאר וואס
ווייס מען ניט. לויט צעדערבוימען, וואס נעמט נאך א מאל
צו הילף די פארפאלגונג־מאניע אף וועלכער ער האט געלי־
טן, קומט אויס אז דער גרויסער פראיעקט איז צעקראכן צו־
ליב דעם וואס דער מענטש, וועלכער האט געפירט דעם סע־
קרעטאריאט (ער רופט ניט אן זיין נאמען), איז איבערגע־
רעדט געווארן פון זיינע סאנים און איז צוזאמען מיט אלע
פאפירן, סטאטוטן און פראיעקטן פארשוואונדן. דער דאזיקער
נאיווער אויסרייד פון צעדערבוימען, וועלכער האט זיך גע־
ווינטלעד קיין מאל ניט געלאזט באוולען, וועלכער האט
קיין מאל ניט אויסבאהאלטן די נעמען פון זיינע פריינט און
פיינט, איז צו טערוצימסעיק אז מען זאל אין אים גלייבן,
ביפראט אז עס איז זייער לייכט צו רעסטאורירן א פארלוי־
רענעם פראיעקט וואס מען האט מיט די אייגענע הענט און
מיטן יורידישן ראטגעבער אויסגעארבעט. אז צוליב פאר־
לוירענע ניט־אפיציאליזירטע פאפירן און אן אנגעווארפענעם
סטאטוטן־סקיץ זאל באטל ווערן א גראנדיעזער פראיעקט
וואס קען גליקלעך מאכן א מיליאניקן יישעוו — דאס האט
נאך קיין מאל ניט פאסירט און עס איז אוממעגלעך אז
אזוינס זאל פאסירן.

פארגעקומען איז פאשעט אט־וואס: די רעפרעזענטאטיווע
געזעלשאפטלעכע קרייזן פון רוסישן יידנטום, ספעציעל פון
פעטערבורג, האבן געהאלטן צעדערבוימען פאר א האלבן
איגנאראנט אין פאליטישע פראגעס און זיי האבן ניט גע־
קענט ליידן זיינע מעטאדן פון קריכעריי און פלאכער שטאר־
לאנעס. זיי האבן אויך גוט געוווסט ווי שטארק מען קען זיך
פארלאזן אפן צארישן כעסעד און דערפאר האבן זיי איגנא־
רירט דעם גאנצן פראיעקט. צעדערבוים, וואס איז געווען אף

ענטוזיאסטישער פובליציסט, אבער ניט קיין מענטש פון אק־
ציע, האט, דערזעענדיק זיך אליין אן איזאלירטן, זיך דער־
שראקן פאר דער אימפאזאנטקייט פון אייגענעם פראיעקט
און פארן אויספעלן פון געזעלשאפטלעכער שטיצע. דערפילנ־
דיק די פוסטקייט ארום זיך, האט ער זיך צוריקגעצויגן פון
גאנצן איניען. דאס ראזיקע איגנארירט ווערן מיצאד די
באשעווסטע מענטשן פון דער געזעלשאפט, וועלכע ער רופט
אן „נרגנים אשר רקמו בסתר לסכל מועצותי”, („אינטריגאנ־
טן, וואס האבן מאנעווירט אין באהעלטעניש, אף צונישט
צו מאכן מיינע פראיעקטן”), האט אים אנגעפילט מיט גרוים
פארביטערונג און ווען די זעלבע קרייזן האבן שפעטער אפן
געשטיצט דעם באראן הירשס פראיעקט, האבן זיך אין אים
אויפגעוועקט די אלטע פארדראסן און ער האט, לויטן נאטיר־
לעכן געזעץ פון פסיכישע אסאציאציעס, אריבערגעטראגן
זיין סינע אפן פראיעקט גופע.

עס האט אים פון אנהייב אויך אביסל פארדראסן וואס
דער באראן הירש האט אראפגעשיקט צום צארישן מאלכעס
א גוייִשן פלעניפאטענט — דעם ענגלישן רעפוטאט ארנאלד
אואייט, און וואס קיינער האט ניט געאייצעט דעם באראן
אויסצונוצן די ספעציפישע אהווי־יעדידי־פארבינדונגען
וועלכע ער, צעדערבוים, האט געהאט איינגעשטעלט זינט יא־
רן אין די מיניסטארישע פאדער־צימערן.

זיין פארביטערטקייט האט זיך גענומען דורכפילטרירן אין
„המליץ”. ער האט שוין אנערקענט, האגאם ניט מיט קיין
פולן מויל, אז דאס צארישע רוסלאנד איז ניט קיין ארט פאר
יידישער קאלאניזאציע. געטאן האט ער עס ניט דערפאר ווייל
ער האט אנערקענט זיין פריערדיקן טאעס, נאר ווייל די יונגע
בוויעוויי־ציאן־באוועגונג און דעם באראן עדמונד ראטשילדס
אינוועסטיציעס אין ערעץ־יסראעל האבן אים געגעבן א גע־
לעגנהייט פארכאפט צו ווערן פון א צווייטער אידעע און
אזוי ארום אויסצופילן דעם ווייטיקדיקן בלויז וואס זיין פרי־
ערדיקער דורכפאל האט איבערגעלאזן אין זיין געמיט. ער
האט גענומען פראפאגאנדירן אז בלויז דארט אין דער „ארץ
הצבי האמיתית” („אין עמעסן הירשן־לאנד”) איז אן ארט
פאר יידישער ערד־איינארדענונג. אינטערעסאנט איז, אז זיין
רעספעקטפולע מוירע פארן מושל און פארן גוי האט אויך
דא באוויזן איר איינגעבויגענע פלייצע: ער האט אויפגעוויזן
אז ערד זאל מען קויפן אין אייווער־האיארדן און אפילע אין
סיריע, און אפילע סטאם אין קליין־אזיע, קעדיי די קריסטן
און די מוסולמענער זאלן כאלילע ניט מיינען אז די יידן ווילן
ווערן די באלעבאטים פון די הייליקע ערטער...

אים איז אבער ניט געגאנגען אין לעבן צו פארמישפעטן ארגענטינע בלויז אפן סמאך פון דעם וואס דאווקע דער פאר־לעסטינער אויסוועג איז א בעסערער. ער האט קענטיק גע־האלטן אז מען קען ארויסטראגן דעם פסאק אז ארגענטינע טויג ניט, ניט נאר ווייל ערעץ־יִשׂראל איז בעסער, נאר ווייל ארגענטינע איז אף אזויפיל שלעכט, אז מען קען זי פארמיש־פעטן אפן סמאך פון אירע אייגענע כעסרוינעס, אן דער נוי־טיקייט צו זוכן שלאגנדיקע פארגלייכן...

מיט דער א פאראורטיילעכער איינשטעלונג האט ער ארייננ־געבראכט אין „המליץ" די ארגענטינישע פראבלעם און גע־דרוקט דער איקער יענע קארעספאנדענצן פון די קאלאניעס וואס האבן געזוכט ארויסצוברענגען דאס סאמע נעגאטיווע, דאס היסטערישע, דאס דעפיניטיוו־פאראורטיילנדיקע. אומ־דירעקט, אבער, האט ער מוידע געווען אז עס זיינען אויך געווען גוטע גרופן און גוטע־אידעסן, „אף וועלכע מען קען זיך אזוי שטארקט ניט פארלאזן".

פארוואס מען דארף זיך אף די שלעכטע גרופן יא פאר־לאזן און אף די גוטע ניט, קלערט צעדערבוים ניט אויף.

ווי ס'וויזט, האט זיך אבער דער אוילעם ניט געלאזט אזוי לייכט איבערצייגן פון צעדערבוימען. מען האט אים אנגעהויבן צו פארשיטן מיט פראטעסט־בריוו און מיט דראונגען, אף וועל־כע צעדערבוימס פען האט רעאגירט עפנטלעך מיט קאעסדי־קע, באליידיקנדיקע און פאשעט זידלערישע עפיטעטן, פון וועלכע עס האט געשפריצט קרענקלעכע סינע צו די יידישע פאלקסמאסן.

ערשט „כאשר החלו דורשי שלומי במו פיהם ובמכתביהם לפצור בי לבלי אוסיף לצאת נגד הישוב בארגנטינא, כי דברי יחטאו מטרתם ורק אעיר נגדי דעת אלה הנוטים אחרי היציאה לארגינטינא" („ווען מיינע פריינט האבן מינדלעך און שריפטלעך אנגעהויבן צו בעטן זיך בא מיר אז איך זאל מער נישט ארויסטרעטן קעגן ארגענטינער יִשׁוּו, ווייל מיינע רייד וועלן נישט טרעפן אין ציל און איך וועל בלויז אויפרייצן קעגן זיך די אלע וואס זיינען גענייגט צו עמיגרירן קיין ארגענטינע"), ערשט דאן האט ער אפגעמאכט בא זיך, אז עס איז עפשער קעדאי איינצוהאלטן זיך א געוויסע צייט און זען „מה יענה הזמן" („וואס וועט וויזן די צייט").

און בעעמעס, נאך א וואסערע 3 יאר קוילע־קוילעסדיקער אפאזיציע צום איניען ארגענטינע, איז צעדערבוים שטיל גע־ווארן אף איבער 6 כאדאשים.

זיין שטילשווייגן האט אבער נישט באטייט קיין אפקילונג און קיין כאראטע אף זיין פריערדיקער שטעלונג. די 6 כא־

דאשים זיינען געווען א פעריאד פון רוגזעדיקער אויסוואַרטונג און גלייכצייטיק פון סטראַטעגישער צוגרייטונג צום לעצטן אַנגריף. בעמעשעד פון דער גאַנצער צייט האָט ער זאָרגעוודיק געזאַמלט דעם גאַנצן אַראָפּרייסערישן מאַטעריאַל, וואָס ווערמאַנט האָט ניט אויפגעהערט צוצושטעלן פון אַרגענטינע און פאַר וועלכן ער האָט מיט די אייגענע הענט און מיט אַזאַ ביטער האַרץ געמוזט אָפּשליסן צייטווייליק די אַרייננגענג פון „המליץ".

די אויסגעטרוימטע געלעגנהייט פון באַנייען דעם אַנגריף איז סאָף־קאָל־סאָף געקומען. צעדערבוים, וואָס האָט די גאַנצע צייט געזוכט אַ געלעגנהייט מעוואַטל צו מאַכן זיין ניידער, האָט געפונען אַ פיינעם העטער. דער „וואָסכאָד" און דער „אָדעסקי ליסטאָק", וואָס האָט זיך בעדערעד קלאָל באַצויגן מיט סימפּאַטיע צום איניען אַרגענטינע, האָבן, אין גייסט פון פריינטלעכער נייטראַליטעט אַרויסגעבראַכט, צווישן אַ סאַך גוטס, אויך אַ פּאָר נעגאַטיווע מאָמענטן פון פאַרביייגייענדיקן כאַראַקטער. צעדערבוים האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט, און אַזוי ווי ער האָט נאָך געהערט אַז דעם באַראָן הירשס „שטאַרקע האַנט", דער קאָלאָנעל גאָלדסמיט, זאָל האָבן קריטיקירט די אַדמיניסטראַציע פון די ערשטע יק״אַ־דירעקטאָרן אין אַרגענטינע, לעוועגטאַל און ראָט, האָט ער דערפילט אַז ער מעג אָוועקלאָזן אין גאַנג זיין צאָרן; און ניט נאָר אַז ער מעג, נאָר אַז ער מוז מאַמעש, ווייל „כי אחטא לעמי, אם אוסיף לעמוד מנגד נגעו". („איך וועל זינדיקן צו מיין פאָלק אויב איך וועל ווייטער שטיין (פּאַסיוו) אַנטקעגן זיין פּלאָג").

אַף אַ דראַמאַטישן און עפנטלעכן אויפן האָט ער זיך דאָן געווענדט דירעקט צו דער יק״אַ־פירערשאַפט אין פּעטערבורג, אין דער פּערזאָן פון איר פאָרזיצער באַראָן האָראַץ גינצבורג, און האָט פּראָקלאַמירט ביפני קאָל אָם ווּעאיידע אַז ער האָט מיט דעם אָפּגעטאָן אַ נאַציאָנאַלן כויוו. עס האָט געהייסן אַז ער, פון זיין זייט, האָט געוואָרנט און פאַרויסגעזאָגט, און איז געבליבן מיט אַ ריינעם געוויסן — „ואני את נפשי הצלתי"... („און איך האָב מיין נעשאָמע געראַטעוועט"...).

צעדערבוימס פירפאַכיקע מוירע

אין דער ווענדונג צו באַראָן גינצבורג באַזירט צעדערבוים זיין קעגנערשאַפט צום אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אַף 2 מינים אַרגומענטן: אַף פּרינציפּיעל־טעאָרעטישע און אַף קאָנקרעטע. אין דער ערשטער סעריע אַרגומענטן אָפּערירט

ער מיט זיין בקירעדיקער לאָגיק, מיט זיינע לעבנס־דערפאַרונגען און מיט פּאָליטישער לוינעוודיקייט. אין דער צווייטער סעריע — מיט פאַקטן פון ווערמאַנטס מאַרקע און מיט אויסשניטן פון דער ניט־שפּאַנישער פּרעסע פון בוענאָס־איירעס.

אַלע פּרינציפּיעל־טעאָרעטישע באַגרינדונגען צעדערבוימס באַזירן זיך אַף מוירע, אַף פּרעווענטיווער הערשראַקנקייט, אַף פאָרזיכטיקייט וואָס גיסט זיך איבער אין אומרויִקייט און וואָס פאַרוואַנדלט זיך סאָף־קאָל־סאָף אין פּאַכאַד. יצום איניען אַרגענטינע גייט ער צו מיט אַ פירפאַכיקער מוירע:

1) די מוירע אַז טאָמער גיט זיך די אַרגענטינער גרויס־צוגעשניטענע קאָלאָניזאַציע ניט איין צוליב דער ייִדישער אָפּגעפרעמדטקייט פון ערדאַרבעט. אין אַזאַ פאַל, מיינט צעדערבוים, עקזיסטירט די סאַקאָנע אַז די פעלקער וועלן קריגן אַ פרישן אַרגומענט פון ייִדישער אָפּגעלאָזנקייט און פּאַראַזיטישקייט. מיט לעכערלעכע און איבערגעטריבענע אַרגומענטן וויזט דער רעדאַקטאָר פון „המליץ" אַרויס זיין גאַנצן אומצוטרוי צו די ייִדישע מאַסן און זיין אייגענעם אומגלויבן אין ייִדישער אַרבעט.

אויסער דעם באַמערקט ער ניט אַ געוואַלדיקע סטירע: ווען ער אַליין האָט אַף אַ טעאָרעטישן אויפן פּראָפּאַגאַנדירט פּראָדוקטיוויזאַציע און צוגעשטעלט פּראָיעקטן מאַקאָוון, האָט עם געזאָלט הייסן, אָן שום סאָפעק, אַז ייִדן טויגן יאָ צו ערדאַרבעט, אָבער ווען הער באַראָן הירש האָט אַף אַ פּראַקטיש־גראַנדיעזן אויפן אָנגעהויבן צו רעאַליזירן זיין פּלאַן, האָט עם שוין באַ צעדערבוימען אָנגעהויבן צו הייסן אַז ייִדן קענען כאָלילע דורכפאַלן; אַז „דבר כזה הוא דבר מסוכן מאד" („אַזאַ זאַך איז זייער געפערלעך").

2) די מוירע אַז די אַסיגנירטע 50 מיליאָן פראַנק וועלן ניט גענוג זיין אַף אַרויסצונעמען די 3 מיט אַ פערטל מיליאָן ייִדן פון רוסלאַנד, און אַז ניט נאָר דער באַראָן וועט כאָלילע בלייבן אויסגעשטעלט יצום נאַר, נאָר עס וועט נאָך אויסקומען צו שעמען זיך פאַר דער צאַרישער מעמשאָלע.

ווי באַוווּסט, אָבער, זיינען די 50 מיליאָן פראַנק געווען די ערשטע אַסיגנירונג פון באַראָן הירש. דאָס אַרויסנעמען די איבער 3 מיליאָן ייִדן איז געווען אויסגערעכנט אַף 25 יאָר, און אין פאַל ווען דער אָנהייב וואָלט אויסגעפאַלן האַצלאָכעדיק, האָט דער באַראָן געהאַט בעדייע צו אַסיגנירן זיין גאַנצן פאַרמעגן, אין דער הייך פון 400 מיליאָן פראַנק. דער אָנהייב איז געווען אַ שווערער צוליב די ערשטע אומפאַכמענישע און שלימאַזלדיקע טריט פון דער ייִקאַ־אַדמיניסטראַ־

ציע אין אַרגענטינע און דער איקער צוליב די שיקאַנעס און דעם עכט פאַרע׳שן מיסקאַנע זײַן זיך פון דער צאַרישער רעגירונג אינעם גאַנצן אויסוואַנדערונג־פלאַן, ניט געקוקט אַף דער באַקומענער מאַטנאַס־יאַד פון אַ מיליאָן פראַנק. צעדערבוים לאָזט אָבער קיין שטויבעלע כשאַד ניט פאַלן אַף דער מאַכט. אויב ער דערמאָנט די צאַר־ישע מעמשאָלע, איז עס קיין מאָל ניט צום שלעכטן, אַפילע אַף אַ פאַרמאַסקירטן אויפן, נאָר שטענדיק מיט דער זאָרג אַז טאָמער וועלן די ייִדן אַף אַ וועלכן ניט איז אויפן ניט ווײַזן זײַן פאַרן צאַריזם.

מען וואָלט געקענט מיינען אַז דאָס איז פאַרזיכטיקייט צוליב צענזור־טײַמים, ווײַל אַפן שאַר־בלאַט פון דער בײַלאַגע איז פאַראַן דער באַקאַנטער פּיזמען „דאָזוואָלענאָ צענזוראָיו", אָבער אַלע געזעלשאַפטלעכע אײַנשטעלונגען צעדערבוימס, זײַנע מעטאָדן פון שטאַדלאָנישער אונטערטעניקייט און זײַן אויסגעבונדנקייט מיטן קנעפּל זײַנע באַווײַזן, אַז ניט ער האָט זיך געמאַכט ניט־זעענדיק, נאָר ער האָט טאַקע פאָליטיש ניט געקענט אונטערשיידן וואָס אַרום אים טוט זיך.

3) די מוירע אַז די אָרגאַניזירטע ייִדישע עמיגראַציע וועט באַטראַכט ווערן דורך דער צאַרישער פאַגראָם־מאַכט ווי אַנטיפאַטריאָטיזם . . .

אין רוסלאַנד זײַנען פאָרגעקומען גיירושים און פאַגראָמען, אָבער צעדערבוים האָט נאָך אַלץ געהאַט צײַט „לחכות רק לחסדי ממשלתנו" — „וואַרטן בלויז (!) אַפן בעסער(!) פון אונדזער (!) רעגירונג". ווי באַוווּסט, פלעגט די צאַרישע מאַכט אַף יעדן פאַס פון אַ ייִדן וואָס איז אַרויסגעפאָרן דורך דער פאַרמיטלונג פון די ייִקאַ־קאָמיטעטן, אוועקשטעלן אַ שטעמפּל „פאַרבאָטן אומצוקערן זיך קיין רוסלאַנד"; האָט צעדערבוים ניט געקעמפט אַז די דאָזיקע נעוואָלע זאָל באַזײַטיקט ווערן, נאָר האָט אויפגעוויזן אַז דורך אַ ספּאָראַדישער, ניט־אָרגאַניזירטער עמיגראַציע קען דער דאָזיקער שאַנד־שטעמפּל יאָ אויסגעמיטן ווערן און אַז ייִדן קענען לעגאַל פאַרלאָזן רוסלאַנד אַף אַן אינדיווידועלן אויפן. עס איז אים אָבער גאָר ניט געוואָרן אויפפאַלנדיק פאַרוואָס אַסאַך ייִדישע עמיגראַנטן, ניט נאָר באָכערים אין מיליטער־עלטער, נוצן ניט אויס די דאָזיקע פאָרמעלע און באַקוועמע צאַרישע לעגאַליטעט, און לאָזן זיך גאָר אַוועק שוואַרצן די גרענעצן, ניט געקוקט אַף די לויערנדיקע סאַקאַנעס . . .

4) די מוירע אַז די פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע זיכערקייט־באַדינגונגען אין אַרגענטינע קענען שטערן דאָס אײַנ־

לעבן זיך פון די ייִדן אין יענער סוויווע און דאָס איינ־
האַלטן די ייִדישקייט.

צערערבוים האָט קענטיק אַ סאַך נאָכגעפאָרשט און גע־
לייענט וועגן אַרגענטינע. מיט אַ סאַך צוגעזאָלצענע פּראָ־
טים דערציילט ער אַטוואָס:

עס איז פאַראַן אַ ליבעראַלע קאָנסטיטוציע, אָבער קיי־
נער הערט זי ניט; די וואַלן זיינען פאַלשע; די מעלוכישע
פאַרטפאַפּירן האָבן אַ דריטל פון זייער נאָמינעלן ווערט;
אַלץ איז קאָרומפּירט און פאַרקויפט, ווייל „בארץ הכסף,
הכסף יענה את הכל" („אין זילבערלאַנד רעגירט וועגן אַלץ
דאָס זילבער"); די אַפּטע רעוואָלוציעס און קריגערייען
זיינען אַ רעזולטאַט פון פערזענלעכער קינע און סינע צווי־
שן פאַרשיידענע קנופּיעס; די באַפעלקערונג איז אַ האַלב־
ווילדע און אַ קריגעריש; יעדער איינער לעבט אַף זיין
שווערד און ביקס; דער שטאַרקער ווישט אַפּ אַלץ מיט בלוט
און זוכט צו פאַרווירקלעכן זיינע גראָבע טייוועס; דאָס
לאַנד איז פול מיט רויב און ניהערטערעכטיקייט... אויסער
דעם איז דאָרט אַ מישמאַש פון פעלקערשאַפטן און שוואַ־
טים, און ס'איז ניטאָ קיין נאַציאָנאַל געפיל.

ער ווייס אויך צו דערציילן אַז לויטן צענז פון 1866 זיי־
נען געווען 800.000 אינדיער אַף אַן אַלגעמיינער באַפעל־
קערונג פון 2.400.000(3); אַז עס זיינען פאָרגעקומען גע־
מישן צווישן אייראָפּעער און אינדיער און אַז די קינדער
פון אַזוינע געמישן רופט מען „טשאָלאָס", „טשינאָס" און
אויך „מיזיצעקאָ" (געמיינט מיסטאַמע „מעסטיסאָס"). ער
דערציילט אויך אַז עס מישן זיך אויס נעגערס מיט ווייסע
און נעגערס מיט אינדיער. ער קומט צום אויספיר, אַז
די אייראָפּעיִשע אימיגראַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין
1856, איז אַ דורכפאַל, מאַכמעס די איטאַליענער, דייטשן,
פראַנצויזן און שווייצאַריער, וואָס קומען אַריין אין לאַנד, צע־
לויפן זיך שנעל, ווייל זעענדיק דעם הפקרדיקן כאַאָס, אין
וועלכן עס קומען אום „גוטע און שלעכטע", פאַרלאָזן זיי
דאָס „בלוטלאַנד"...

דאָס לאַנד, מיינט צערערבוים, שטעלט מיט זיך פאָר אַ
גרויסע גייסטיקע סאַקאָנע פאַר די ייִדישע אימיגראַנטן,
וואָס וועלן צעשטויבט און צעריבן ווערן, געטריבענע פון

---

3) אין דער עמעסן איז דער ערשטער צענז אין אַרגענ־
טינע פאָרגעקומען ערשט אין יאָר 1869. לויטן דאָזיקן צענז
האָט די גאַנצע באַפעלקערונג פון לאַנד אויסגעמאַכט
1.736.923 איינוווינערס.

דער נויט, און וועלן פארלירן זייער יידישן אנהאלט און אינהאלט. ניט אומזיסט, גיט ער צו, האט דער יידישער כושהארייעד געטראגן דעם יידישן עמיגראנטן־שטראם קיין צאפן־אמעריקע „זינט קאלומבוסעם צייטן אן״, בעיים דארעם־אמעריקע, וואס האט פונקט אזוינע פרוכטיקע ערדן און א גוטן קלימאט, און ערטערווייז גרעסערע מילעם אפילע ווי צאפן־אמעריקע, איז עפעם אזוי ווי באיקאטירט געווארן פון די יידישע אויסוואנדערערס. קיין אנדער מאטיוו ווי דעם מיטטיש־נעוויאישן כושהארייעד איז צעדערבוים ניט בעקויעד צו ברענגען, קעדיי צו דערקלערן די דאזיקע דערשיינונג.

ער איז מודע אז דאך זיינען פארטראגן געווארן יידישע „פליטים״ קיין ארגענטינע, אבער אלע האבן זיי זיך פארנומען מיט „גרינגע, רייכמאכנדיקע און אומריינע״ פארנאסעס. וואס שייך דעם אמעראצעדיקן ארגענטינער ראוו (געמיינט דעם ראבינער דושאזעף), האלט ער אפן זיין קראם אום שאבעס און האט א גויישע ווייב.

צונויפנעמענדיק די אלע ארגומענטן, פרעגט צעדערבוים פאטעטיש און פילדייטיק: וואס האט באוויגן דעם באראן — דעם „פאר המתנדבים בעם ישראל״, („פראכט פון פילאנטראפן באם יידישן פאלק״), אוועקצושלעפן די יידן אין וויטן און פארגעסענעם ארגענטינע, — א לאנד, וואס „שוין 400 יאר ווי קיינער לייגט ניט קיין אכט אף אים״?

צעדערבוים אנטדעקט דעם באראן הירשס א סאד

צעדערבוים האט זיך ארייַנגעטראכט אין דער גאנצער געשיכטע און איז געקומען צום אויספיר אז ערגעץ מוז דא שטעקן דעם באראנס א פארבארגענער מיין, עפעם דארף דא זיין באהאלטן א ניט גאר קאשערע אויסרעכענונג זיינע, און אט דערגראבט ער זיך טאקע צום דאזיקן סאד און אנטדעקט אים מיט דער הילף פון 2 מעקוירים.

די אנטדעקונג איז אייגנטלעך געווען א צופעליקע. טכילעס האט גאר צעדערבוים געטראכט וועגן אן אנדער זאך, — ער האט געוואלט ארויפברענגען דעם באראן אפן ריכטיקן וועג, ד״ה אויספועלן אז דער שטראם פון די באראנישע מיליאנען זאל זיך א קער טאן קיין קליין־אזיע, אבער אגעוואורכע איז אים שוין אויך ניסגאלע געווארן דער ארגענטינער מיין פון באראן.

אין 1890 איז צעדערבוים געווען אין ווין און האט געבעטן דעם דארטיקן בארימטן פרײדיקער ד"ר יעלינעק, אז ער זאל משפיע זיין אז דער באראן זאל ענדערן זיין פּראארגענטינישע פלענער אף פּראפּאלעסטינישע. יעלינעק, וואס האט געהאט א גרויסן איינפלוס אפן באראן, האט זיך קאטעגאריש אפגעזאגט ווייל „זרח רוח הבארא! לפלשתינא". („עס איז פרעמד דעם באראנס גייסט צו פאלעסטינע").

ער האט אים אבער געגעבן א רעקאמענדאציע צו איינעם פון די וויכטיקסטע יקא־טוערס אין פאריז, איזידאר לעב. צעדערבוים האט זיך אוועקגעלאזט קיין פאריז קעדיי דארט צו באצווינגען דעם באראנס אקשאנעס, אבער אויך לעב האט אים געהאלטן אין איין שושקען אין אויער, אז ער זאל ניט ארויסברענגען אף די ליפן דאס שרעקווארט פאלעסטינע, אויב עס וועט אים אויסקומען צו שטעלן זיך פארן בארא!; און אזוי שושקענדיק, האט אים שוין לעב האלב אויסגעשושקעט דעם גרויסן סאד, וואס צעדערבוים האט בעסאדסוידעס שפעטער צוויסן געגעבן די פעטערבורגער בארימטע כוויוועויי־ציאן. און דער סאד פון בארא! איינגעשפארטן ארגענטיניזם איז געווען אט וועלכער:

ער האט געוואלט באשיידן די יידן־פראגע דורך באזייטיקן זי אינגאנצן. באזעצנדיק די יידן אין אזא ווייטן לאנד ווי ארגענטינע, וועט ער אויספירן, אז דער דריטער דאר וועט פארגעסן זיין אפשטאם. ער וועט פארגעסן אז ער איז ארויס פון „יעהודעס געדערעם". דערפירנדיק דעם סאד ביז צו זיין אבסאלוטער נאקעטקייט, וואלט בעכיין אויסגעקומען אז דעם בארא!נס ציל איז געווען די „גייסטיקע פארניכטונג פון רוסישן יידנטום אין ארגענטינע".

צעדערבוימען האט זיך עס געלייגט אפן סייכל און ער האט גלייך געפונען סימאנים דערפון אפילע אין דער סיסטעם פון קאלאניזאציע. אזוי ווי די קאלאניזאציע איז, אין איניקע ערטער, פארגעקומען אין גאר קליינע גרופקעלעך, לאאכאדימדיק און צעווארפן, האט ער פון דעם ארויסגעדרונגען אז דאס איז ספעציעל געמאכט געווארן קעדיי יידן זאלן זיך ניט קענען צונויפקומען, גרופירן זיך, שאפן מיניאנים און אנהאלטן די יידישע ווארעמקייט. דערווייל האט ער זיך שוין אויך דערמאנט אז א צארישער מיניסטער (ער זאגט ניט אוים זיין נאמען) האט אים דערציילט (ער זאגט ניט ווען און וו!), אז דעם בארא! הירשס פלעניפאטענט אואייט זאל זיך האבן בארימט פאר אים, אז אין גאר א קורצער צייט וועלן די יידן פארגעסן זייער יידישקייט און וועלן זיך אינגאנצן אויסמישן מיטן איינגעזעסענעם פאלק, צוליב דעם

וואָס עס וועט אויפֿהערן צו עקזיסטירן דאָס שטייגעריש־רעליגיעזע לעבן.

עס קען זיין אַז אין אָנהייב 1893, ווען דער אָפֿענער בריוו, אַ געבויטער אַף מאַטעריאַלן פֿון נאָך פֿריִערדיקע יאָרן, איז געשריבן געוואָרן, האָט זיך צעדערבוימען געקענט לייגן אַפֿן טייכל אַז ער האָט טאַקע בעפֿייִרעש אַנטדעקט דעם טיף־געהיימנישפֿולן סאָד און אַז ער מעג זיך דערלויבן צו וואַרפֿן אַ כשאַד, אַז דער באַראָן איז גאָר אין דער עמעסן אַ מין פֿוישייאַ יִסראָעל, וואָס טוט גוטס און מיינט שלעכטס...

עס זיַינען דאַן געגאַנגען די גאָר־גאָר ערשטע, שווערע, פֿעביקע יאָרן פֿון דער יִדישער קאָלאָניזאַציע אַפֿן ווילדן און נאַקעטן סטעפּ. עס איז געווען מער עקספּערימענט ווי קאָלאָניזאַציע, וויַיל די רוי־גרינע קאָלאָניזירערס גופֿע האָבן ערשט אין פּראָצעס פֿון קאָלאָניזירן געזוכט אַ שטיקל דערפֿאַרונג. עס איז אָנגעגאַנגען אַ פּראָצעס פֿון טאַפּן אַ וואַנט, אָבער דאָס כּיִעס פֿון קאָלאָניסט האָט פֿון גאָרניט געוואָלט וויסן. די אינסטינקטן זיַינען פֿון די טיפֿעניש אַרויס אַף דער אויבערפֿלאַך און דאָס רוכניעסדיקע האָט געמוזט אַף אַ שטיקל ציַיט אָפּטרעטן פֿאַרן גאַשמיעסדיקן. דער איקער האָאיקאָרים פֿון די קאָלאָניזירערס און קאָלאָניזירטע איז געווען דאָס פֿאַרזיכערן דעם פּאָשעטן קיִעם און דערפֿאַר אַליין האָבן שוין אין די גאָר ערשטע יאָרן ניט געקענט אויפֿקומען קיין ספּעציעלע באָטע־טפֿילעס און שולן, און אַפֿילע מיקוועס, ווי צעדערבוים האָט עס געוואָלט.

דער איניען פֿון באַראָנס אַ מין וועגן טאָטאַלער אַסימילאַציע איז ניט מער ווי אַ פֿאָרסירטע האַשאָרע. גראָד נאָכעם סאָקאָלאָוו זאָגט („הצפירה” („האַצפֿירע”) פֿון 22טן אַפּריל 1896), אַז דער באַראָן האָט געזוכט גרויסע שטאָכים לאַנד פֿאַר קאָלאָניזאַציע, קעדיי די יִדן זאָלן זיך נישט אַסימילירן מיט די איַינוווינערס פֿון לאַנד. מען דאַרף געדענקען אַז דער באַראָן האָט די גאַנצע ציַיט געטראַכט אין קאַטעגאָריעס פֿון גרויס־קאָלאָניזאַציע און מען האָט ניט באַדאַרפֿט פֿאַרמאָגן דעם גרויסן פּראַקטישן פֿאַרשטאַנד זיַינעם קעדיי צו באַנעמען אַז אַ שיטערע, שוואַכקולטורעלע באַפֿעלקערונג, ווי איַינגעזעסן זי זאָל נישט זיין, קען נישט אַסימילירן אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע פֿון אַ קולטורעל העכער־שטייענדיקן, נאַציאָנאַל־דעפֿינירטן עלעמענט.

דער עמעס איז, אַז דער באַראָן האָט געוואָלט דערנענטערן די יִדן צום נײַעם לאַנד, ניט דורך בעקיוונדיקער רעליגיעזער אָפּקילונג, ווי צעדערבוים האָט געוואָלט איַינריידן, נאָר דורך

דער בעהאַדראַגעדיקער און דער ווײַטגײענדיקסטער צופּאַסונג צום נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון אַרגענטינע.

ער האָט גראַד געוואָלט אַז עס זאָל הערשן צווישן די ייִדן אַ הייסע „גלויבנסגענאָסנשאַפט", אָבער ניט קיין אייגענער נאַציאָנאַלער באַוווּסטזײַן, ניט ספּעציעל דערפאַר קעדיי ייִדן זאָלן פאַרלירן זייער נאַציאָנאַלן צעלעם ייִד, נאָר דער איקער צוליב אָפּאָרטוניזם, ד"ה קעדיי מען זאָל ניט זאָגן אַז ייִדן בילדן אַ פעלקערשאַפט אין אַ צווייטן פאָלק, וואָס איז נאָר אליין אזוי יונג און האַלט זיך אין פאָרמירן.

דאָס האָט זיך אויך אָפּגערופן אַף זײַן פּאָליטיק פון קויפן לאַנד. אויב ער האָט געזוכט שטאָכים, וואָס זאָלן זײַן ניט צו קליין פאַר מאַסן־קאָלאָניזאַציע, האָט ער זיך אָבער באַמיט אַז זיי זאָלן אויך ניט זײַן צו גרויס, קעדיי עס זאָל ניט אויסקומען אַז די ייִדן האָבן דעם אויסשליסלעכן קאָנטראָל איבער צו גרויסע שטרעקעס. דער באַראָן האָט מיט 70 יאָר צוריק געהאַט מעגלעכקייטן צו קויפן פאַר אַ שיבעש ריזיקע לענדערײַען אַרום די ערשטע קאָלאָניעס (ספּעציעל אין ענטרע־ריאָס און סאַנטאַ־פע), אָבער ער האָט עס ניט געטאָן. ער האָט געצאָלט טײַערער פאַר ערגערע ערדן, אַבי די ייִדישע קאָלאָניעס זאָלן זײַן מער צעשפּרייט און צעוואָרפן; זיי זאָלן זיך ניט צונויפגיסן, נאָר זײַן וואָס מער אינדזלדיק, קעדיי קיינער זאָל ניט קענען האָבן קיין פּיסכן־פּע, אַז ייִדן האָבן זיך בעקיוון אָפּגעגרענעצט אין אייגענע גרויסע טעריטאָריעס.

די צעשפּרייטקייט איז בנוגע געווען ניט צוליב אַסימילאַטאָרישער אויסגערעכנטקייט און פאַרפלעקלטקייט, נאָר צוליב רעאַל־פּאָליטישע טײַמים. אין דער דאָזיקער צעשפּרייטקייט זײַנען פונדעסטוועגן געווען 3 קאָלאָניעס, וואָס האָבן זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין ריזיקע קאָמפּאַקטע בלאָקן פון איבער טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער יעדע איינע: מאָזעסוויל (120.000 העקטאַר), באַראָן הירש (110.000 העקטאַר) און קלאַראַ — סאַן־אַנטאָניאָ (105.000 העקטאַר).

וואָס שײַך, ווידער, דער סיסטעם פון קאָלאָניזירונג אין נאָר קליינע גרופּקעלעך, איז עס געווען נישט קעדיי די ייִדן זאָלן נישט קענען דאַוונען מיט אַ מיניען און אויסבויען באָטע־מעדראָשים, ווי צעדערבוים האָט געמיינט, נאָר ווײַל אַ פאַראַלגעמיינערטע דאָרפסיסטעם וואָלט געקענט מעכאַיע מיִסים זײַן די אייראָפּעיִשע שטעטלעך. אַגעוו איז אויך געווען געוווּנטשן פון לאַנדווירטשאַפטלעך־פּראַקטישן שטאַנדפּונקט אַז יעדער פאַמיליע זאָל וווינען דירעקט אַף איר פעלד, קעדיי זי זאָל אַף קיין איין מאָמענט ניט אַרויסלאָזן פון אויג די גאַנצע פילהעקטאַריקע ווירטשאַפט. עס זײַנען אָבער אויך

געבויט געווארן א סאך דערפער און די סיסטעם איז פאקטיש געווען א געמישטע.

די יקא איז אויך געווען די, וואס האט, אין סטירע צו דער בייזער נעווע פון צעדערבוימען, גענומען בויען, א יאר צייט פארן בארונס טויט, אין 1895, שולן אין די קאלאניעס און באשטימט א ספעציעלן לערער פאר יידישע לימודים אין יעדער שול. דאס איז פארגעקומען ניט נאר אין העסקעם מיטן באראן, נאר לויט זיינע אויסשליסלעכע אינסטרוקציעס, ווייל ווי באוווסט איז קיין זאך ניט געטאן געווארן אן דעם באראנס דירעקטער פארארדענונג.

דער נעבעכדיקער ניוואָ פון דער יידישקייט וואס איז געלערנט געווארן און דאס ארט וואס זי האט פארנומען אין די אלגעמיינע לימודים, איז א צווייטער איניען. אויך דא האט אבער נישט עקזיסטירט קיין אויסגעשפראכענע בעקיוונדיקייט, נאר איגנאראנץ און ביטל מיצאד דער הויפט־דירעקציע פון די שולן און ספעציעל מיצאד די לעוואנטיניש־ספארדישע שול־דירעקטארן צו דער אייגנארטיקער יידיש־שפראכיקער, מיזרעד־אייראפעישער יידישקייט פון די קאלאניסטן. דא איז אבער איצט ניט וויכטיק דער פעדאגאגיש־פראגראמאטישער ניוואָ, נאר דער פרינציפ. עס האט מיצאד דער יקא עקזיסטירט דער פרינציפ איינצופלאנצן אין קינד די רעליגיעזע איקארים פון יידישקייט, אין דער צייט ווען צעדערבוים האט געליארעמט אז דער באראן וויל די דאזיקע איקארים אויסווארצלען. פארשטייט זיך אז די יקא־ארבעט אפן יידיש־העברעישן געביט איז געווען זייער א נעבעכדיקע, אבער צי האט מען זיך דא געקענט ריכטן אף עפעס אנדערש? אויב די קאלאניזאציע־געזעלשאפט איז ניט געווען קאמפעטענט אין קאלאניזאציע, וואס איז געווען איר הויפט־אויפגאבע, איז ווי האט מען געקענט פארלאנגען אז זי זאל זיין קאמפעטענט אין אזא, צווייטראנגיקן פאר איר, געביט ווי בילדונג און אין אזא, דריטראנגיקן פאר איר, געביט ווי יידישע בילדונג? דאס איז בעכיין געווען ניט קיין פראגע פון אסימילאציע נאר פון אומקאמפעטענץ. אגעוו, ווען די יקא וואלט אף אן עמעס געפרוווט דורכפירן א דורכויסיקע פאליטיק פון אסימילאציע, וואלט זי געליטן נאך א גרעסערן דורכפאל, ווייל די יידישע מאסע, אן אנגעזאפטע מיט טראדיציע, וואלט געשטעלט א גרויסן ווידערשטאנד.

צעדערבוים האט עס אבער ניט פארויסגעזען. ער האט זיך צוגעאיילט איבערצוזאלצן ביידע עקסטרעמען: פון איין זייט האט ער זיך איינגערעדט אז די יקא איז עקסטרעם־אסימילאטאריש ביז צו „נאציאנאלער אויפלייזונג" און פון דער אנ־

דער זייט האָט ער געגלויבט אַז עס איז געגוג אַ קיימעלאָן פֿון דרײַ דווירעס אַז די ייִדן אין אַרגענטינע זאָלן „גײַסטיק אונטערגיין".

עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס ער איז אַזוי גיספּאָעל געוואָרן פֿון זײַן געפֿינס, — פֿון גרויסן פּאַריזער סאַד, וועלכן ער האָט גלײַך אַראָפּגעבראַכט קיין פּעטערבורג. — אָבער קענטיק אַז די אַנטדעקונג האָט גאָר אַ קליינעם אײַנדרוק געמאַכט אַפֿילו אויף אַזוינע אויסגעשפּראָכענע כּיוועוווי־ציאָן ווי י. ל. אַלשוואַנגער, ד"ר י. ל. קאַצענעלסאָן, אַ. טענענבוים, וו. בערמאַן און ש. לוריע. צעדערבוים איז אָבער ניט געפֿאַלן באַ זיך. ער האָט זיך מיט זײַן פּיזמען געווענדט נאָך העכער, אַזש צום באַראָן גינצבורג, און אויף אָן עפּנטלעכן אויפֿן, קעדיי דורכן באַראָנס טיר אַרויסצולאָזן דעם סאַד צום פֿאָלק.

זײַן שאַרפֿער זשורנאַליסטישער כוש האָט אים אָבער אונטערגעזאָגט אַז ווירקן אויף אַן עמעס קען מען נאָר דורך פֿאַקטן. אַזוי אָבער ווי ער האָט ניט געהאַט קיין איין פֿאַקט מיט וועלכן ער זאָל קענען פֿאַרדעקן די נאַקעטקייט פֿון זײַן סאָד, איז ער אַרויס מיט אַנדערע פֿאַקטן. דער סאַד איז, אַזוי צו זאָגן, געווען דער אַרײַנפֿיר, פּונקט ווי די פּריִערדיקע באַטראַכטונגען זײַנע. ביז איצט האָט ער אַליין גערעדט; איצט איז ער צוגעקומען צום קאַפּיטל דאָקומענטאַציע, אין וועלכן עס האָט זיך געדאַרפֿט לאָזן הערן די שטים פֿון ווײַטן באַראָנישן איימעק האַבאַכאַ.

וווערמאָנט העלפֿט צעדערבוימען
דאָקומענטירן זײַן צאָרן

ווי שוין דערמאָנט, איז דער פֿאַטער פֿון דער קימאַט גאַנצער דאָקומענטאַציע געווען א. וווערמאָנט. באַשטאַנען איז זי פֿון 2 טיילן: פֿון קאָרעספּאָנדענצן און פֿון צײַטונג־אויסשניטן.

דער ערשטער טייל האָט אַרײַנגענומען אין זיך צוואַנציק ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטע קאָרעספּאָנדענצן, 17 פֿון וועלכע וווערמאָנט האָט געשיקט צעדערבוימען אין האַלביאָריקן נייטראַליטעט־פּעריאָד פֿון „המליץ", צווישן 15טן סעפּטעמבער 1892 און 17טן מאַרץ 1893; איינע, פֿון אַ ייִדן צוויק פֿון קאַליש, פֿון 11טן דעצעמבער 1892; איינע, פֿון י. ווײַסבאָרד פֿון פּאַלאַסיאַס, פֿון 25טן אָקטאָבער 1892; און איינע, פֿון ראַוו פֿון ליטווישן שטעטל וואָסק, פֿון 24טן פֿעברואַר 1893.

אין די קאָרעספּאָנדענצן ווערן אַרויסגעבראַכט די ווײַטער־דיקע הויפּטמאָמענטן:

1) די ניט־צוגעפּאַסטקייט פונעם לאַנד פאַר אימיגראַציע בכלל;

2) די פאַרדאַרבנקייט און קאָרומפּירטקייט פון דער יק"אַ־אַדמיניסטראַציע;

3) די געפאַר פאַר דער רעליגיעזער ייִדישקייט;

4) דאָס צעלויפן זיך פון די קאָלאָניסטן.

ווערמאַנט מאַכט אַ כעשבן אַז במשך פון 35 יאָר, פונעם יאָר 1856, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די עמיגראַציע קיין אַרגענטינע, ביז 1891, זײַנען אָנגעקומען אין לאַנד 1.706.200 אימיגראַנטן, פון וועלכע 331.000 זײַנען אויסגעשטאָרבן און 413.410 האָבן זיך אומגעקערט אין די אַלטע היימען, ד"ה אַז עס זײַנען געבליבן בסך־הכּל 961.790 נפשות, פון וועלכע אַ ניט־פעסטגעשטעלטער טייל האָט נאָך אויסגעוואַנדערט קיין פּאַראַגווײַ, טשילע און אורוגווײַ. אַ ספּעציעלע אײַנפאַלעניש איז געווען אין דער איטאַליעניש־ער אימיגראַציע, וואָס האָט אין דער אַלגעמיינער צאָל דער־גרייכט צו 1.032.000 און פון וועלכער עס זײַנען בלויז גע־בליבן 581.000. אַ נאָך שלאַגנדיקער בײַשפּיל איז דאָס יאָר 1891, ווען עס זײַנען אַרײַן אין לאַנד 73.597 נפשות און פאַרלאָזן אַרגענטינע — 90.836, ד"ה אַז די עמיגראַציע איז געווען גרעסער פאַר דער אימיגראַציע מיט 17.339 פּערזאָ׳.

פון די דאָזיקע ציפערן, וועלכע זײַנען אין אַלגעמיין קאָ־רעקטע, ווייל זיי באַזירן זיך אויף מעלוכישער סטאַטיסטיק, האָט ווערמאַנט געוואָלט אַרויסדרינגען אַז אַפילו די קריסט־לעכע, פאַרשיידנפאַלקערדיקע אימיגראַציע קיין אַרגענטינע איז אַ דורכפאַל. ער האָט אָבער געזען די ציפערן אין זייער אַבסאָלוטער טרוקנקייט, אין זייער דרויסנדיקער נאָמינעל־קייט, און ער האָט זיי ניט געפּרוווט אינטערפּרעטירן אָדער זוכן זייער סיבעדיקייט. און דערפאַר טאַקע פרעגט ער נאָיוו: „ווו זײַנען אַהינגעקומען אַזוי פיל איטאַליענער"?

עס ווײַזט זיך אָבער אַרויס אַז סאָף אַכציקער און נײַנציקער יאָרן איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע סעזאָן־אימיגראַציע, אַזוי צו זאָגן, — אַז אימיגראַציע ספּעציעל פון איטאַליע־נישע אַרבעטער וואָס פלעגן קומען אַפּאַרבעטן איין אָדער צוויי טווע־שניטן און אומקערן זיך אַהיים. אַרגענטינישע אַגענטן אין אויסלאַנד, וואָס פלעגן באַקומען אַ פּרעמיע פון 50 פראַנק פאַר יעדן ווע־בירטן אימיגראַנט, האָבן געפירט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע, ספּעציעל אין איטאַליע. אַ סך איטאַליענישע באַכערים, פון וועלכע מען האָט ניט געפאָ־

דערט קיין גאַראַנטיעס אַז זיי מוזן בלײַבן אין נײַעם לאַנד, האָבן זיך געלאָזט אין וועג, ביפּראַט, אַז די נעסיע איז געווען אַן אומזיסטע אָדער מיט גרויסע פאַרלײַכטערונגען. אין אַרגענטינע גופא איז נאָך די מעלוכע־קאָלאָניזאַציע געווען אין די וויקעלעך, דאָס ווײַטערע האַלב־גאָוטשישע הינטערלאַנד איז נאָך געווען געגנוג ווילד, קײַן אינדוסטריע האָט ניט עקזיסטירט; האָט זיך טאַקע אַ גרויסער טייל פון אַרײַנגעקומענעם אײראָפּעיִשן עלעמענט, וועלכער איז לעבאַטכילע געפאָרן אַ ניט־דעצידירטער, אומגעקערט אַהיים. פון דאַנען די גרויסע ערשטע אָפּפלוסן און די באַדײַטנדיקע שטאַרביקייט צוליב די שלעכטע היגיענישע באַדינגונגען און מאַכמעס די גרויסע עפּידעמיעס וואָס האָבן געווילדעוועט, ספּעציעל אין די זיבעציקער און נײַנציקער יאָרן.

די יידישע אײַנוואַנדערונג איז אָבער געווען גאָר אַן אַנדערע. דאָס איז געווען אַ געקליבענע פאַמיליע־אימיגראַציע און זי איז געווען געזיכערט פּרינציפּיעל און קאָנטראַקטועל מיט פולשטענדיקער פאַרזאָרגונג מיצאַד דער יִקאַ. ווערמאַנט איז אָבער דורך ריין־פאָרמאַליסטישער אַרויסדרינגעניש געקומען צום אויספיר אַז קוים גויִם אַנטלויפן, וועלן דאָך יידן זיכער אַנטלויפן, אַפילע ווען עס וואָלט ניט צוגעהאָלפן צו דעם דער ווילקיר פון דער אַדמיניסטראַציע.

אויסער דעם דערווײַזט ער דורך אַ ריי קאָרעספּאָנדענצן אַז די בעעמעם אויסגעצייכנטע ערדן פון מאָוריציאָ און פון ענטרע־ריאָס טויגן צו גאָרנישט; אַז דאָס ביסל וואָס די ערד גיט שוין קאָמצאָנעסדיק אַרוים נעמט צו דער היישעריק; אַז ווען מען דאַרף דעם רעגן איז ער נישטאָ; ווען מען דאַרף אַ גוט וועטער קען מען ניט פּאַטער ווערן פון די פּאַרטרינקעניש, און צו אַ גוט ביסל טרינקוואַסער איז זיך שווער צו דערגראָבן. און אויסער אַלץ — די מוירע פאַרן גאָוטשישן מעסער.

אַפן סמאַך פון דעם אַלעמען זאָגט צעדערבוים אַז, לויט ווערמאַנטן, איז „אין תקוה ליהודים בארגינטינא ארץ הרמים לאשר בה מחיר בשר אדם פחות ממחיר בשר שור בפריז“... („ניטאָ קיין האָפענונג פאַר יידן אין אַרגענטינע, דאָס לאַנד פון בלוט, ווו דער פּרײַז פון מענטשן־פלייש איז נידעריקער ווי דער פּרײַז פון אָקסן־פלייש אין פּאַריז“).

דער אָנגעווייטיקטסטער פּונקט, אָבער, אין דער סעריע קאָרעספּאָנדענצן, איז געווען די יִקאַ־אַדמיניסטראַציע. וועגן אינהאַלט פון די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענצן קענען געבן אַן אָנונג די ווײַטערדיקע מוסטערן:

דער קאָלאָניסט י. ווײַסבאָרד האָט דערקענט אין דעם

יזיקאַ-אַגענט הורוויץ אַ שווינדלער וויסאָצקי, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון רוסלאַנד פֿאַר פֿעלשן דאָקומענטן; אַ צווייטער אַגענט, היינעמאַן, רופֿט די קאָלאָניסטן „זשיד פּאַרכאַטי"; אַ דריטער, בערנהיים, ווען ער דאַרף אויסטיילן די שטיצע-סובסידיע, שטעלט ער אויס די קאָלאָניסטן אין אַ סאָלדאַטישער ריי און האַלט זיי אַזוי אַ גאַנצן טאָג, און ווער עס גיט זיך אַ ריר דאַרף שטיין נאָך לענגער; אַ פֿערטער, באָרגען, האָט געפּאַסלט דעם אויסדרוק „גאָט צו דאַנקען", ווײַל פֿאַר אַלץ, זאָגט ער, דאַרף מען דאַנקען דעם באַראָן און ניט גאָט; אַ פֿינפֿטער, ראַטקאָפּף, האָט מיט אַ שוטעף געמאַכט אַ קלייט אין קאָלאָניע און אַלע קאָלאָניסטן מוזן דאָרט קויפֿן און צאָלן טאָפּלט; אַ זעקסטער, מאָגילסקי, האָט אויסגענאַרט בײַ די קאָלאָניסטן אונטערשריפֿטן פֿאַר זאַכן וואָס זיי האָבן ניט באַקומען; אַ זיבעטער, קאָהן, האָט מיט געלטער וואָס זײַנען באַשטימט געווען צו רעמאָנטירן קאָלאָניסטישע הײַזער, אײַנגעקויפֿט פֿאַר זיך עטלעכע קאָמפּן. מיט איין וואָרט, אַלע זײַנען זיי אַרײַנגעטאָן אין גנייווע און גזײלע אַפֿ כעשבן פֿון קאָלאָניסט.

גראַד האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אין אַרגענטינע דער קאָלאָנעל גאָלדסמיט וואָס איז געקומען מיט ברייטע באַראָנישע פֿולמאַכטן אײַנשטעלן אָרדענונג און אויספֿאָרשן פֿאַר וואָס דער ערשטער קאָלאָניזאַציע-אַרויספֿאָר פֿון דער יזיקאַ איז אויסגעפֿאַלן אַזוי שלימאַזלדיק. האָט זיך ווערמאָנט פֿאַרמאָסטן צו עפֿענען די אויגן פֿון באַראָנס קאָלאָנעל, און האָגאָם ער איז געשטאַנען אויף דער יזיקאַישער שוואַרצער ליסטע, האָט גאָלדסמיט, ווי אַן אויספֿאָרשער וואָס איז אויסגעטאָן פֿון אַלע פֿאָראורטיילן, צוגעלייגט אַן אויער אויך צו ווערמאָנטס אײדעס-זאָגן און עס האָט זיך צווישן זיי פֿאַרבונדן אַ קאָרעספּאָנדענץ.

קוידעם-קאָל האָט ווערמאָנט, אויפֿן סמך פֿון דעם וואָס ער האָט געזען אין ציפּערן, סיריע און בראַזיל, געוואָלט איבערצײַגן גאָלדסמיטן אַז די איינציקע ייִדישע קאָלאָניזאַציע וואָס קען געלינגען איז די ערעץ-ייִסראָעלדיקע. יעדע אַנדערע, אַרײַנגערעכנט די אַרגענטינער, איז אַ בראָכע לעוואַטאָלע. גאָלדסמיט האָט געענטפֿערט אַז אַרגענטינע וועט צוגרייטן ערדאַרבעטער פֿאַר ערעץ-ייִסראָעל און אַז די אַרגענטינישע קאָלאָניזאַציע-לײַדן דאָס זײַנען די 40 מידבאַר-יאָרן וואָס וועלן פֿירן „אל המנוחה ואל הנחלה" („צו רו און באַזעצונג"). דער קאָלאָנעל האָט פֿאַרזיכערט אַז דאָס באַזעצן עטלעכע טויזנט ייִדן אין אַרגענטינע וועט ניט אָפּשוואַכן דעם ציאָן-סענטימענט, ביפֿראַט אַז ער איז גאָר זיכער אַז „אַר-

גינטינאַ תוליד לציון", אַרגענטינע וועט פירן קיין ציאָן. וועָרמאַנט האָט געפּרוּווט אַרגומענטירן, אַז אַרגענטינע וועט פאַרדאַרבן און פאַרגרעבן די ייִדן, און וועט זיי ביכלאַל מאַכן פאַר אויס ייִדן, אָבער דער קאָלאָנעל האָט זיך ניט געלאָזט ביינגן.

פון דער צווייטער זייַט, האָט וועָרמאַנט צוגעשטעלט דעם קאָלאָנעל אַ גענויע ליסטע פון אַוולעס און מייַסים טאַאַטוים פון די יִקאַ-אַדמיניסטראַטאָרן און זייערע אַגענטן, און האָט אַפילע צוגעשטעלט אַ פּראָטעסט פאַר וואָס דער הויפּט-דירעקטאָר פון דער יִקאַ באַקומט 125.000 פראַנק אַ יאָר פאַר פאַרוואַלטן מיט 1800 נעפאַשעס, בישאַס דער שווייצאַרישער פּרעזידענט — בלויז 15.000 פראַנק אַף אַ באַפעלקערונג פון דרייַ מיט אַ האַלבן מיליאָן, דער אַרגענטינישער פּרעזידענט — בלויז 50.000 פראַנק אַף אַ באַפעלקערונג פון 4 מיליאָן און דער צאָפן-אַמעריקאַנער פּרעזידענט — 25.000 פראַנק פאַר גאַנצע 67 מיליאָן נעפאַשעס.

קענטיק אַז אַף די טייַנעס פון אַדמיניסטראַטיוון כאַראַקטער האָט וועָרמאַנט קיין שום ענטפער ניט באַקומען פון קאָלאָנעל און ער איז דערפאַר געקומען צום אויספיר אַז דעם באַראָנס אינספּעקטאָר איז שטאַרק באַאייַנפלוסט געוואָרן פון די יִקאַ-סאַטראַפּן, ספּעציעל די גויִשע, פאַר וועלכע ער האָט געהאַט שטאַרק רעספּעקט...

אַ באַדייַטנדיק אָרט אין די קאָרעספּאָנדענצן פאַרנעמט אויך דער איניען ייִדישקייט, דאָס אויספעלן פון באָטע-טפילעס, קליי-קוידעש און מיקוועס. פון דער קאָלאָניע ראָש-פּיטע אַליאַרמירט מען אַז די ווייַבער דאַרפן זיך טויוול זייַן אין אַ טייַכל וואָס פליסט באַ דער זייַט פון שטיבל ווו ייִדן קומען זיך צונויף דאַוונען. דער וואַסקער ראָוו ציטירט אַ האַסראָע - בריוו פון ענגלישן ראָוו האַקוילעל נאַפטאַלי צווי אַדלער האַקויהען, אַז די עמיגראַנטן זאָל זיך ניט רירן פון אָרט אָן שאָכטים, מויהעלים, בוידקים, מעלאַמדים און מוירע-הויראָעס, און פאַרעפנטלעכט אַלייַן אַ קויל-קוירע צו די אויסוואַנדערערס, ווו ער וואָרנט זיי, אַז זיי זאָלן ניט וואַגן צו פאַרשאַכערן זייער עמונע און גייַסט פאַר אַ טאָפּ לינדזן מיט אַ שטיק ברויט...

עס ווערט אויך אָנגעגעבן דער ערשטער פאַל פון אַ געמישטער כאַסענע אין קאָלאָניע קלאַראַ, און אַז אַפילע דאָס אַרייַנמישן זיך פון קאָלאָנעל האָט ניט געהאָלפן באַטל צו מאַכן דעם שידעך צווישן אַ קאָלאָניסטישער ייִדישער טאָכטער און אַ דייַטש.

אַ פּאָר קאָרעספּאָנדענצן פאַרנעמען זיך אויך מיטן אַרויס־

פאַרן פון קאָלאָניסטישע מישפּאָכעס קיין בוענאָס-אײַרעס און מיט דער עמיגראַציע פון ייִדישע עקס-קאָלאָניסטן פון אַרגענטינע קיין צאָפן־אַמעריקע. ווערמאָנט ציטירט אַ בריוו פון צאָפן־אַמעריקע, אין וועלכן עס ווערט דערציילט אַז אַ גרופּע פון 81 עקס־קאָלאָניסטן האָט זיך גלענצנדיק אײַנגע־אָרדנט אין ניו־יאָרק און אין פילאַדעלפיע.

די לאַנגע סעריע קאָרעספּאָנדענצן ענדיקט זיך מיט אַ בריוו פון קאַליש, אין וועלכן דער דאָרטיקער טוישעוו צוויק דערציילט אַז דער ד"ר שאַפיר, וואָס האָט זיך אָקערשט אומ־געקערט פון פּאַריז, זאָגט איידעס אַז דער באַראָן וויל פאַר־וואַנדלען די ייִדן „לאכרים גמורים ולשפאנים במלוא מובן המלה" — אין פולשטענדיקע פויערים און אין שפּאַניער, אין פולן זינען פון וואָרט...

אַ בוענאָס־אײַרעסער צײַטונג-אויסשניט, וואָס איז ניט קיין אַרגענטינישער

צעדערבוים, וואָס האָט געקענט די רעפּוטאַציע פון ווער־מאָנטן און געוווּסט אַז פאַר ברייטע ייִדישע קרײַזן איז ער ניט קיין מעהודערדיקער איידעס, האָט געפּרוּווט באַשײַנען די גאַנצע דאָקומענטאַציע מיט אַזאַ מין נייטראַלן שטאָף ווי ניט־ייִדישע צײַטונג־אויסשניטן פון אַרגענטינע.

בעסאַכאַקל האָט ער פאַרעפנטלעכט 14 צײַטונג־אויסשני־טן, וואָס 13 פון זיי זײַנען אַרויסגענומען געוואָרן פון צײַ־טונגען וועלכע זײַנען דערשינען אין בוענאָס־אײַרעס ניט אין דער לאַנדשפּראַך נאָר אין דײַטש און פראַנצויזיש.. די אויסשניטן באַציִען זיך צום צײַטאָפּשניט 23טער דעצעמ־בער 1892 — 11טער מײַ 1893 און געהערן צו די ווײַ־טערדיקע צײַטונגען:

"Argentinisches Tageblat", "Deutsche La Plata Zeitung", "Le courier de La Plata", "Argentinisches Wochenblatt", "Vorwaerts".

דער 14טער אויסשניט געהערט צו דער פּאַריזער טאָג־צײַטונג "Le petit Journal" פון 17טן מאַרץ 1893.

פון די 14 אויסשניטן האָבן 12 אין גאַנצן ניט צו טאָן מיט ייִדישע איניאָנים, נאָר באַציִען זיך צו אַלגעמיין־אַר־גענטינישע אַנגעווייטיקטע אַנגעלעגנהייטן, וואָס זײַנען אין יענע ערשטע צײַטן פון מעלוכישער אָרגאַניזאַציע געשטאַנען אױפן סיידער־האַיאָם. עס רעדט זיך דאָרט וועגן פאַרשידענע

רעוואָלוציעס און אומרועז אין די פּראָווינצן, וועגן באַנק־אַפּערעס, שויכעד, אַנפאַלן פון אינדיער, באַנדיטיזם, קאָודי־זשישער העפקיירעס, אומגערעכטע שטייערן, שווינדלערייען מיט מעלוכע־אייגנטום, ניט־אויסצאָלן 13 כאָדאָשים געהאַלט די ראָזאַריער לערערס, שראַציס און בייזע פּליגעלעד אין טשאַקאָ און פאַרשיידענע סקאַנדאַלן אין אַזוינע מעקוימעס ווי מיסיאָנעס, קאַטאַמאַרקאַ, פאָרמאָסאַ און אַפילע טיעראַ דעל פועגאָ. ווערמאַנט האָט אָבער ניט אויסגעזאָגט צו דערבוימען אַז אין די דאָזיקע מעקוימעס זיינען ניטאָ קיין ייִדישע קאָלאָניעס, אַזוי אַז אַ ייִדן אין דער ליטע אָדער אין אוקראַינע האָט זיך גאַנץ גוט געקענט ליגן אויפן סייכל אַז מאָזעסוויל און מאַוריציאָ געפינען זיך ערגעץ גאָר נאָנט פון די דאָזיקע סובפּאָלאַרע און סובטראָפּישע ווילדעניש...

צום ,,Argentinisches Tageblatt,,פון 93-5-4 געהערט דער 13טער אויסשניט. דאָס איז אַ ווענדונג פון אַ ייִדישן קאָלאָניסט, וועלכער באַהאַלט זיך אונטערן פּסעוודאָנים „פּאַטריאָט” און וואָס לייקנט אָפּ שאַרפזיניק דעם בילבל פון דער אַדמיניסטראַציע פון קאָלאָניע מאַוריציאָ, אַז ייִדישע קאָלאָניסטן האָבן געגאַנוועט אָקסן און יונקאַ־אינווענטאַר, און פאַרשאַכערט אַלץ צו איבערפאַרקויפערס. ער וואַרפט די גאַנצע שולד אויף דער בייזוויליקייט און אומקאָמפּעטענטקייט פון דער אַדמיניסטראַציע, און זאָגט אַז, „קוים שוסטערס וועלן פאַרריכטן זייגערס”, וועט נישט אויסגעבעסערט ווערן דער גאַנג פון דער קאָלאָניזאַציע. ער גיט צום סוף צו: „די אַדמיניסטראַציע, וועלכע איז שולדיק אין אַלץ, וואַרפט די שולד אויף די קאָלאָניסטן קעדיי מען זאָל אויף איר ניט זאָגן דזשאָן בולס שפּריכוואָרט אַז „שלעכט איז דער פויגל וואָס צעשטערט זיין נעסט”.

פון אויסערגעוויינטלעכער עמעסער וויכטיקייט איז דער 14־טער אויסשניט, וואָס געהערט צו דער בוענאָס־איירעסער פראַנצויזישער צייטונג “Le courier de La Plata” פון 93-2-9. עס האַנדלט זיך אין אַ לייט־אַרטיקל אין וועלכן די רעדאַקציע אַליין פאַרנעמט זיך, אויף אַ בעעמעם פּראָוואָצירנדיק־כוליגאַנישן אויפן, מיט דער ייִדישער איינוואַנדערונג אין אַרגענטינע. מען דאַרף אונטערשטרייכן אַז דאָס איז ניט געווען די שטים פון אַרגענטינער קרייזן, נאָר פון אַ רעאַקציאָנערער קנופּיע פון דער פראַנצויזישער קאָלעקטיוויטעט, וואָס האָט זיך קענטיק דערשראָקן אַז די ייִדן וועלן ענג מאַכן אַרגענטינע פאַר די אימיגראַנטן פון די לאַטייניש לענדער. דער לייט־אַרטיקל וואָס איז טיטולירט „די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג” לייענט זיך (מיט קליינע קיצורים) אַזוי:

„די אנטיסעמיטישע באוועגונג איז ניט קעגן אלע סעמיטן נאר קעגן דעם קלענסטן טייל פון זיי — די יידן. דער דאזיקער קרייצצוג איז ניט קעגן א גרויסער ראסע נאר קעגן איין געוויסן הייפל. די אנטיסעמיטישע באוועגונג איז קוידעם-קאל א פאליטישע. די רעגירונגען האבן געזען אז די יידן, דארט ווו זייער צאל וואקסט, זאמלען אויף און פארכאפן, אן שום מי, די גאנצע רייכקייט פון לאנד; האבן זיי דעריבער באשלאסן מילכאמע צו האלטן קעגן דער דאזיקער אנשיקעניש און פון עטלעכע לענדער האט מען אפילע ארויסגעטריבן די יידן. אין פראנקרייך איז פארשטארקט געווארן די באוועגונג קעגן זיי, אין דייטשלאנד איז מען גענייגט אויפצושטעלן די אלטע פארפאלגונג-געזעצן. די דאזיקע באוועגונג וועט ברענגען צו אונדז, לויט ווי מען שמועסט, א מיליאן יידן. און וואס וועלן זיי דא טאן? לויט דער אלטער טראדיציע זיינען זיי געווען פאסטעכער, אבער פאסטעכער קענען נישט זיין צוזאמען. אף איין קוואדראט-מייל קענען זיך באזעצן 30 מישפאכעס מיט 3000 שעפסן; קומט אויס, אז אויב גאנץ ארגענטינע זאל פארוואנדלט ווערן אין א לאנד פון פיצוכט, וועלן זיך אין איר ניט קענען באזעצן מער ווי 3 מיליאן מענטשן. דער מיליאן יידן, וואס דער באראן הירש וויל ברענגען קיין ארגענטינע, וואלטן אף אזא אויפן געדארפט פארנעמען א דריטל פון לאנד. צוליב דעם וועט מען זיי דארפן געבן אן אנדער באשעפטיקונג. ערדארבעט איז ניט פאר די אימיגראנטן פון באראן הירש, וויל ארבעטן ווילן זיי אין גאנצן ניט; דאס וואס עס געפעלט זיי צום בעסטן איז מיסכער. ווי אזוי זשע וועלן זיי זיך קענען פארגלייכן מיט די איטאליענער, אויב זיי וועלן פאראייניקן ערדארבעט מיטן כיישעק צו מיסכער? מיר האבן מוירע אז די קאלאניזאציע פון די יידן אין ארגענטינע וועט ניט געלינגען, ביפראט אויב עס וועט אנהאלטן די אנטיסעמיטישע באוועגונג.

פון אונדזער דערפארונג ווייסן מיר אז יידן האבן אין ערגעץ ניט אויפגעבויט קיין בליענדיקע קאלאניעס אויסער אפן אינדזל מאיארקא, אבער דארט האבן זיי אנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן. אין אלגעמיין, אבער, האבן די יידן באוויזן אוימצייליקע מאל אז זיי האלטן זיך שטארק בא זייער גלויבן, אף אזוי ווייט אז קיינער וואגט שוין אפילע ניט צו אייצען זיי אז

זיי זאָלן בייטן זייער רעליגיע. לויט ווי עס לערנט די געשיכטע פון די לעצטע 1800 יאָר איז דער יידישער דאָס קעגנעריש צום לעבן פון דער געזעלשאַפט און קעדיי צו נישט מאַכן דעם ציל, צו וועלכן עס זיינען געווענדט די אויגן פון די יידן וואָס קומען מיטן קוי־ עך פון באַראָן הירש, דאַרף מען באַזייטיקן דעם דאָזי־ קן מיכשל פון וועג...4)

צו דעם אויסשניט האָט צעדערבוים צוגעגעבן אַ באַמער־ קונג: ווען דער אַרטיקל־שרייבער וויים אַז דער באַראָן וויל ברענגען ניט 1 מיליאָן נאָר גאַנצע 3 מיט אַ פערטל מיליאָן יידן קיין אַרגענטינע, וואָלט אויסגעקומען אַז די יידן וועלן פאַרנעמען דאָס גאַנצע לאַנד און עס וועט זיי נאָך ענג ווערן ווען זיי וועלן זיך נעמען פאַרמערן.

מיט קיין איין וואָרט האָט ער ניט דערמאָנט, אַז די צייַ־ טונג איז ניט קיין אַרגענטינישע נאָר אַן אויסלענדישע, וואָס איז דערשינען אין פראַנצויזיש אין דער קאָסמאָפּאָליטישער בוענאָס־איירעס און וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו אַ קנו־ פיע פראַנצויזישע רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטן. די דאָזי־ קע קנופיע איז געווען פאַרבונדן מיט אַנטיסעמיטישע אינ־ טריגאַנטן וואָס האָבן מיט איין יאָר שפּעטער, אין 1894, אויפגעבלאָזן די דרייפוס־אַפערע און באַוויזן ווי שאָפלדיק און פאַרקויפט זייער גאַנצע פּאַטריאָטישע מאָראַל איז.

דער באַראָן גינצבורג מאַכט ניט קיין בקיעם

נאָכן אויסרעכענען די אַלע פאַקטן, וואָס ווערמאַנט האָט געהאַט צוגעשטעלט מיט אַ ברייטער האַנט, האָט צעדערבוים ווידער גענומען דאָס וואָרט און געבעטן, אין אַ דראַמאַטישן טאָן, דעם באַראָן גינצבורג אַז עס זאָל אָפּגעשטעלט ווערן די יידישע עמיגראַציע קיין אַרגענטינע. עס איז אים בישאָם מיַיסע נאָרניט איינגעפאַלן אַז אייגנטלעך קומט ער, אויף זיין אויפן, צום זעלביקן אויספיר וואָס דער אַנטיסעמיטישער אַרטיקל־שרייבער פון "Le courier de La Plata".

אין לעצטן רוף צום באַראָן גינצבורג האָט ער געטיינעט אַז מען מוז פאַרגעסן אין דאָזיקן לאַנד, ווו עס הערשט דער קאַלט־גאַזלאַנישער פרינציפ פון „שמור לי ואשמור לך" („היט מיך, וועל איך היטן דיך") און פון וועלכן עס אַנט־

4) מיטן „מיכשל" ווערט דאָ געמיינט די יידישע אימי־ גראַציע

לויפן אַפילע „נוצרים מבטן ומלידה", („געבוירענע קריסטן"), וואָס זײַנען ערדאַרבעטער פון יוגנט אָן, און וואָס געפינען זיך נאָך, אויסער דעם, אונטערן שטענדיקן קאָנסולאַרן שוץ פון זייערע רעגירונגען. ער וואָרנט אַז ניט דער נײַער מוישע און ניט דער נײַער אַרן(5) וועלן ברענגען די אַרגענטינישע געולע פאַרן ייִדישן פאָלק, און ער דריקט אויס זײַן מוירע אַז די אַריבערגעבראַכטע ייִדן וועלן כאַלילע אונטערגיין ווי די צען שוואַטים.

ער פאַרענדיקט זײַן בריוו מיט דער פאַרזיכערונג, אַז כאָטש די „אנשים מן השוק", די מאַרקמענטשן, לאַכן זיך אויס פון אים, גלייבט ער אַז דער באַראָן גינצבורג וועט זיך צוהערן צו אים, און וועט „77 מאָל נאָכפאָרשן" דעם אינייען אַרגענטינע, ווײַל די גאַנצע מײַסע קען זיך כאָלילע ענדיקן מיט אַ קאַטאַסטראָפע.

דער באַראָן גינצבורג האָט אָבער קענטיק ניט נאָר קיין 77 בקירעס ניט געמאַכט, נאָר אַפילע קיין 7 אויך ניט, און איז נאָך לאַנגע יאָרן געשטאַנען בעראָש פון יִקאַ־קאָמיטעט אין רוסלאַנד. מיט 8 יאָר שפּעטער איז אים באַשערט געווען צו פאַרזוכן אין פּעטערבורג מאָזעסווילער האָניק, וואָס נויעך קאַצאָוויטש האָט אים ספּעציעל געבראַכט צוזאַמען מיט אַ העברעיִשן בריוו אין וועלכן די מאַטאָנע ווערט באַצייכנט ווי „ראשית פרי בכורי". („מײַן ערשטע ביקורים־פּרוכט"). דער באַראָן האָט אויך געענטפערט אין העברעיִש, ווינטשנדיק אַז „וישמן ישורון בארץ ארגענטינא ויעלה מעלה מעלה באשרו" „און עס זאָל פעט ווערן יעשורון (די ייִדן) אין לאַנד אַרגענטינע און ער זאָל שטײַגן הויך־הויך אין זײַן גליק"...).

צוויי פריציײַטיקע טויטן

צעדערבוימס קענגערישע אַגיטאַציע און ספּעציעל זײַן לעצטער קאָנצענטרירטער אָנגריף האָבן בלי שום ספק געבראַכט אַ סך שאָדן דער אידעע פון דער אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע. מען דאַרף אָבער באַמערקן אַז דער איקער זײַנען באַוווּרקט געוואָרן די ניט-דעצידירטע עלעמענטן, די אומקריטישע מויכעס און ספּעציעל יענע טיילן פון דער עקסקרעמערישער אָדער קליינקרעמערישער דעקלאַסירטער מאַסע,

5) געמיינט דעם באַראָן הירש און דעם באַראָנס פּלעניפּאָטענט אין רוסלאַנד — אַרנאָלד (אַרן) אוּאײַט.

וואס האט נאך ניט געוואגט צו גלייבן אין איר אייגענער פע־איקייט איבערצושיכטן זיך, און וועלכע איז, אין א געוויסן זינען, צופרידן געווען וואס אפן ווייטן און שווערן ארגענטי־נישן אויסוועג פאלן אזויפיל כשאדים מיצאד אזא אויטארי־טעט ווי צעדערבוים. די עמעסע ארבעטמענטשן און ניכטערע קעפ זיינען ניט ניספאעל געווארן און האבן לייכט אריבער־געשפאנט די שטרויכלונגען וואס צעדערבוים האט אויפגע־שטעלט.

די קאנדידאטן אף קאלאניסטן נויעד קאצאוויטש און אל־טער קאלער האבן ערעוו זייער עמיגרירן קיין ארגענטינע, אין יאר 1895, געהאט אזא מין מיינונג וועגן צעדערבוימס טא־רומעס:

„מיר האבן אויך נישט פארקוקט די נעגאטיווע אר־גומענטן פון הער צעדערבוים, רעדאקטאר פון „המ־ליץ", וועלכער האט מיט קאפדאנעס געזוכט אפצו־שטויסן די קאלאניזאציע. מיר זיינען באקאנט געווען מיט זיין לאנגן צעטל טיינעס, וואס ער האט אויסגע־רעכנט אין זיין אפענעם בריוו, צוגעשטעלט אין יאר 1893 צום באראן גינצבורג, פרעזידענט פון דעם צ"ק פון דער יזקא אין פעטערבורג. פארן הער צעדערבוים איז געווען ווערמאנט עמעס און זיין שרייבן עמעס, און הארוויצן (6) האט ער געהאלטן פאר אן אומ־פארנטווארטלעכן באל-מעגאזעם אין זיין שרייבן. גלייכצייטיק האבן מיר געוווסט דעם שעקער, אז מאר־ריסיא איז אומטויגלעך פאר ווייץ. די אינפארמאציע וועגן די פאליטישע פארטיישטרייטן אין לאנד האט אונדז ווייניק אנגעשראקן. אויך האט אונדז ניט אינ־טערעסירט, וואס דער פרעזידענט פון דער רעפובליק האט באקומען א צו הויכן האנאראר, אדער אז די יוסטיץ איז יא אדער ניט קארעקט. מערער ווי דאלעס ברענגען דאך יידן אין לאנד ניט אריין, זייערע פאר־מעגנס וועט דער פרעזידענט ניט פארשלינגען און מישפעטן זיך האבן זיי ניט פאר וואס. די גרעסטע „סטראשידלע" איז די אדמיניסטראציע, אבער אונדז איז באקאנט וויפל מאל דער באראן האט געביטן זיינע באאמטע. די אדמיניסטראציע וועט זיך מיסטאמע מיט דער צייט אויך נארמאליזירן, און וואס שייך קאנטרא־לירן דעם באראנס כעשבוינעס, איז עס ניט די אויפגא־בע פון קאלאניסטן. מען דארף דאך ניט זיין אזוי־

6) אווראם הארוויץ — אן אומפארטייאישער ארגענטי־נער קארעספאנדענט פון „הצפירה".

נאַיוו און רעכענען, אַז דער קאָלאָניסטישער עלעמענט איז „כולו תכלת" (אינגאַנצן רייןבלאָ). (7)

אינטערעסאַנט איז אויך צו ציטירן אַ בריוו אַ געשריבענעם צו קאַצאָוויטשן פֿון עמיגראַנט אַווראָם כייפּעץ, אַ האַרעפּאַשניק וועלכן מען האָט קענטיק אויך שטאַרק אַנגעשראָקן מיט אַרגענטינע:

„אַפּילע מיר איז אַף מײַן האַרץ נישט אַזוי גוט ווײַל מען סראַשעט מיר פֿאַר אַגאַרטון (8), נאָר איך דענק דאָס איז אַלעס פֿאַר די מענצין וואָס זײַנען געווינט לייִדיק צו גיין אָבער מיר אַרבעץ מענצין מיר פֿאָרן נאָר ג' זאָל הלפּין"...

עס קען זײַן אַז צעדערבוימס „אַנוואַרפֿן אַ שרעק" האָט, אין אַ געוויסער מאָס, גוירעם געווען אַ מין סעלעקציע און עס איז עפּשער גוט וואָס די צו פֿיל שרעקעדיקע האָבן זיך דערשראָקן און ניט געלאָזט זיך אַ ן וועג. עס איז אָבער אויך זיכער אַז זײַן פּראָפּאַגאַנדע האָט, שטאַרקער צי שוואַכער, באַווירקט אַלעמען און אויב זי האָט ניט באַוויזן צו אַנטמוטיקן די קאַצאָווישעס, די קאַלערס און די כייפּעצעס, האָט זי אָבער שווער געמאַכט די געמיטער און פֿאַרשאַרפֿט בײַ די עמיגראַנטן די גענייגטקייט צו איבערגעטריבענער פּסיכישער אויפֿגערייצטקייט. די דאָזיקע אויפֿגערייצטקייט האָט זיך שפּעטער געלאָזט פֿילן אַפּילע בײַ די מינדסטע שוועריקייטן אַפֿן אַרגענטינער סטעפּ און ספּעציעל פֿאַנעם על פּאַנעם מיט די ערשטע קליינע דורכפֿאַלן, אין וועלכע אַסאַך האָבן פֿון ערשטן מאָמענט אַן געזען סימאָנים פֿון פֿאַרווירקלעכונג פֿון צעדערבוימס בייזער נעוווּע.

דער הויפּטפֿעלער צעדערבוימס איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט קריטיקירט נישט נאָר די מעטאָדן פֿון דער יִיקאַ נאָר דער איקער די אידעע גופֿע, און וואָס ער האָט זיך באַמיט צו נישט צו מאַכן דעם עצעם געדאַנק פֿון אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע, באַנוצנדיק אַרגומענטן וואָס האָבן זיך געשטיצט אַף לײַדנשאַפֿט און ניט אַף זאַכלעכקייט.

ווען די יִיקאַ וואָלט אין דער פּראַקטיק געווען „כולה תכלת", וואָלט ער זי אַלץ איינס אָנגעגריפֿן צוליב דער קלוימערשט באַגרינדעטער און פֿאַקטיש מעטושטעשער קעגנערשאַפֿט זײַנער צום אַרגענטינער אויסוועג, אַ קעגנערשאַפֿט וואָס גראַד די באַרופֿנסטע ציאָניסטישע פּובליציסטן, ווי סאָקאָלאָוו און סלושץ, האָבן אַפֿן באַקעמפֿט.

---

7) נ. קאַצאָוויטש „מאָזעסווילער ברייִשיס", פֿאַרלאַג אָרג. יִיוואָ 1947, זז' 45־46.

8) געמיינט צו זאָגן „מען סטראַשעט מיר פֿאַר אַרגענטינע".

דאָס אומנאָבלסטע, ווידער, איז גאַנצן אַנגריף אַף דער יִיקאַ איז געווען די וויַט־וויַט ניט דערוויזענע באַשולדיקונג אַז דער באַראָן הירש האָט זיך געשטעלט פאַר אַן ענדציל „אומצוברענגען גייסטיק” 3 מיט אַ פערטל מיליאָן יִידן. מען האָט געדאַרפט האָבן אַסאַך מוט אַ וואָרף צו טאָן אַזאַ מאָנסטעריעזן בילבל פונקט אין מאָמענט ווען די פּאָפּולערקייט פון באַראָן הירש אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון צאַרישן טכום איז געווען איין לעשאַער. עס האָבן זיך טאַקע גלייַך אָנגעהויבן צו שיטן פּראָטעסטן פון אַלע זייַטן קעגן צעדערבוימס בילעל־האַקוידעשדיקער שטעלונג און דערפאַר איז אין זייַן בריוו צום באַראָן גינצבורג פאַראַן אַזוי פיל פאַרביטערונג קעגן פאָלק, קעגן „עמא פזיזא” און קעגן די „אַנשים מן השוק”.

דער קאָרעוו אַכציקיאָריקער צעדערבוים האָט געהאַט דעם מוט אַ טרייסל צו טאָן דעם פּעדעסטאַל אַף וועלכן דאָס פאָלק האָט דעם באַראָן לעבעדיקערהייט נאָך אַוועקגעשטעלט. דאָס איז געווען די לעצטע אַרבעט צעדערבוימס פאַרן טויט. אין קאַרגע 3 יאָר אַרום איז אויך געשטאָרבן דער באַראָן, ערעוו דער רייַזע זייַנער קיין אַרגענטינע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע פּלענער און רעפאָרמען.

עס איז זיכער, אַז ווען דעם באַראָנס לעבן וואָלט ניט איבערגעהאַקט געוואָרן אין סאַמע מיטן, וואָלט די אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע געשטאַנען פאַר צוויי מעגלעכקייטן: אָדער דער באַראָן הירש וואָלט זי אין גאַנצן ליקווידירט אָדער ער וואָלט געמאַכט פון איר אַ גראַנדיעזן יעש. די צווייטע מעגלעכקייט איז אָבער די וואַרשיינלעכסטע, ווייַל דער באַראָן, וואָס האָט קיין מאָל ניט איבערגעריסן זייַנע אָנגעהויבענע אַרבעטן און האָט קיין מאָל ניט כאַראָטע געהאַט אַף זייַנע ברייט־פאַרטראַכטע פּלענער, וואָלט זיכער ניט איינגעשטימט צו ווערן דער ליקווידאַטאָר פון זייַן ריזיקן לעבנסווערק. דאָס איינציקע אַף וואָס ער איז קיין מאָל ניט אייַנגעגאַנגען, איז — שטיין בלייַבן אין מיטן, און גראַד דאָס טאַקע איז געוואָרן די טראַגעדיע פון דער יִיקאַ אין נאָכבאַראָנישן פּעריאָד: זי איז שטיין געבליבן אין מיטן.

ווען צעדערבוים און באַראָן הירש וואָלטן געלעבט כאָטש נאָך אַ צען יאָר, וואָלט מען געקענט דערוואַרטן אַ סאַך ענדערונגען. די יִידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע וואָלט עפּשער אויסגעזען גאָר אַנדערש און דער רעדאַקטאָר פון „המליץ” וואָלט מעגלעך געדאַרפט בייַטן זייַן מיינונג און קלאַפּן זיך אַל כעט.

אינהאַלט

דער זין פון די טריט (אַרײַנפיר־וואָרט) 7
אונדזער לאַנד (יוגנט־הימן) 9

מיט שווערד און וואָרט

1. סאַן מאַרטין און זײַנע 2 טראַפּיעץ ... 13
2. עסטעבאַן עטשעוועריא — אַ מוסטער פון אַרגענטינישן אידעאַליזם 22
3. כואַן באַוטיסטאַ אַלבערדי — אַ ציווילער העלד 32
4. סאַרמיענטאָס שרײַבערישע ליִדנשאַפט . 43
5. דער פּאָעט און זײַן טײַך 52

אַ בליק אַפן פּאַנעם פון לאַנד

6. צאַפּנדיקע מיניאַטורן 65
7. צופּוסנס פון מענדאָסער שיינקייטן 86
8. אַ שטאָט אין דאָרעם 95
9. נאַפט אין פּאַלערמאָ 100
10. דער אויפקום פון אַ קינדער־טעריטאָריע 111

ייִדן אַף סאַן־מאַרטינישער ערד

11. דער קאָלאָניסטישער באַל־שעם־טאָוו פון ענטרע־ריאָס 121
12. באַרעך בענדערסקים גרינע וועלט 130
13. 50 ייִדישע פּאַמפּע־יאָרן 140
14. אָנהייב שטורעם 152
15. דער ערשטער רעאַקציאָנערער אָנגריף קעגן ייִדישן ערד־לעבן אין אַרגענטינע ... 157